״די לעצטע צייט האָט אונדזער פּאַרטיי־אַרבעט אין כעלם (לובלינער גוב.) אָנגעהויבן גיין נאָרמאַלער. עס ווערט דורכגעפירט רעגלמעסיק קרייזלעך, סכאָדקעס, אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרזאַמלונגען א.א.וו. אין קולטורעלן הינזיכט שטייען די היגע אַרבעטער גאָר נידעריק, עס פעלן אויס אינטעליגענטע קרעפטן, פון אנדזער לובלינער ראַיאָן־קאָמיטעט האָבן מיר ניט קיין שטיצע, גלייך, ווי ער וואָלט ניט עקסיסטירט״ — אונטערגעשריבן: שלום, (איך גלייב, אַז דאָס איז געווען שלום זילבערמאַן, אַ מאַליער־אַרבעטער, כייטשע דער בעקערינס זון, וואָס איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע צוליב פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען).

אין אַ נומער ״פאָלקס־צייטונג״, אין דער רובריק פון פּראָפעסיאָנעלן לעבן, לייענען מיר נאָך אַ קאָרעספּאָנדענץ:

״אַ דאַנק דער אָרגאַניזאַציע פון ״בונד״, וואָס עקסיסטירט שוין אַ לענגערע צייט אין כעלם, האָט זיך די לאַגע פון די היגע אַרבעטער אויפן עקאָנאָמישן געביט אַ סך פאַרבעסערט, אנשטאט דעם, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן פריער געאַרבעט פון 16 ביז 18 שעה אַ טאָג, אַרבעטן זיי היינט נאָר 14 שעה אַ טאָג כמעט ביי אַלע פאַכן האָבן זיי גרעסערע שכירות און בעסערע באַהאַנדלונגען.

״נאָר צוליב די לעצטע רעפּרעסיעס און אַרעסטן, וואָס עס איז דאָ די לעצטע צייט פאָרגעקומען, האָבן די מייסטערס דערקלערט די אַרבעטער אַ לאָקאַוט מיט פאָלגענדע פאָדערונגען: 1) אַ 15 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; 2) פאַרקלענערן די שכירות; 3) אַרבעטן שבת־צו־נאַכטס; 4) שטיק ארבעט און 5) אָפּזאָגן איינצלנע אַרבעטער, וועלכע זיינען באַוווסט פאַר קראַמאָלניקער א.א.וו.

״די מייסטערס האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי אַרעסטירן די באַוווסטזיניקע אַרבעטער, אויך דאָס אַלעס האָט ניט אָפּגעשראָקן די אַרבעטער. די מייסטערס האָבן זיך געוואָנדן דורך זייערע דעלעגאַטן צו דער אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זאָלן אַ סוף מאַכן צום לאַנגן שטרייק, די אַרבעטער האָבן אָבער זייערס אויסגעפירט. — אונטערגעשריבן: שלום.

★

פּייוול פּריד, אין אַ בריוו שרייבט:

אין יאָר 1904 איז דורך מיר און שמואלקע ווינער אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי צאַלע בערעלעס אויפן הויף, עס איז אויך דאַן געשאַפן געוואָרן אַן אומלעגאַלע ביבליאָטעק. אויף דער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג האָט גערעדט פּרץ, אפרים שיעס, דער זעלביקער איז אויפגעטראָטן אויף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען פון יידישע און אפילו ניט־יידישע אַרבעטער.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען פון לאָנדאָן, אין יאָר 1905, בין איך אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט יוסף מילנער, אין אַ וווינונג פון אַן אקושערקע, וועלכע איז אויך געווען אַ צאָנדענטיסטין. דאָרט, אין יענער דירה, איז געפירט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. די אקושערקע האָט אָנגעפירט מיט פּאָליטישע קרייזלעך פון די ״ס.ס.״ און עס פלעגן אויך קומען צו איר אין וווינונג רוסישע רעוואָלוציאָנערן. איינער אַ געוויסער ביעלאַקאָוו האָט אָנגעפירט מיט דער פּאָליטישער אַרבעט צווישן די רוסישע קרייזן.

אין יענער צייט האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט דער בעקער־יונג, מאיר צעלניק, אַ בונדיסט, און ביז גאָר אַן אָריגינעלער טיפּ, ער האָט אָרגאַניזירט אַלע דינסט־מיידלעך פון שטאָט. ער ווערט אויך דער אויסגלייכער צווישן די באַלעבאָסטעס און די דינסט־מיידלעך. ער, מאיר צעלניק, נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּאָליטישע קרייזלעך פון שטאָט.

די יידישע אַרבעטער־בירזשע איז צו יענער צייט געווען אין דער טשיינע פון שבע און חיים־יקותיאל, ביי די טרעפּ פון דער נייער צאַל. אין יענע יאָרן פון 1904—1906 איז געווען זייער טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג אין כעלם די שניידערין, כינקע יאַנטשע פויאס, אָדער ווי מ׳האָט איר פאָטער גערופן יאַנטשע פון סאָדע־וואַסער. מען דערציילט, אַז זי איז געווען איינע פון די טיכטיקסטע טוערינס צווישן די כעלמער בונדיסטן. אין 1906 איז זי פאַרשיקט געוואָרן און זי איז שוין קיינמאָל ניט צוריקגעקומען״.

★

בעת כ׳בין געווען אין פּאַריז, אין יאָר 1952, האָב איך זיך געטראָפן מיט יוסף מילנער, וואָס האָט מיר אינפאָרמירט, אַז לויט זיינע זכרונות פון די יאָרן 1904—1906, איז אויף אַ צוזאַמענטרעף אין הויז פון צאַל בערעלעס (פּייוול פּרידס פאָטער), וואָס איז פאָרגעקומען אין 1904 און איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם קרייז ״פרייהייט״ אין כעלם, איז אויך אויפגעטראָטן נחום בראַפמאַן א. נ. פון ״בונד״. ער האָט גערעדט זייער גוט און די טעמע איז געווען וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין רוסלאַנד—פּוילן. ער איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און ס׳איז ניט געווען קיין און בונדישע פאַרזאַמלונג אָדער ליאַמע, ווו נחום בראַפמאַן איז ניט בייגעווען און זיך ניט באַטייליקט. זיין מוטער האָט געוווינט אַקעגן די קאַזאַרמעס, ווו זי האָט אַלע יאָרן געטראָגן מילך צו פאַרקויפן.

ערשט, אין 1911, באַווייזט זיך אויף דער אַרבעטער בירזשע, וואָס איז געווען דאַן אויף לובלינער גאַס, נעבן פּוילישן קלויסטער שיע (נאָז) טענענבוים, אַ מאַליער, וואָס איז געווען אַן איבערצייגטער בונדיסט. ער נעמט אָרגאַניזירן די יידישע מאַליאַרעס און די קרובישע פאַכן. דערנאָך, מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, ווערט ער גענומען אין מיליטער און מער האָט מען ניט געהערט פון אים.

★

עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די דייטשן האָבן אָקופּירט כעלם, האָבן געהאַלטן די באַפעלקערונג אין

מורא און פּחד, ניט געבנדיק קיין שום פרייהייט פון וואָרט. די לאַגע איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער, ווען די עסטרייכער האָבן איבערגענומען די אָקופּאַציע פון כעלם. די יוגנט האָט זיך שוין דערלויבט צו פאַרזאַמלען אין פאַרשיידענע פּריוואַטע הייזער און מ׳איז געגאַנגען שפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די לובלינער גאַס איז שוין געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן היןּ־און־הער געשפּאַצירט פון סאַבאָר ביזן זאַקסישן גאָרטן און ווייטער. דעמאָלט איז שוין געווען די געלעגנהייט זיך טרעפן און איבערגעבן איינער דעם צווייטן וועגן אַ צוזאַמענטרעף אָדער מכּוח אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג. מחמת פאָרזיכטיקייט, האָט כמעט קיינער ניט געוווּסט — ביז אַ שעה פאַר דער פאַרזאַמלונג — ווו די פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען, וואָס וועט זיין דער סדר־היום, ווער זיינען די רעדנער, א.ד.גל.

אַ טאָג פאַר פּורים, 1916, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז עס גרייט זיך אַ ספּעציעלער פּורים־אָוונט. אינעם טאָג פון פּורים האָט איינער דעם צווייטן אָנגעזאָגט וועגן אַ צוזאַמענקום. די אָנזאָגער, פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־טוער, זיינען דאַן געווען די אַ חברים: משה שימעל, יעקב שטעקן, שמואל מרדכי זיגלבוים, מיכאל לינדענבוים, שרה לינדענבוים, נאָטע טאָרן קאַפּלאַן (דער איינציקער ליטוואַק, וואָס איז געווען אַ שטאַרק־אָריגינעלער טיפּ), מאָטל שעכטערזאָן (היינט אין אויסטראַליע).

דער ערשטער פּורים־אָוונט, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין דער שותּפישער דירה פון משה שימעל און מיכאל און שרה לינדענבוים, האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן רושם צווישן דער כעלמער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַ נייער פונק פון לעבן איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין די הערצער פון די אַלע, וועלכע זיינען זיך צונויפגעקומען. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן און מ׳האָט געזונגען און רעציטירט אַרבעטער־לידער. שרה שאַליט האָט זייער שיין רעציטירט י. ל. פּרצעס "מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע".

אויף וויפיל איך געדענק, זיינען פון די עלטערע בונדיסטן געווען אויף דעם פּורים־אָוונט די פאָלגנדע חברים: משה שימעל, שרה און מיכאל לינדענבוים, קאַפּלאַן, שרה שאַליט, ראובן שעכטערזאָן, אהרן דוד היפּשמאַן, דוד און מאיר בוים, הענעך פליישער, פּרוי פליישער (איצט אין ישראל), מאָטל שעכטערזאָן, נאָטע טאָרן און אַנדערע חברים, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ געוויסן סטאַזש פון טעטיקייט אין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. צווישן די ייִנגערע חברים, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט באַוויזן אָנטייל צו נעמען אין קיין שום באַוועגונג אָדער אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען: שמואל (אַרטור) זיגלבוים, יעקל דרעקסלער, ישראל דרעקסלער, וואָוקע גאָטליב, אברהם יעקב שנאבל (איצט אין ישראל), שבע שנאָבל (געשטאָרבן אין ישראל), יעקב פאלמאַן (איצט אין אפריקע), יוכבד פאלמאַן (געשטאָרבן אין ישראל אין 1947), גאָלדע און קיילע שפּערלינג, פייגע ריין (איצט אין פראַנקרייך), שמאל פאַראָביק (אומגעקומען אין פּאַריז), איציל רייף, מיין ווייניקייט און און ריקעל רייכבינד (אין דרום אפריקע).

אויף דעם זעלבן אָוונט איז אויסגעקליבן געוואָרן די ערשטע פאַרוואַלטונג, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַן אַרבעטער־היים. אין קאָמיטעט זיינען אַריין: משה שימעל, מ. לינדענבוים, קאַפּלאַן, י. שטעקן, ש. זיגלבוים, אהרן דוד היפּשמאַן און יודל גראַבער.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ יוגנט־קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט צווישן דער יוגנט. אין דער קאָמיס־יע זיינען אַריין: ש. פאַראָביק, א. י. שנאָבעל, פייגע ריין און נ. וויניק. דאָס ערשטע צימער, וואָס מען האָט געדונגען, איז געווען ביים גראָבן קאָפּ אויפן טאָרג. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען, ענדלעך, געדונגען אַ הויז אויף דער אַבלאַנסקי גאַס (אַקעגן דער באָד). אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען געפּראַוועט די שמחה פון ערשטן צוזאַמענקום אין הויז, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן "אַרבעטער־היים". עס האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי אַרום דער "אַרבעטער־היים" האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן כמעט אַלע יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען אין כעלם. אַן אַקטיווע קולטור־אַרבעט האָט זיך שוין דעמאָלט געפירט אין כעלם.

די וויכטיקסטע אויפגאַבן פאַרן קאָמיטעט זיינען דאַן געווען: א) צו שאַפן אַ ביבליאָטעק ביי דער "אַרבעטער־היים", ב) איינאָרדענען צוזאַמענקומס אין די אָוונטן בכלל און ספּעצ־יעל אין די שבתים און יום־טובים מיט אַ קינסטלערישער פּראָגראַם, און ג) אויפקלערן דעם עולם די פּאָליטישע סיטואַציע פון דער וועלט.

אין זייער אַ קורצער צייט איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ פּאָר הונדערט ביכער פאַר דער ביבליאָטעק און מיט גרויסער פלייסיקייט האָבן די יידישע אַרבעטער גענומען לייענען. גאַנץ לעבעדיק זיינען געווען די שבת נאָכמיטאָגס, ווו עס זיינען זיך צונויפגעקומען כמעט אַלע יידישע אַרבעטער אויסצוהערן פאַרשיידענע לעקציעס וועגן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, ווו די אָנטיילנעמער זיינען געווען: מ. שעכטערזאָן, ראובן שעכטערזאָן, מאיר בוים, שרה שאַליט, שבע בינשטאָק, פייוול דרעקסלער א. א.

די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין טעאַטער־זאַל "סירענאַ" אויפן טאָרג. אויפגעפירט האָט מען דאַן "זשאַן און מאַדלענאַ", וואָס האָט געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם אין שטאָט אויף אַלעמען, וועלכע האָבן געזען די פאָרשטעלונג. ספּעציעל האָט געווירקט די מאַסן־סצענע, ווי מען איז אַרויף אויף דער בינע מיט רויטע פענער און מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־לידער. די פאָרשטעלונג האָט צוגעגעבן מוט אַ סך אַרבעטער, ספּעצ־יעל די יוגנטלעכע, זיי זאָלן אַריינטרעטן אין די נאָרוואָס געשאַפענע פּאָליטישע פּאַרטייען. די צווייטע פאָרשטעלונג אינעם זעלבן קינאָ־זאַל איז געווען "ביידע קונע לעמלס", די הויפּט־ראָלן האָבן געשפּילט מאָטל און ראובן שעכטערזאָן.

נאָך שטורמישע פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע די "אַרבע־

טער־היים״ האָט אָנגענומען די בונדישע אידעאָלאָגיע, זייַנען געוויסע מיטגלידער פון ״אַרבעטער־היים״, ווי אויך די גרופּע פּועלי־ציון אַרויסגעטראָטן פון ״אַרבעטער־היים״. בראש פון דער אַרויסגעטראָטענער גרופּע איז געשטאַנען אהרן דוד היפּשמאַן.

מען האָט פאַרגרעסערט די ביבליאָטעק און איר אַ נאָמען געגעבן ״גראָסער־ביבליאָטעק״. דער ערשטער ביבליאָטעקאר איז געווען משה שימעל און זיין געהילף איז געווען מיכאל באנקירער.

מען האָט אויך באַשלאָסן צו עפענען אַ קינדער־היים, צו עפענען אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, אָרגאַניזירן די אַרבעטער לויט באַזונדערע פאַכן, עפענען אַ ביליקע קיך פאַר אַרבעטער, גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס זאָל פאַרקויפן ביליקער די פּראָדוקטן, און צו עפענען אַן אייגענע בעקעריי פאַר די מיטגלידער.

עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַ פּרעסע־קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די אַרבעטער־פּרעסע, דער עיקר די בונדישע ״פאָלקס־צייטונג״ און ״יוגנט־וועקער״.

מען האָט געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו עפענען די קינדער־היים. לויטן באַשלוס האָט מען געדאַרפט פריער אָננעמען קינדער, גאַנצע אָדער האַלבע יתומים, דערנאָך קינדער פון אַרבעטער און פון מיטגלידער.

אַ באַזונדער אָרט אין דער טעטיקייט פון דער בונדישער באַוועגונג האָט פאַרנומען דער געשאַפענער קאָאָפּעראַטיוו. דער קאָאָפּעראַטיוו איז געווען נעבן קוזמיר־שטיבל, אויף אנדריאַנאָווסקע גאַס, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פירער איז געווען הענאַך פליישער.

אַזוי ווי ברויט האָט מען דעמאָלט צוגעטיילט אויף קאַרטן, און דאָס ברויט איז געווען זייער שלעכט, האָט מען באַשלאָסן צו עפענען אַן אייגענע בעקעריי פאַר די מיטגלידער. דער פאַרוואַלטער פון דער בעקעריי איז געווען יוסף באַנקירער, וואָס איז היינט אין ישראל.

בכלל זיינען די יאָרן 1917 און 1918 געווען אַן אויפשוווּנג פאַר דער בונדישער באַוועגונג אויף אַלע געביטן — אויפן פּאָליטישן ווי אויפן פּראָפעסיאָנעלן, אויפן קולטורעלן ווי אויפן עקאָנאָמישן געביט, — אין אַלע צווייגן פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין כעלם.

די זעלבסטשוץ

ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די מאַכט אין שטאָט, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די פּויערים גרייטן צו אַ פּאָגראָם. דאַן איז לויט דער איניציאַטיוו פון ״בונד״ צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע יידישע פּאַרטייען אין שטאָט, כדי צו שאַפן אַ זעלבסטשוץ. עס זיינען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן מעלדונגען אין יידיש און אין פּויליש וועגן אַ מאַסן־מיטינג, וואָס וועט פאָרקומען אין דער גרויסער שול.

עס איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן אַ ווענדונג צו דער פּוילישער באַפעלקערונג, אַז זי זאָל פאַרדאַמען די העץ־כוואַליע, אויב ניט, וועט זי טראָגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויף דער פאַרזאַמלונג פון די פּאַרטייען איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען ענערגישע מיטלען זיך צו פאַרטיידיקן פון אָנפאַלן. עס איז באַשטימט געוואָרן אַוועקצושטעלן אַ וואַך פון יונגע אַרבעטער אויף די וועגן, פון וואַנען די פּויערים קומען געווינטלעך אין שטאָט אַריין. אויף דעם רוף פון ״בונד״ האָט זיך בייטאָג אין שול פאַרזאַמלט כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטאָט.

אויפן באַלעמער פון דער שול האָט זיך דער ערשטער אַוועקגעשטעלט ריידן ד״ר מירלאָס. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס נעבן דער שול אַן אָפּטיילונג פון פּוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אויפגעפּאָדערט דעם עולם זיך פונאַנדערגיין. דער בונדישער פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמענדאַנט פון מיטינג איז דאַן געווען ש. גוטערמאַן, און דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אונדזער געווער־אַרסענאַל — חיים לאַנג, וועלכער איז דעמאָלט געווען נאָרוואָס צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. ווען דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט זיך געווענדט צו ש. גוטערמאַן וועגן פונאַנדערלאָזן דעם מיטינג און די פּאָליציאַנטן זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען מיט די ביקסן אין די הענט, איז שטילערהייט צוגעגאַנגען פון דער זייט חיים לאַנג צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט, און שטיל, אין אַ שנעלער באַוועגונג, מיט אַ שאַרפן מעסער אָפּגעשניטן דעם רעוואָלווער מיטן לעדערנעם טאַש.

ווען דער קאָמענדאַנט האָט באַמערקט, אַז מען האָט ביי אים צוגענומען דעם רעוואָלווער האָט ער זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים אָפּגעבן דעם רעוואָלווער און מען זאָל זיך רויִק פונאַנדערגיין. ער האָט דערביי גאַראַנטירט, אַז קיין שום עקסצעסן, קיין אָנפאַלן וועלן אויף יידן ניט פאָרקומען. עס איז ניט געווען קיין שום ברירה, ווי נאָר זיך פונאַנדערגיין, ווייל די פּאָליציי איז געשטאַנען אַרום דער שול מיט די באַגנעטן גלייך צו אַטאַקירן. ניט וועלנדיק דערלאָזן צו אַ בלוט־פאַרגיסונג האָט דער געמיינזאַמער קאָמיטעט באַשלאָסן דעם מיטינג פונאַנדערצולאָזן און געבעטן דעם עולם רויִק גיין אַהיים. די ספּעציעלע זעלבסט־שוץ־וואַך איז פון דעסטוועגן אַרומגעגאַנגען אין די נעכט אָפּהיטן די יידישע קוואַרטאַלן, די שולן און אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל ניט מאַכן קיין אָנפאַלן אויף די יידן. ס׳איז כדאי צו באַטאָנען אַז די זעלבסט־שוץ־גרופּע איז געווען מיליטעריש געשולט און זי איז נאָך געווען צוגעגרייט דורך חיים לאַנג, מיט אַ צייט פריער. דער סקלאַד פון געווער האָט זיך געפונען ביי באַשע שניידערמאַן (אַ שניידערקע).

מיט אייניקע טעג שפּעטער האָט מען אַרעסטירט ש. מ. זיגלבוימען (אַרטורן) און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין דער כעלמער תפיסה (אויף לובלינער גאַס). דער אַרעסט פון ש. זיגלבוימען האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין שטאָט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן פון בונדישן קאָמיטעט, אַז מען מוז אים

זען צו באַפרייען ביי אַלע באַדינגונגען און מיט אַלע מיטלען. אויפן 2־טן טאָג (שבת) איז גערופן געוואָרן אַ גרויסע פאַר־זאַמלונג נעבן דער וווינונג פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט. ד״ר פענסטערבלאו האָט דאַן גערעדט צום פאַרזאַמלטן עולם אויף פויליש, און געזאָגט, אַז אויב מען וועט זיגלבוימען גלייך ניט באַפרייען, וועט דער עולם גיין צו דער תפיסה און ברעכן דעם טויער.

ווען דער עולם איז אָנגעקומען צו די טויערן פון דער תפיסה, נאָכדעם ווי דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט אויפ־גענומען אַ דעלעגאַציע, ווי אויך דער קאָמענדאַנט פון דער תפיסה האָט אויסגעהערט די בקשה פון אַ דעלעגאַציע, האָבן זיך, וואָרשיינלעך, די קאָמענדאַנטן פאַרשטענדיקט טעלע־פאָניש וועגן די רעזולטאַטן וואָס עס קאָן ברענגען אַזאַ צו־זאַמענשטויס און זיי האָבן באַשלאָסן צו באַפרייען אים. דער עולם האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען זיגלבוימען און אים פשוט אַרויסגעטראָגן פון תפיסה־הויף אויף די הענט.

✶

סוף נאָוועמבער 1918, האָט די בונדישע פּאַרטיי געפּראַ־וועט ש. מ. זיגלבוימס חתונה מיט גאָלדע שפּערלינג, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען אַ מיטגליד אין דער בונדישער פּאַרטיי. די פאַמיליע שפּערלינג האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער בונדישער באַוועגונג אין כעלם צו יענער צייט.

בעת די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן אין כעלם צום שטאָט־ראַט, 1919, האָט די בונדישע פּאַרטיי פונאַנדערגע־וויקלט אַ קאָלאָסאַלע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, אויפקלערנדיק אויף מיטינגען, דורך פלוגבלעטלעך און פּלאַקאַטן די פּאָס־טולאַטן פון דער בונדישער פּאַרטיי. אויף דער ליסטע פון די קאַנדידאַטן צום שטאָט־ראַט זיינען געווען פאַרשטייער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַכן: דער ערשטער אויף דער ליסטע האָט פיגורירט ש. מ. זיגלבוים, די ליסטע האָט געהאַט דעם נר. 4. פון די אַלע 24 ראַטמענער, וואָס עס האָבן באַדאַרפט דאַן אויסגעקליבן ווערן אין שטאָט־ראַט, איז צו דער גרעסטער באַוווּנדערונג פון דער גאַנצער כעלעמער באַפעלקערונג, גע־ווען גאַנצע 19 פון דער בונדישער ליסטע. די וואַלן זיינען דאַן פון לובלינער וואָיעוואָדע געפּסלט געוואָרן. ערשט אין 1921 זיינען פאָרגעקומען נייע וואַלן צום שטאָט־ראַט, ווו דער "בונד" האָט שוין געקראָגן בלויז איין מאַנדאַט — פאַר הערשעלע פּרוקטאַרטן.

פון די יאָרן 1924 און ווייטער קלייבט זיך דער "בונד" אַריבער אויף לובלינער גאַס נר. 13—17. עס ווערט דאָרט געעפנט צוריק די "גראָסער־ביבליאָטעק" און עס ווערט אָנגע־פירט ווייטער די בונדישע ארבעט, טאָקע אויף אַ קלענערן אופן, אָבער גאַנץ אַקטיוו. פון צייט צו צייט קומען ארויס פון צענטער געוויסע אינסטרוקטאָרן מיט רעפעראַטן און פאָר־לעזונגען.

פון 1936 ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, זעען מיר שוין אויפסניי אַן אַקטיווע בונדישע אַרבעט אין כעלם. אַזוי, למשל, לייענען מיר אין דער "נייער פאָלקסצייטונג" נר. 90, פון 12־טן מערץ, 1937, אַז כעלם האָט באַשטעלט — אין די ערשטע דריי פרעסע־טעג, דעם 1־טן, 2־טן און 3־טן אַפּריל — עקסטרא 1000 עקזעמפּלאַרן פון דער "פאָלקסצייטונג".

בכלל איז אין כעלם אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט, ווו דער "בונד" האָט — אויף זיין אופן און שטייגער — אַ סך בייגעשטייערט פאַר דער פּאָליטישער רייפקייט פון די יידישע אַרבעטער, פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג און עקאָנאָמישער אויסבעסערונג פון די יידישע כעלעמער מאַסן און פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די יידן אין כעלם.

"בונד" (איגוד)

נציין שה"בונד" המשיך בדרך כלל כל השנים בקו המערך המסורתי שלו, של מאבק ללא פשרה עם המשטר הריאקציוני והאנטישמי במדינת פולין בכללה, ועם מעשיו השליליים במקום, בחלם. מערכה זו ניהל ה"בונד" בכל דרך ומעל כל בימה שבהן ניתן היה הדבר, אם בכוחות שלו לבדו ואם בשות־פות עם מפלגות סוציאליסטיות אחרות, לרבות הפולנית ("פ.פ.ס.").

רבות עשה ה"בונד" במאבק על זכות העמל היהודי לעבודה ובמערכה להשבחת תנאי־חייו של הפועל, להבטחת קיומו בכלל, ובמיוחד להרמת קרנו וזקיפת גוו, וכן בטיפוח היסודות של העזרה ההדדית לצורותיה ולגילוייה השונים בפנים המחנה של העובדים. הרבה כוחות השקיע ה"בונד" בחינוך הילד היהודי ברוח השקפותיה של תנועה זו, וכן בפעולת תרבות בקרב העובדים ובנוער לחינוכו ולארגנו, הניחו יסוד לשיעורי־ערב להשכלת פועלים ולבמה להרצאות לעם, ומדי פעם בפעם היו נערכות על־ידיה גם נשפי־שאלות־ותשובות וכד׳.

מסועפת היתה פעולת הבונד גם בנוער, אף בקרב הילדים. בני־הנוער של המפלגה היו מאוגדים ב"צוקונפט" (עתיד). למען הילדים הוקמה אגודת "סקיף" ("סאָציאַליסטישער קינ־דער־פאַרבאַנד", היינו "איגוד ילדים סוציאליסטי").

מאז ומתמיד היה ל"בונד" חבר עסקנים מסורים לו בלב ונפש ונאמנים לרעיונו, וכן הצטיינו בתפקידים הציבוריים הכלליים שהם היו ממלאים, ושבהם פעלו ברוח השקפת־עולמם ובמגמת תנועתם ולהגברת השפעתה.

זלמן קראַטקאָ

די יידישע ארבעטער־באַוועגונג

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין שוועסטער כאַיקע, וועלכע איז אין עלטער פון 25 יאָר דערמאָרדעט געוואָרן אין די סאָוויעטישע לאַגערס.

די יידישע באַפעלקערונג אין כעלם האָט אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט געבילדעט די גרעסטע נאַציאָנאַליטעט אין פאַרגלייך מיט פאָליאַקן, אוקראַינער און רוסן, וועלכע האָבן געלעבט אין כעלם. אין 1909 האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט בערך 40%, אָבער אָנהייבנדיק פון 1911 בילדן שוין די יידן אַן אַבסאָלוטע מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג — בערך 56% (אויף 21,416 איינוווינער — 12,100 יידן). בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך באַדייטנדיק פאַרקלענערט די צאָל איינוווינער פון דער שטאָט (1914 — 26,380, 1918 — 16,265). די הויפּט־סיבות: 1) די מערהייט פון דער רוסישער באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט כעלם צוזאַמען מיט דער רוסישער מאַכט; 2) אַ טייל יידישע איינוווינער, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט בעת דער מלחמה, האָבן זיך ביזן 1918 נאָכנישט אומגעקערט. אָנהייבנדיק פון די יאָרן 1919/20 איז סיסטעמאַטיש געוואַקסן די צאָל איינוווינער: אין יאָר 1921 — 23,221, 1931 — 29,222, 1936 — איבער 32 טויזנט. די יידישע באַפעלקערונג האָט אין די יאָרן געבילדעט אַן אַבסאָלוטע מערהייט, אין 1939 האָט זי געציילט בערך 18 טויזנט. בכדי צו פאַרקלענערן דעם איינפלוס פון יידן בעת וואַלן, הויפּטזאַכלעך צום שטאָט־ראַט, האָט מען אויף אַ קינסטלעכן אופן פאַרגרעסערט די ניט־יידישע באַפעלקערונג, דורך איינשליסן די איינוווינער פון די אַרומיקע דערפער אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

די יידישע באַפעלקערונג איז הויפּטזאַכלעך געווען באַשעפטיקט אין האַנדל און האַנטווערק. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931 יאָר, האָט דער אָנטייל פון יידן אין האַנדל אין כעלם אויסגעטראָגן 82%, איינער פון די העכסטע פּראָצענטער אין די מיטעלע און גרעסערע שטעט (דער העכסטער אין פּינסק — 90%). אויך אין האַנטווערק זענען יידן אַן אַבסאָלוטע מערהייט. לויט דער "כעלמער שטימע" פון 28 אַפּריל און 5 מאַי 1933 זענען אין כעלם געווען טעטיק 1,100 האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, אָבער בלויז 700 האָבן אויסגעקויפט האַנטווערקער־קאַרטעס. צום האַנטווערקער־פאַראיין האָבן דאַן געהערט 538 מיטגלידער. לויט דער סטאַטיסטיק פון מאַגיסטראַט פון ענדע 1932, זענען געווען פאַרעגיסטרירט 760 האַנטווערקער, פון זיי 532 יידישע און 228 פּוילישע. דער אָנטייל פון יידן אין באַזונדערע פאַכן האָט אויסגעטראָגן: ביי שוסטערס און בעקערס — צו 75%; ביי סטאָליאַרעס — 80%; ביי שניידערס — 85%; ביי קאַמאַשנמאַכערס, מאַלאַרעס און היטלמאַכערס — 100%.

ליידער קענען מיר ניט אָנגעבן די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע אַרבעטער. ס׳איז בלויז באַוווּסט, אַז די אַבסאָלוטע מערהייט איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין האַנטווערקער־וואַרשטאַטן פון אַלע בראַנזשעס; אַ קליינער טייל אין גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי אין מילן, אין דאָרמאַנ׳ס רעקטיפיקאַציע; אַנדערע ביי טראַנספּאָרט און בויוועזן; אַ טייל אַלס שוואַרץ־אַרבעטער און, הויפּטזאַכלעך פרויען, אַלס הויז־אַרבעטערינס. זייער נאָענט צו די אַרבעטער האָט זיך געפונען אַ גרויסע גרופּע פון אָרעמע כאַלופּניקעס, וועלכע האָבן אָפט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה.

אַן אָנגעזעענע גרופּע לוין־באַשעפטיקטע זענען האַנדלסאָנגעשטעלטע און באַאַמטע פון פאַרשידענע — הויפּטזאַכלעך יידישע — אינסטיטוציעס, ווי אויך יידישע לערערס פון דער פאָלקס־שול, פון תרבות־שול, פון דער א"ג יידישער גימנאַזיע, פון קינדער־היימען און פון אַנדערע דערציאונג־אַנשטאַלטן. אַן עליטאַרע גרופּע — יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַפּטייקערס, דענטיסטן, אינזשינירן א. אַנד.

די מערהייט פון דער יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט זייער אָרעם און אין ממש אומדערטרעגלעכע וווינונג־באַדינגונגען. אין 1928 האָט כעלם געציילט 25 טויזנט איינוווינער און פאַרמאָגט 7,528 ווױן־צימערן, אויף יעדן צימער דורכשניטלעך 3,5 נפשות. דער צושטאַנד פון די הייזער איז געווען זייער אַ שלעכטער. אויף 750 הייזער האָבן איבער 50% גענויטיקט זיך אין אַ רעמאָנט. דער צושטאַנד האָט זיך מיט דער צייט נאָך מער פאַרערגערט. אין 1930 איז שוין אויסגעפאַלן דורכשניטלעך אויף איין צימער 6,3 נפשות. די ערגסטע וווינונג־באַדינגונגען זענען אויסגעפאַלן אויף די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן, אויף די איינוווינער פון דער "נייער צאָל" און אַרומיקע געסלעך, פון פאַלעסטינער־גאַס, קשיווע, נאַדזשעטשנע און פיל אַנדערע.

דער אָנהויב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין כעלם האָט הינטער זיך אַ רייכע און רומפולע געשיכטע. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט, צוגלייך מיטן אַריינדרינגען מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען קיין כעלם. לויט די ביזאיצטיקע פאָרשונגען בילדעט דאָס יאָר 1904 אַן איבערברוך אין אינערלעכן געזעלשאַפטלעכן און פאָליטישן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין כעלם. אָנהויב יאָר אַנטשטייט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אויפגעבויט דורך אַ העברעישן לערער אין כעלם — גאָלדבערג (אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַקאַנט אַלס רעדאַקטאָר פון "היינט") און דורך אַ כעלמער תושב — אליהו דובקאָווסקי. אין זעלבן יאָר טרעפן מיר אַן אויף שפּורן פון ערשטן רעוואָלוציאָנערן קרייזל צווישן יידן, אָרגאַניזירט דורך פּרץ שעפער, שפּעטער אַן אַקטיווער טוער פון דער פּאַרטיי "ציוניסטן סאָציאַליסטן".

די דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז דריי פאַקטאָרן האָבן מיטגעווירקט אין דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין קלענערע ישובים אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט: 1) מיטווירקונג פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין גרעסערע שטעט פון געגעבענעם ראַיאָן; 2) סטודענטן, וועלכע האָבן שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון לאַנד אָדער אין אויסלאַנד און דאָרט זיך באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט; 3) אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט אין גרעסערע אַרבעטער־צענטערס, דאָרט זיך באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף און בעת שטרייקן אָדער דעמאָנסטראַציעס זענען זיי אַדמיניסטראַטיוו צוריקגעשיקט געוואָרן אין זייערע אָפּשטאַם־שטעט. בנוגע כעלם זענען גילטיק, ווי ביז איצט, די ערשטע צוויי פאַקטאָרן. פון איין זייט האָט מיטגעווירקט לובלין אין דער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־קרייזן, ווייל דאָרט האָט שוין די אַרבעטער־באַוועגונג געהאַט אונטער זיך כמעט אַ 10־יעריקע טראַדיציע. פון דער אַנדערער זייט שטודירנדע יוגנט, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים, קיין כעלם, און מיטגעבראַכט מיט זיך דערפאַרונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

לויט אינפאָרמאַציעס פון פייוול פריד (וועלכע ס'גיט איבער נחום וויניק) האָט זיך אין אָנהויב 1904 אומגעקערט קיין כעלם אַ גרופּע שטודירנדיקע יוגנט פון אויסלאַנד: פייוול פריד, יוסף מילנער, ניסקע מאַנדעלבוים, ריבקע יאַנטשע פאַיאַס און צימערמאַן (דער נאָמען ניט באַקאַנט). די ערשטע צוויי האָבן געשפּילט אַ ספּעציעלע ראָל אין די געשעענישן פון 1905 יאָר. אין זעלבן יאָר האָט די גרופּע געגרינדעט דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן קרייז פון דער פּאַרטיי "ציוניסטן־סאָציאַליסטן", באַקאַנט אַלס ס"ס (שפּעטערדיקע "פאַראייניקטע"). די מיטגלידער פון קרייז זענען געווען זייער אַקטיוו, האָבן באַדייטנד אויסגעברייטערט זייער טעטיקייט צווישן

יידישע אַרבעטער, האָבן אָרגאַניזירט די ערשטע אַרבעטער־שטרייקן פאַר פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און די ערשטע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס. אין משך פון אַ קורצער צייט איז די פּאַרטיי ס"ס אויסגעוואַקסן צו אַ מאַסן־פּאַרטיי.

אין זעלבן יאָר 1904 איז אין כעלם אַנטשטאַנען די ערשטע בונדישע אָרגאַניזאַציע מיט דער מיטהילף פון בונדיסטן פון לובלין. דער ערשטער וואָרטזאָגער פון "בונד" איז געווען נחום בראָפמאַן — פּאָפּולער אין די בונדישע קרייזן. לויט נחום וויניק, האָט זיך די בונדישע אָרגאַניזאַציע שנעל אַנטוויקלט און באַדייטנד אויסגעברייטערט אירע איינפלוסן צווישן אַרבעטער און ברייטע פאָלקס־מענטשן, ווערנדיק — לויט אים דער דאָמינירנדער כוח אין יענעם פּעריאָד. די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעווענדעט מעטאָדן, באַקאַנטע אין אַנדערע אַרבעטער־צענטערס (לובלין, ביאַליסטאָק, ווילנע) — מאַסוווקעס אין די נאָענטע וועלדער, וועלכע האָבן מיטגעווירקט אין דער אויסשולונג פון די מיטגלידער. דאַן אָרגאַניזירט עקאָנאָמישע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, פאַרשידענע מאַסן־אַרויסטרעטונגען. די טעטיקייט האָט דערמעגלעכט אויסצווואַקסן אַקטיווע טוערס צווישן אַרבעטער גופא. ספּעציעל באַקאַנט איז דאַן געווען אין כעלם מאיר צעלניק, אַ בעקער־אַרבעטער, וועלכער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך און האָט אָרגאַניזירט אַלע דינסט־מיידלעך פון שטאָט און פלעגט ווערן דער אויסגלייכער צווישן דינסטמיידלעך און זייערע באַלעבאָסטעס בעת אַ קאָנפליקט. אַן אַקטיווע טוערין פון בונד איז געוואָרן כינקע יאַנטשע פּאַיאַס, וואָס איז צוריקגעקומען פון לאָנדאָן. אין 1906 האָט מען זי אַרעסטירט, פאַרשיקט קיין סיביר, פון וואַנען זי האָט זיך שוין נישט אומגעקערט.

די עקאָנאָמישע שטרייקן, אָרגאַניזירט דורך בונד און ס"ס, האָבן באַדייטנדיק מיטגעווירקט פאַרן פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער. מען האָט פאַרקירצט די אַרבעטס־צייט פון 16—18 שעה אַ טאָג ביז 14 שעה, פאַרגרעסערט די לוינען און אויסגעקעמפט אַ בעסערע באַהאַנדלונג מצד די אַרבעטס־געבער. מיט דער צייט אָבער, ווען די רעפּרעסיעס קעגן די אַרבעטער האָבן זיך פאַרשטאַרקט, זענען די מייסטערס אַריבער צו אַ קעגן־אָנגריף. זיי האָבן דערקלערט אַן אַלגעמיינעם לאָקאַוט און אַרויסגעשטעלט פאָלגנדע פאָדערונגען: 1) איינפירן אַ 15־שעהדיקן אַרבעטסטאָג; 2) פאַרקלענערן די געהאַלטן; 3) אַרבעטן שבת־צו־נאַכטס; 4) איינפירן שטיק־אַרבעט; 5) אָפּזאָגן איינצלנע אַרבעטער, וועלכע זענען באַקאַנט אַלס קראַמאָלניקעס א.א.וו. די אַרבעטער האָבן דערויף געענטפערט מיט אַן אַלגעמיינעם שטרייק און געהאַנדלט זייער סאָלידאַריש. דער פאַקט האָט דערפירט דערצו, אַז די מייסטערס האָבן זיך איינגעבראָכן און געבעטן אַ סוף צו מאַכן צום שטרייק.

שמואל שאַרגעל, שרייבנדיק אין יזכור־בוך וועגן פּועלי־ציון אין כעלם, הייבט אָן פון יאָר 1916. אין דער ווירקלעכקייט איז די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון אין כעלם

אַנטשטאַנען אין 1906, מיט 10 יאָר פריער. דאָס באַשטעטיקט די "כעלמער שטימע" פון 1931, וועלכע אינפאָרמירט, אַז פועלי־ציון האָט געפייערט איר 25 יעריקן יובילייִ אין כעלם.

צוגלייך מיט די אַנטשטאַנענע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען (ס"ס, בונד, פועל־ציון) זענען געווען טעטיק אין די יאָרן 1904—1906 אין כעלם פּוילישע און אַל־רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, מיט וועלכע די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זענען געווען אין ענגן קאָנטאַקט און אין וועלכע ס'זענען אויך געווען טעטיק יידישע רעוואָלוציאָנערן, צווישן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָט אַ גרויסע ראָל געשפּילט די פּפּ"ס אין די געשעענישן פון 1905.

ווי עס אינפאָרמירט באָלעסלאַוו צימער אין זיין בוך, שטיצנדיק זיך אויף אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן, האָבן זיך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין כעלם אין 1905 אָנגעהויבן פון אַ שטרייק אין די מיטל־שולן און לערער־סעמינאַרן, ווו די שילער האָבן געפאָדערט אַ ריי דעמאָקראַטישע ענדערונגען און איינפירן די פּוילישע שפּראַך אַלס אַן אונטעריכט־שפּראַך. די ענדעציע האָט זיך באַמיט צו באַהערשן און איבערנעמען די אָנפירונג פון די שול־שטרייקן, וואָס ס'האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. די שילער פון די עלטערע קלאַסן זענען געווען אונטערן איינפלוס פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און פלעגן אָנטיילנעמען אין אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס. אין שטאָט איז דאַן אַנטשטאַנען אַ געמיינזאַמער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון די רוסישע און פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען, פאָרזיצער איז געווען וואַצלאַוו בלאַזשעיעוויטש. מיר האָבן ניט קיין פּרטים וועגן אָנטייל פון פאָרשטייער פון יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דעם קאָמיטעט, הגם מ'קאָן דאָס ניט אויסשליסן, ווייל ס'איז אָנגעגאַנגען אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט.

גלייכצייטיק מערקן מיר אַ שטרעבונג צו קאָנסאָלידירן די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג. דעם 25־טן יוני 1905 איז אין כעלם אַנטשטאַנען "דער כעלמער אַרבעטער־פאַרבאַנד" — אַ מין פאַראייניקונג פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע קרייזן, וועלכער האָט אַרומגענומען אַלע גרופּן אַרבעטער פון שטאָט און פון כעלמער געגנט און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אינספּירירן און אָרגאַניזירן רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען. אין חודש יולי 1905 זענען פאָרגעקומען מאַסן־שטרייקן פון אַרבעטער אין כעלם און פון ערד־אַרבעטער אין כעלמער פּאָוויאַט. אין חודש אָקטאָבער איז דערגאַנגען צו אַ ריי צוזאַמענשטויסן מיט באַזונדערע פּאָליציי־לייט, דאַקעגן אין חודש נאָוועמבער קומען פאָר גרויסע מאַסן־אַרויסטרעטונגען, וואָס טראָגן שוין אַ קלאָרן רעוואָלוציאָנערן און אַנטי־צאַרישן כאַראַקטער.

דעם 2־טן נאָוועמבער, תיכף נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם צאַרישן מאַניפעסט, האָבן יוגנטלעכע, דערונטער אַ סך יידישע, איינגעאָרדנט אַ מאַניפעסטאַציע. אין אָוונט האָט זיך פאָרמירט אַ דעמאָסטראַציע פון בערך 500 פּערזאָן, וועלכע האָט מאַרשירט איבער די גאַסן מיט לאָזונגען "זאָל לעבן די פרייהייט".

דעם 3־טן נאָוועמבער, אַרום 12 בייטאָג, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, בערך 5—4 טויזנט מאַן, יידן און קריסטן, אין און אַרום דער גרויסער יידישער שול. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן דער דערמאָנטער שוין בלאַזשעיעוויטש יאַשינסקי, יוסף מילנער און לעדערער. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן רויטע פענער מיטן אויפשריפט "פרייהייט" אין 3 שפּראַכן: פּויליש, יידיש און אוקראַיניש. די דעמאָנסטראַציע האָט מאַרשירט צו אַלע וויכטיקסטע לערן־אַנשטאַלטן, ווו די שילער פון די העכערע קלאַסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען און דאַן מאַרשירט איבער די גאַסן ביז 5 פאַרנאַכט. ביים באַגעגענען פּאָליציי, פלעגט מען רופן "נידער מיט דער פּאָליציי". די פּאָליציי האָט דאַן ניט אינטערווענירט.

דעם 5־טן נאָוועמבער אַרום 2 בייטאָג האָט זיך פאַרזאַמלט אין דער קאַטוילישער קירכע אויף לובלינער גאַס אַ גרויסער עולם און געזונגען פּוילישע לידער, דאַקעגן דרויסן, פאַר דער קירכע גרויסע מאַסן מענטשן, דערונטער פיל יידן. ווען דאָס פּובליקום איז אַרויס פון דער קירכע, האָט זיך באַוויזן אַ רויטע פאָן מיט אַן אויפשריפט "זאָל לעבן די פרייהייט" אין 3 שפּראַכן: פּויליש, רוסיש און יידיש. אַרום דער פאָן האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט און ס'האָט זיך געעפנט אַ מיטינג. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן: וואַצלאַוו בלאַזשעיעוויטש, וולאַדזשימיעזש פּאַיעווסקי, יוסף מילנער און פּיִוול פריד. דערנאָך האָט זיך פאָרמירט אַ דעמאָנסטראַציע וואָס האָט מאַרשירט איבער די גאַסן פון שטאָט. לויט אינפאָרמאַציעס פון צאַרישע אַגענטן פון דער אָכראַנע, זענען ניט אַלע אָנוועזנדע אַוועק מיט דער דעמאָנסטראַציע, בלויז 300 זאָלן האָבן מיטגעגאַנגען. אויף דער פּאָדוואַלניע גאַס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דעמאָנסטראַציע אַ גרויסע גרופּע פון יידישע יוגנטלעכע מיט רויטע פענער, אויף וועלכע ס'איז געווען אַן אויפשריפט "זאָל לעבן דער סאָציאַליזם", ווי אויך אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער פון דער גלאָז־הוטע אין רודאַ אָפּאַלין מיט אַ רויטער פאָן און אַן אויפשריפט "זאָל לעבן די פרייהייט". נאָך דעם מאַרשרוט איבער דער שטאָט האָט זיך די גאַנצע דעמאָנסטראַציע אומגעקערט צו דער פּוילישער קירכע, ווו ס'האָבן ווידער געהאַלטן רעדעס: בלאַזשעיעוויטש, פּאַיעווסקי, מילנער און פריד.

דעם מיטינג האָט געשלאָסן פּאַיעווסקי, רופנדיק זיך אומצוקערן צו דער אַרבעט.

מיר האָבן נאָך ידיעות וועגן אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין כעלם דעם 16־טן דעצעמבער 1905, בעת וועלכן ס'זענען פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס. אונטערן דרוק פון די שטרייקנדע האָט מען געשלאָסן 12 בייטאָג אַלע קראָמען אין שטאָט. אין אָרגאַניזירן דעם שטרייק האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל שמואל שוואַרץ און זיין זון צוריך, אַ שילער פון דער גימנאַזיע.

צומאָרגנס, דעם 17־טן דעצעמבער, האָט מען דורכגעפירט אַ ריי טעראָרישע אַקטן קעגן דער צאַרישער מאַכט. אַן אומ־

באַקאַנטער האָט געשאַסן צום קאַפּיטאַן פּרעאָבראַזשענסקי,
פאַרווונדעט אים און זיין שומר פּאַטעראַנסקי, וועלכן מ׳האָט
אָפּגעפירט אין מיליטערישן שפּיטאָל, ווו ער איז געשטאָרבן.
דעם אָוונט האָבן אומבאַקאַנטע אויך פאַרווונדעט דעם אויס־
פאָרשונגס־ריכטער קאַראָוויצקי און דעם סטראַזשניק גירדין.
הגם מ׳האָט קיינעם ניט געכאַפּט, האָט מען דאָך אַרעסטירט
די מיטגלידער פון קאָמיטעט פון די ס״ר׳ן. דער פאַקט האָט
ניט אָפּגעשוואַכט די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין שטאָט.
קיין כעלם זענען דאַן אָנגעקומען אַ ריי רעוואָלוציאָנערע
טוערס, צוו״אַנ. איצעק שטרונזער און לייב בילדער. די ביידע
האָבן אַגיטירט פאַר שליסן די קראָמען און האָבן אויפגעהאָנ־
גען אַ פּראָקלאַמאַציע אויפן בנין פון מאַגיסטראַט, ווו מ׳האָט
זיי אַרעסטירט. פאַר אויפהענגען די פּראָקלאַמאַציע האָבן זיי
באַקומען 2 חדשים אַרעסט.

לויט מאַטעריאַלן פון דער אָכראַנע, וועלכע באַלעסלאַוו
צימער גיט אָן, זענען אין דער ערשטער העלפט פון 1906
פאָרגעקומען אַ ריי שטרייקן אין כעלם און אין פאַוויאַט.
ס׳זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ריי דעמאָנסטראַציעס
מיט רויטע פענער מיט אַן אויפשריפט — ״זאָל לעבן די
רעוואָלוציע, נידער מיט דער פאַרפירערישער דומע״. דער
הויך־פּונקט פון דער באַוועגונג פאַלט אויס דעם 25 יוני 1906,
צו באַערן די ערשטע יאָרצייט פון אַנטשטיין פון דעם ״כעל־
מער אַרבעטער־פאַרבאַנד״. דער שטרייק איז געווען אַן אַל־
געמיינער, האָט געהאַט אַ רואיקן פאַרלויף און די געשעפטן
זענען דאַן ניט געווען געשלאָסן.

אין דער צווייטער העלפט פון 1906 מערקן מיר אַ באַ־
דייטנדע אָפּשוואַכונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג,
הויפּטזאַכלעך צוליב די אַרעסטן פון פיל רעוואָלוציאָנערע
טוערס פון אַלע טעטיקע פאַרטייען. יעדנפאַלס האָבן מיר נישט
קיין מאַטעריאַלן פון דער תקופה. אויף אַ געוויסע פאַרזעצונג
פון דער טעטיקייט טרעפן מיר אָן אין יאָר 1907. קיין כעלם
זענען דאַן געקומען רעוואָלוציאָנערע טוערס: מאָיסיי ווינאָ־
גור פון קיעווער געגנט און חיים סקוטוטקי פון ניעמיראָוו,
בראַצלאַווער געגנט (ניט באַוווּסט פון וועלכער פאַרטיי). מיט
דער הילף פון אָרטיקע כעלמער אַקטיוויסטן, ווי איצעק
ראָזענקאָפּף, וויטעלמאַן א.אַנד. האָבן זיי צונויפגערופן געהיימע
פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס׳פלעגן קומען ביז הונדערט
פּערזאָן, ווו זיי האָבן געפירט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע,
געטיילט פּראָקלאַמאַציעס און געזאַמלט געלט פאַר רעוואָלוצ־
יאָנערע צוועקן.

נאָכן פאַלן פון דער רעוואָלוציע ביזן אויסברוך פון דער
ערשטער וועלט־מלחמה הערשט כמעט אַ שטילשטאַנד אין
דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון כעלם, אַלנפאַלס אויפן
סמך פון די ביז־איצטיקע פאָרשונגען. געווירקט האָט זיכער
דער פאַקט, וואָס די מערהייט פון די רעוואָלוציאָנערע טוערס
איז געווען אַרעסטירט, אָדער פאַרשיקט קיין סיביר, אַנדערע
האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. פאַרבליבן איז די אַרבעטער־
בירזשע אויף לובלינער גאַס לעבן דער קאַטוילישער קירכע,
ווו די אַרבעטער פלעגן זיך פון צייט צו צייט צוזאַמענקומען.
אין 1911 האָט זיך באַוויזן אויף דער בירזשע שיע (נאָז)
טענענבוים, אַן איבערצייגטער בונדיסט, אַ מאַלער־אַרבעטער,
וועלכער איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלן פראָ־
פעסיאָנעלן פאַראיין פון מאַלער־אַרבעטער און קרובישע פאַכן.
מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט מען אים מאָביליזירט
און מער האָט מען וועגן אים ניט געהערט.

די אַנטוויקלונג בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאַן ווען דאָס עסטריי־
כישע מיליטער האָט אָקופּירט כעלם, זענען אַנטשטאַנען גינ־
סטיקערע באַדינגונגען פאַרן אויפלעבן פון אַן אַרבעטער־
באַוועגונג, שטיצנדיק זיך אויף די דערפאַרונגען פון די רעוואָ־
לוציאָנערע יאָרן 1904—1907. דאָסמאָל אָבער זענען אַנטשטאַ־
נען בלויז צוויי יידישע אַרבעטער־פאַרטייען, וואָס האָבן אַנט־
וויקלט אַן אַקטיווע טעטיקייט — דער בונד און די פּועלי־ציון.
אין 1916 איז פאָרגעקומען די ערשטע אומלעגאַלע באַראַ־
טונג פון סימפּאַטיקער פון ״בונד״, אויף וועלכער מ׳האָט אויס־
געקליבן דעם ערשטן בונדישן קאָמיטעט. צו די אַקטיוויסטע
טוערס האָבן דאַן געהערט: משה שימעל, מיכאל לינדענבוים,
קאַפּלאַן, שמואל זיגעלבוים, יעקב שטעקן און יודל גראַבער.
גלייכצייטיק האָט מען געשאַפן אַ צייטווייליקע יוגנט־קאָמיסיע
צו אָרגאַניזירן די יוגנט. דער קאָמיטעט האָט אינגיכן געשאַפן
אַן אַרבעטער־היים, גענומען אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק, אַ
דראַמאַטישן קרייז און פירן אַ סיסטעמאַטישע אויפקלערונגס־
טעטיקייט. אינגיכן האָט זיך אַנטפּלעקט, אַז ניט אַלע פאַר־
וואַלטונג־מיטגלידער פון דער אַרבעטער־היים זענען אָנהענגער
פון בונד. ווען דער קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן צו
אָנערקענען די אַרבעטער־היים אַלס אַ בונדישע, האָט אַ
גרופּע מיטגלידער מיט אהרון דוד היפּשמאַן בראש פאַרלאָזן
די פאַרוואַלטונג, ווייל זיי זענען געווען אָנהענגער פון פּועלי־
ציון.

אין 1917 האָט דער בונד באַקומען פון עסטרייכישן שטאָט־
קאָמענדאַנט פאַר זיין טעטיקייט דאָס גרויסע הויז אויף לובלי־
נער־גאַס 13, ווו ער האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט.
דאָרט האָט מען אָרגאַניזירט אַ קינדער־היים, די גראָסער־
ביבליאָטעק, פאַרברייטערט דעם דראַמאַטישן קרייז און אין
גרויסן זאַל פלעגן סיסטעמאַטיש פאָרקומען פאַרזאַמלונגען,
און פאַרשיידענע קינסטלערישע אונטערנעמונגען. אין דעם
נייעם לאָקאַל האָט מען אויך געשאַפן אַ קאָמיסיע פאַר פראָ־
פעסיאָנעלער טעטיקייט. צוערשט איז געגרינדעט געוואָרן
דער נאָדל־פאַראיין, דאַן די פאַך־קאָמיסיעס צו אָרגאַניזירן
לעדער־אַרבעטער, סטאָלאַרעס און בוי־אַרבעטער, ווי אויך
באַשעפטיקטע אין דער דערנערונג־בראַנזשע. פון די אַלע
פאַך־קאָמיסיעס האָט זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט אַ
פּראָפעסיאָנעלער ראַט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער טעטי־

קייט צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און זוכן מיטלען צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט. גלייכצייטיק האָט דער יוגנט־קאָמיטעט, אונטער דער אָנפירונג פון דוד גוטערמאַן, פייגע שפּערלינג, משה זיגעלבוים, ש. אכטמאַן, ב. שער א.אַנד. אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט צווישן דער יוגנט און אויפגעבויט אַ פאַרצווייגטע צוקונפט־אָרגאַניזאַציע. הגם ניט אַלע מיטגלידער פון די דערמאָנטע פּראָפ.־פאַראיינען זענען געווען אונטערן פּאָליטישן איינפלוס פון בונד, האָט דאָך דער ״בונד״ באַדייטנד אויסגעברייטערט זיין השפעה צווישן יידישע אַרבעטער און אין אָרעמע אַרבעטער־שיכטן, הויפּטזאַכלעך אַדאַנק דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער אַרבעטער־היים אויף לובלינער 13. ווי ס'האָט אינפאָרמירט שמואל זיגעלבוים אויף דער ערשטער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פּוילישן בונד אין 1917 אין לובלין. האָט זי זיכער אויסגעברייטערט אירע איינפלוסן און פאַרגרעסערט די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע.

צוגלייך מיטן בונד, האָט אויך די פּועלי־ציון אָנגעהויבן איר טעטיקייט בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין 1916, צוערשט אַלס אַן אומלעגאַלע גרופּע, מיט דער צייט עפנטלעך אין דעם נייעם לאָקאַל אויף לובלינער־גאַס 27, וואָס איז פאַרבליבן אַלס לאָקאַל פון לינקע פּועלי־ציון במשך פון גאַנצן צווישן־מלחמהדיקן פּעריאָד. אויך פּועלי־ציון האָט געשאַפן איר קאָמיטעט מיט וואָווקע גאָטליב, שלמה דימענט, יאַנקל שרויט, לייבל ראָזענבליט, רחל דובקאָווסקא, אהרון דוד היפּש־מאַן, מאיר בוים א.אַנד. צוליב זייער שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט האָט פּועלי־ציון אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקטיוויטעט אויפן עקאָנאָמישן געביט. זי האָט אָרגאַניזירט אין פאַרטיי־לאָקאַל אַ טיי־האַלע, אין קעלער פון לאָקאַל אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי און אַ קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו. אין גרויסן זאַל פלעגט מען איינאָרדענען פאָר־לעזונגען, ליטעראַרישע אָוונטן און קונסט־אונטערנעמונגען, וועלכע פלעגן צוציען אַ גרויסן עולם. אויך דאָ איז אַנטשטאַנען אַ יוגנט־אַקטיוו, וועלכער האָט אָרגאַניזירט ברייטערע יוגנט־גרופּן. אַ וויכטיק געשעעניש, וואָס וועט ווירקן אין משך פון לאַנגע יאָרן, איז געווען דאָס גרינדן פון אַ פאָלקס־שול, פון דער באָראָכאָוו־ביבליאָטעק און פון דער געזעלשאַפט אָוונט־קורסן.

בעת דער מלחמה האָבן עסטרייכישע אָפיצירן אָנגעפירט מיט דער אַדמיניסטראַציע אין כעלם, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אייניקע יידישע אינטעליגענטן. ווען די עסטרייכישע אַרמיי האָט פאַרלאָזט כעלם, זענען אַ טייל פון זיי פאַרבליבן אין כעלם און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די עקזיס־טירנדע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. אין בונד זענען אַריינגעטראָטן ד״ר ש. פענסטערבלאו און ד״ר דוד מירלאַס — ביידע זענען געווען זייער אַקטיוו אין דער פּאַרטיי און האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון ״בונד״. גלייכצייטיק האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן פּועלי־ציון ד״ר משה קאַנפער און זיין פרוי גיזעלע, וועלכע זענען געוואָרן אַקטיוו אין דער פּאַרטיי און מיטגעווירקט אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ד״ר משה קאַנפער איז געוואָרן אין 1919 דער ערשטער ראַט־מאַן פון פּועלי־ציון אין שטאָט־ראַט.

צוגלייך מיט דער אויפלעבונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן 1918—1916 האָט זיך אַנטוויקלט די פּוילישע אונטער דער אָנפירונג פון פּ.פּ.ס., צווישן וועלכע ס'האָט זיך דאַן איינגעשטעלט אַ פריינדלעכע צוזאַמענאַרבעט. דאָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דער געמיינזאַמער אימפּאָזאַנטער 1־מאַי־פייערונג אין יאָר 1918, ערב דער אַנטשטייאונג פון דער אומאָפּהענגיקער פּוילשער מדינה. אין געמיינזאַמען 1־מאַי צוג האָבן מאַרשירט אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אונטער זייערע פענער — ״בונד״, ״פּועלי־ציון״, ״פּ.פּ.ס.״, ווי אויך אַ גרופּע אוקראַאינישע אַרבעטער, אויף אַ געמיינזאַמען מיטינג זענען אַרויסגעטראָטן פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען אין זייער מוטערשפּראַך — אין פּויליש, יידיש און אוקראַאיניש. די געמיינזאַמע 1־טע־מאַי דעמאָנסט־ראַציע האָט באַדייטנד געהויבן די שטימונג ביי דער כעלמער אַרבעטערשאַפט.

די אַלגעמיינע פּאָליטישע אנטוויקלונג

די אַנשטייאונג פון דער זעלבסטשטענדיקער פּוילישער מדינה אין נאָוועמבער 1918 ברענגט מיט זיך צוויי שוידער־לעכע איבערלעבונגען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, ספּעציעל אין ערשטן פּעריאָד פון איר עקזיסטענץ :

ע ר ש ט נ ס — אַרבעטסלאָזיקייט, נויט, ממש הונגער אין די יידישע אַרבעטער־היימען. די נויט פון די יידישע אַרבע־טער, אָנגעשטעלטע און כאַלופּניקעס איז געווען פיל טיפער ווי ביי די ניט־יידישע — די אַרבעטסלאָזיקייט אין דער מער־הייט פאַכן כמעט אַ פולקאָמע, יידישע באַאַמטע מיט געהע־ריקע קוואַליפיקאַציעס האָט מען ניט צוגעלאָזט צום אַנטשטאַ־נענעם מלוכה־אַפּאַראַט ; פאַרקערט, די וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט, האָט מען באַזייטיקט, דערביי האָבן יידישע אַרבעטסלאָזע אין דער אַבסאָלוטער מערהייט ניט געגאָסן פון אַרבעטסלאָזע־אונטערשטיצע און מען האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו עפנטלעכע אַרבעטן, אָרגאַניזירט פאַר אַרבעטסלאָזע.

צ ו ו י י ט נ ס — פון ערשטן טאָג פון אַנטשטיין פון פּוילן האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטי־יידישע עקסצעסן, וועלכע האָבן אַרומגענומען גרעסערע און קלענערע שטעט און ישובים. אין די צוויי חדשים נאָוועמבער און דעצעמבער 1918 זענען פאָר־געקומען אין פּוילן העכער 150 גרעסערע און קלענערע פּאָגראָמען.

אין די יאָרן 1921—1919 האָבן צום מערסטן פּוילישע מילי־טער איינהייטן אָרגאַניזירט 32 פּאָגראָמען — 134 יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן, הונדערטער פאַרווונדעט. אין דער זעל־בער צייט האָבן די מיליטערישע באַנדעס פון אטאמאַן באַלאַ־כאָוויטש דורכגעפירט אויף די מזרח־קרעסן 47 פּאָגראָמען. גרויל־טאַטן פון האַלערטשיקעס, פאַרבונדן מיט שלאָגן, שערן

בערך ביז בלוט, אַרויסוואַרפן פון די צוגן בעתן פאַרן זענען פאָרגעקומען אין צענדליקער שטעט און אויך אין כעלם.

תיכף נאָכן אַנטשטיין פון דער פוילישער מדינה, ווען פוילישע איינהייטן האָבן איבערגענומען די מאַכט אין שטאָט, האָבן זיך פאַרמערט די קלאַנגען וועגן אַ צוגעגרייטן פאָגראָם. לויט דער איניציאַטיוו פון בונד, ווי ס׳אינפאָרמירט נחום וויניק, איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאַרקע געמיינזאַמע באַוואָפנטע זעלבסטשוץ אונטער דער אָנפירונג פון חיים לאַנג, וועלכע איז געווען מאָביליזירט און ביינאַכט האָט זי באַוואַכט די יידישע גאַסן. אין דער אַלטער שול איז גערופן געוואָרן אַ גרויסער מיטינג, אויף וועלכן ס׳איז אַרויסגעטראָטן ד״ר דוד מירלאַס. צו דער שול איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון דער פּאָליציי, בלויז נאָך דער פאַרזיכערונג פון דעם קאָמענדאַנט אַז ס׳וועט קיין פּאָגראָם ניט זיין, איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען.

אָט די קאָנקרעטע ביישפּילן זאָגן עדות וועגן גרויסן איינפלוס פון בונד אין כעלם אין ערשטן פעריאָד פון פּוילנ׳ס אומאָפּהענגיקייט. דאָס באַשטעטיקן אויך די רעזולטאַטן פון די וואַלן צום שטאָט־ראַט אין 1919 יאָר. לויט נחום וויניק׳ן האָט די ליסטע פון בונד באַקומען 19 מאַנדאַטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל 24. די וואַלן זענען געפעלשט געוואָרן דורך דעם וואָיעוואָדע. ליידער האָב איך ניט געקאָנט געפינען קיין באַשטעטיקונג וועגן די רעזולטאַטן פון די וואַלן. די אָנגעגעבענע ציפערן זענען אומגלויבלעך, ווייל זיי באַדייטן, דאָס ניט בלויז אַלע יידישע וויילער, נאָך אויך די מערהייט פּוילישע זאָל האָבן געשטימט פאַרן בונד, וואָס קאָן דאָך ניט אַנטשפּרעכן דערווירקלעכקייט. (אפשר אַ דרוק־פעלער, אַנשטאָט 9 געשריבן 19?). ווי ס׳זאָל ניט זיין, איז דער בונד אין יענעם פּעריאָד געווען די שטאַרקסטע אַרבעטער־פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס. דער זעלבער נחום וויניק גיט אָן, אַז בעת די שטאָט־ראַט וואַלן אין 1921 יאָר האָט דער בונד באַקומען בלויז 1 מאַנדאַט (הערשעלע פּרוכטגאַרטן). די שטוינענדיקע ענדערונגען זענען ניט קיין רעזולטאַט פון קאָמבינאַציעס, בלויז פון איבערגרופּירונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין אַרבעטער־קלאַס פון כעלם אין משך פון די צוויי יאָר.

הויפּטזאַכלעך צוויי עלעמענטן האָבן גורם געווען אַזעלכע גרויסע ענדערונגען אין די כוחות־פאַרהעלטענישן: 1) די פאַרשטאַרקונג פון פּועלי־ציון; 2) די אַנטשטייאונג פון קאָמבונד.

אין יאָר 1919 זענען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צום פּוילישן סיים. דער "בונד" האָט בכלל ניט אָנטיילגענומען אין די וואַלן. צוגלייך מיט דער ניי־אַנטשטאַנענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דער "בונד" באָיקאָטירט די וואַלן צום סיים. אין כעלם האָבן אויך די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען ניט אַרויסגעשטעלט קיין אייגענע ליסטע, ווילנדיק דערמיט אונטערשטרייכן זייער נייטראַליטעט אין קאָנפליקט צווישן פּוילן און ראַטן־פאַרבאַנד אַרום דער פראַגע "כעלמשטשיזנע".

די פּועלי־ציון פּאַרטיי איז געווען די איינציקע יידישע פּאַרטיי וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אַ קאַנדידאַטן־ליסטע, פון וועלכער ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַט ד״ר ראָזנפעלד. נאָכן פּלוצליקן טויט פון ד״ר ראָזנפעלד אויפן וועג קיין וואַרשע, איז אויסגעקליבן געוואָרן דער צווייטער קאַנדידאַט, ד״ר יצחק שיפּער.

דער פּועלי־ציוניסטישער דעפּוטאַט פון כעלם, זיין ענגער קאָנטאַקט מיט דער כעלמער יידישער באַפעלקערונג האָט באַדייטנדיק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון פּועלי־ציון, האָט דערמעגלעכט אויסצוברייטערן איר השפעה און צו ווערן אין די ווייטערדיקע יאָרן די שטאַרקסטע אַרבעטער־פּאַרטיי פון די יידישע פאָלקס־מאַסן פון כעלם. שוין אין 1919 יאָר האָבן זיך אויסגעבילדעט 2 צענטערס פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג: אַ בונדישער, מיט שמואל זיגעלבוים בראש און אַ פּועלי־ציוניסטישער. דאָס דרינגט בפירוש אַרויס פון די צוויי לאַנד־קאָנפערענצן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין 1919 יאָר אין וואַרשע (די בונדישע דעם 14־טן און 15־טן יוני, די פּועלי־ציוניסטישע דעם 26־טן און 27־טן יוני). אויףביידע קאָנפערענצן זענען געווען איינגעלאַדן דעלעגאַטן פון כעלם, וועלכע האָבן ליידער ניט אָנטיילגענומען צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן. מיט דער צייט איז די פאַראייניקונג פון די פּועלי־ציוניסטישע פאַראיינען געוואָרן די דאָמינירנדע, זי האָט אָרגאַניזירט אַ צענטראַל־ראַט, דאַן אַ קולטור־אַמט, אָנגעשלאָסענע אָן לאַנדראַט (צענטראַלן קולטור־אַמט).

די צווייטע סיבה איז פאַרבונדן מיטן אַנטשטיין פון קאָמבונד אין כעלם. אָנהייבנדיק פון דער 3־טער לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד אין אַפּריל 1919, פאַרשטאַרקט זיך דער לינקער פליגל אין בונד, וועלכער האָט באַקומען אַ מערהייט און האָט אָנגענומען מיט געוויסע באַוואָרענישן די באַרימטע 21 פּונקטן פון קאָמינטערן, שטרעבנדיק אַריינצוטרעטן אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט עס דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין בונד, פון 10 ביז 20 פּראָצענט מיטגלידער זענען אַריבער צום "קאָמבונד" און פון 1923 אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די בונדישע אָרגאַניזאַציע פון לובלינער ראַיאָן האָט געהערט צו די שטאַרקסטע אין פּוילן (בערך 1,400 מיטגלידער), האָט פאַרנומען דאָס דריטע אָרט נאָך וואַרשע און לאָדזש. די בונדישע אָרגאַניזאַציע פון כעלם, וואָס האָט אין 1917 געציילט 100 מיטגלידער, איז באַדייטנד אויסגעוואַקסן און געהאַט אַ שטאַרקע צוקונפט־אָרגאַניזאַציע. בעת דער שפּאַלטונג און אַנטשטיין פון "קאָמבונד", איז אין כעלם אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע קאָמבונדישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע מיט ד״ר דוד מירלאַס, משה שימעל און חיים פּראַפּילעס אין דער אָנפירונג; פון דער יוגנט איז די אַבסאָלוטע מערהייט אַריבער צום קאָמצוקונפט מיט דער אָנפירערשאַפט פון צוקונפט: דוד גוטערמאַן, פייגע שפּערלינג און הערש שעכטערזאָן. אין כעלם איז אַנטשטאַנען די שטאַרקסטע קאָמבונדישע אָרגאַניזאַציע פון לובלינער קרייז. ניט צופעליק איז דער צוזאַמענפאָר פון קאָמצוקונפטיסטן פון לובלינער קרייז פאָרגעקומען אין כעלם. אָט די קאָמבונדיסטן

און קאָמצוקונפטיסטן האָבן געבילדעט די ערשטע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין כעלם, וואָס האָט מיט דער צייט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן יידישן לעבן אין כעלם.

די צוויי הויפּט־סיבות האָבן גורם געווען אַ דראַסטישע ענדערונג אין די כוחות־פאַרהעלטענישן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין כעלם. דער איבערגאַנג פון שמואל (אַרטור) זיגעלבוים אין 1920 צו פּאַרטייאישער אַרבעט אין צענטער פון בונד האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם אינערלעכן קריזיס אין כעלמער בונד. הגם די אָרגאַניזאַציע פון בונד עקזיסטירט אין כעלם אין משך פון גאַנצן צווישן־מלחמהדיקן פּעריאָד, שפּילט זי אָבער שוין אַ צווייטראַנגיקע ראָל, פאַרלירט כמעט פולקאָם די איינפלוסן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, בלויז פון צייט צו צייט טרעפן מיר אירע איינצלנע פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט צי אין פאַרשיידענע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן. דער שווערפּונקט ווערט איבערגעטראָגן אויפן קאַמף צווישן יידישע קאָמוניסטן און דער לינקער פּועלי־ציון, וועלכער האַלט אָן כמעט ביז דער ליקווידאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן דורכן קאָמינטערן.

בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה, ספּעציעל אין 1920 יאָר, ווערט באַדייטנדיק איינגעשרומפּן דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן אין כעלם. לויט מעלדונגען פון סעקרעטאַריאַט פון סיים־דעפּוטאַט ד"ר שיפּער פון 23 יוני 1920, זענען געשלאָסן געוואָרן אין לאַנד פיל יידישע אַרבעטער־היימען, דערונטער אויך אין כעלם; עס זענען געשלאָסן געוואָרןווירטשאַפטלעכע יידישע אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיוון און אפילו קינדער־היימען, וואָס נעמט אויך אַרום כעלם. אין קאָמוניקאַט פון אויגוסט 1920 ווערט אָנגעגעבן וועגן פאָגראַמירן לאָקאַלן פון יידישע פּראָפ.־פאַראיינען און וועגן מאַסן־אַרעסטן אין כעלם. ערשט נאָכן וואָפנשטילשטאַנד הייבט אָן צוריק אויפצולעבן דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע יידישע אַרבעטער־לעבן, אָבער שוין אויף אַן אַנדער פלאַכקייט, ווי מיר האָבן דאָס אויבן געזען. אויך די פּועלי־ציון לעבט דורך אַ קריזיס צוליב דער שפּאַלטונג אין לאַנד־מאַשטאַב, דאָך באַהערשט אין כעלם שנעל די לאַגע די לינקע פּועלי־ציון, וועלכע רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן אַרבעטער לעבן. מיר מערקן עס הן אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט, הן אויפן קולטורעלן, דורך אויפבויען אַ יידישע פאָלקס־שול מיט אַ קינדער־היים, אַ ביבליאָטעק און איינהאַלטן זייער לאָקאַל אויף לובלינער־גאַס 27, אַלס אַ קולטורעלן צענטער און הויפּטזאַכלעך דורך זייער אַקטיווער טעטיקייט אין שטאָט־ראַט און אין קהילה־ראַט.

גלייכצייטיק אַנטוויקלט זיך אין די יאָרן 1922—1924 די סקויטן־אָרגאַניזאַציע "השומר הצעיר", אָנגעפירט דאַן דורך גלינצמאַנען, וועלכע נעמט אַרום אין ערשטן פּעריאָד אַ גרעסערע גרופּע פון יידישע יוגנטלעכע אַרבעטער. דער מחבר פון די שורות, אַלס דער איינציקער שילער פון דער פּוילישער מלוכה־גימנאַזיע, איז דאַן אויך אַריינגעטראָטן אין "השומר הצעיר" און דאָרט זיך ספּעציעל באַפריינדעט מיט דער אַרבעטנדער יוגנט. בערך אין 1923 יאָר האָט דער "השומר הצעיר" דורכגעלעבט אַ קריזיס. ס'זענען אַנטשטאַנען רייבונגען צווישן די שילער פון דער יידישער גימנאַזיע, וועלכע האָבן געבילדעט אַ מערהייט און דער אַרבעטנדער יוגנט צוליב שלעכטע געמיינזאַמע באַציאונגען. דאָס האָט דערפירט צו אַ שפּאַלטונג. די גאַנצע אַרבעטער־יוגנט האָט פאַרלאָזט דעם "השומר הצעיר" און צוזאַמען מיט אירע צוויי שילער: איינער פון דער יידישער גימנאַזיע (שענער) און איך. די אַרבעטער־יוגנט איז אַריינגעטראָטן אין די פּראָפ. פאַראיינען און אַדאַנק זיי האָב איך זיך אויך פאַרבונדן מיט די פּראָפ. פאַראיינען, אָרגאַניזירנדיק לעקציעס פאַר אַרבעטער. דאָס איז געווען מיין ערשטער קאָנטאַקט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין כעלם.

אינגיכן איז אַנטשטאַנען אין כעלם אַ זעלבסטבילדונגס־קרייז פון שילער פון דער יידישער און טיילווייז פון דער פּוילישער גימנאַזיע. דער קרייז פלעגט זיך פאַרנעמען מיט שטודירן די געשיכטע פון יידן אין פּוילן, הויפּטזאַכלעך אָבער מיט דער יידישער ליטעראַטור, אין וואָס ס'האָט מיטגעהאָלפן פייוול זיגעלבוים, און מיט דער צייט אויך מיט מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט. דער פּראָצעס האָט דערפירט אין דער צוקונפט צו אַ דיפערענציאַציע אין אונדזער קרייז, צו גאָר הייסע דיסקוסיעס און צו אויסבילדן זיך צוויי פליגלען: אַ ציוניסטישער מיט שמואל ארגון, וויגדאר גאָלדמאַן, טאַטענגרעבער א.אַנד. און אַ פּראָ־מאַרקסיסטישער מיטן אָנטייל פון שמואל מענדעלסאָן, יעקב עדעלשטיין, כאַנטשע העלפּענביין, נח האַנדעלסמאַן, רייזקע ארגון, אידע בעקער, פעסקע באַש און דער מחבר פון די שורות.

די טעטיקייט אין דער קהילה און אין שטאָטראַט

אַ וויכטיק אָרט אין דער טעטיקייט פון לינקע פּועלי־ציון, אין משך פון גאַנצן צווישן־מלחמהדיקן פּעריאָד, פאַרנעמט איר אַקטיווקייט אין דער קהילה און אין שטאָט־ראַט. קאָנקרעטע פאַקטן זענען פאַראַן אין אונדזער רשות פאַר די יאָרן 1928—1935, אויפן סמך פון "כעלמער שטימע". אַ ספּעציעל אָרט פאַרנעמען די וואַלן צו דער קהילה פון 20־טן מאַי 1931. וואַל־באַרעכטיקטע זענען דאַן געווען 3,285 פּערזאָן, אָבער געשטימט האָבן בלויז 1,673, ד.ה. 51%. פון דעם האָט דער שפּעטערדיקער אָרטאָדאָקסישער בלאָק (צוזאַמענגעשטעלט פון 3 ליסטעס) באַקומען 636 שטימען און 6 מאַנדאַטן; דער ציוניסטישער בלאָק (אויך פון 3 ליסטעס — ציוניסטישער, מזרחי און אומפּאַרטייאישער) — 405 שטימען און 4 מאַנדאַטן; די לינקע פּועלי־ציון (איין ליסטע) — 361 שטימען און 3 מאַנדאַטן; האַנטווערקער (איין ליסטע) 222 שטימען

און 2 מאַנדאַטן. צוזאַמען 15 מאַנדאַטן (דער קליינהענדלער־פאַרבאַנד בלויז 49 שטימען, אָן אַ מאַנדאַט). די צייטונג שאַצט אָפּ, אַז דעם גרעסטן נצחון האָט אָפּגעהאַלטן די לינקע פּועלי־ציון צוליב איר פאַרבינדונג מיט די אָרעמע שיכטן.

בעת די וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט זיך געשאַפן אַ נייע קאָנסטעלאַציע: אַ בלאָק פון פּרעזעס בידערמאַן מיט די האַנטווערקער, באַקומען 3 מאַנדאַטן; אָרטאָדאָקסן — 3 מאַנדאַטן; ציוניסטן מיט מזרחי — 2 מאַנדאַטן; לינקע פּועלי־ציון — 2 מאַנדאַטן.

אַ שטורמישן פאַרלויף האָט געהאַט די פאַרוואַלטונג־זיצונג פון 27־טן נאָוועמבער 1931. דאָסמאָל האָט זיך פאַרמירט אַ בלאָק פון אָרטאָדאָקסן מיט ציוניסטן, וועלכע האָבן אויסגעקליבן אַ נייעם פּרעזעס, ד״ר ווילענקאַ, איגנאָרירנדיק פּולקאָם די לינקע פּועלי־ציון און די האַנטווערקער. אויף דער זיצונג האָבן די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון פאַרגעשטעלט די פּלאַטפאָרם בנוגע דער קהילה. פ״צ שטעלט פעסט, דאָס די וואַלן שפּיגלען ניט אָפּ די כוחות־פאַרהעלטענישן אין דער יידישער באַפעלקערונג און נישט דעם ווילן פון די וויילער, הויפּטזאַכלעך צוליב צוויי סיבות: פרויען האָבן בכלל קיין שטימרעכט ניט און מענער בלויז פון 25 יאָר. די קהילה דאַרף שטיצן ניט בלויז רעליגיעזע באַדערפענישן, נאָר הויפּטזאַכלעך די קולטורעלע אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און פיל ברייטער לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אויף דער זיצונג פון 18־טן מערץ 1932 גרייפט פ״צ שאַרף אָן דעם בלאָק פון סאַנאַציע מיט די יידישע קלעריקאַלע עלעמענטן. זי פאָדערט אונטערשטיצן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, פון שול־וועזן אין יידיש און פון יידישע שולן אין אַלגעמיין ווי אויך די יידישע עמיגראַציע. דעם פּראָגראַם שטיצן אין אַלגעמיין די האַנטווערקער־פאַרשטייער אין דער קהילה. דעם 1־טן יאַנואַר 1932 האָבן דאַקעגן די האַנטווערקער־פאַרשטייער פאַרגעלייגט קאָנקרעטע פאָדערונגען, אונטערשטיצט דורך פּועלי־ציון: אויפבויען אין כעלם אַ יידישן שפּיטאָל און אַ האַנטווערקער־שול, ווי אויך שטיצן האַנטווערקער־קורסן פאַר געזעלן.

די זיצונגען פון קהילה־ראַט פלעגן זיין עפנטלעכע, פיל אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן בכלל פלעגן נאָכפאָלגן די טעטיקייט פון פאַרשיידענע גרופּן, וואָס האָט באַדייטנד געהויבן דעם פּרעסטיזש און פאַרברייטערט די השפּעה פון לינקע פּועלי־ציון צווישן דער יידישער אָרעמקייט אין כעלם. בעת די נייע וואַלן האָט די לינקע פּועלי־ציון ווידער דורכגעפירט דריי אירע פאַרשטייער.

✶

אַ פיל גרעסערע באַדייטונג פאַרן קאַמף פון פּועלי־ציון פאַר די אינטערעסן פון ברייטע שיכטן פון יידישע אַרבעטער און יידישער אָרעמקייט בכלל, האָט געהאַט איר טעטיקייט אין כעלמער שטאָטראַט. שוין בעת די ערשטע וואַלן אין 1919 יאָר, ווען דער בונד האָט אָנגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון, האָט די פּועלי־ציון דורכגעפירט בלויז איין פאַרשטייער, ד״ר משה קאַנפער.

בעת די וואַלן אין 1927 יאָר האָבן אָנטייל גענומען 8,237 בירגער, וועלכע האָבן אויסגעוויילט 24 ראַטמענער. 6 יידישע ליסטעס האָבן דאַן באַקומען 3,901 שטימען און 10 מאַנדאַטן; פּ.פּ.ס. — 2,559 שטימען און 8 מאַנדאַטן, דער פּוילישער בירגערלעכער בלאָק — 1777 שטימען און 6 מאַנדאַטן. פון די 6 יידישע ליסטעס האָט דער יידישער נאַציאָנאַלער בלאָק (ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן) באַקומען 1349 שטימען און 4 מאַנדאַטן; לינקע פּועלי־ציון — 1054 שטימען און 3 מאַנדאַטן; האַנטווערקער — 585 שטימען און 1 מאַנדאַט; צעירי־ציון — 319 שטימען, 1 מאַנדאַט; בונד — 307 שטימען, 1 מאַנדאַט. די ליסטע פון די יידישע קאָמוניסטן איז געפּסלט געוואָרן, דאָך האָט זי באַקומען 287 שטימען.

אין דעם שטאָטראַט איז געשאַפן געוואָרן אַ בלאָק פון לינקע פּועלי־ציון מיט בונד (4 מאַנדאַטן) און ס׳זענען געווען מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ סאָציאַליסטישע מערהייט צוזאַמען מיט פּ.פּ.ס. פּ.פּ.ס. איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען, זי האָט געוויינלעך צוזאַמענגעאַרבעט מיטן פּוילישן בירגערלעכן בלאָק. בלויז אין אויסנאַם פאַלן האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אַ מערהייט מיט פּ.פּ.ס. פאַר קאָנקרעטע פאָרשלאָגן. דאָך האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן אין דער קאַדענץ דאָס ערשטע מאָל אַ יידישן לאַווניק מרדכי עברי פון לינקע פּועלי־ציון, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט.

אין שטאָטראַט מערקט זיך אַ בפירושע טענדענץ ביי די פּוילישע ראַטמענער צו איגנאָרירן די יידישע פאַרשטייער. ביים אויסוויילן אַ פּרעזידענט האָט מען זיך בכלל ניט פאַרשטענדיקט מיט די יידישע ראַטמענער. אַלס פּראָטעסט האָבן אַלע יידישע ראַטמענער און דער לאַווניק עברי פאַרלאָזן די זיצונג. פאַרבליבן זענען בלויז די 14 פּוילישע ראַטמענער און 4 מאַגיסטראַט־מיטגלידער.

אויף דער זיצונג פון 8־טן יוני 1928 איז אָנגענומען געוואָרן אַ וויכטיקער פאָרשלאַג פון פּועלי־ציון, בונד און פּ.פּ.ס. וועגן באַפרייען פון שטייערן איינוווינער פון איין־צימער־וווינונג, וועלכע פאַרדינען ביז 200 זל׳ אַ חודש. דאַקעגן דער פאָרשלאַג פון פּועלי־ציון און בונד (פּ.פּ.ס. געווען קעגן) וועגן באַפרייען קליינהענדלער פון דער 4־טער קאַטעגאָריע און האַנטווערקער פון דער 8־טער קאַטעגאָריע פון צאָלן שטייערן אויף וועגן און אינוועסטיציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

בעת דער בודזשעט־סעסיע האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן 20 טויזנט זל׳ שטיצע פאַר יידישע אינסטיטוציעס, ווי פאַר מושב זקנים — 5 טויזנט, פאַר לינת הצדק — 4 טויזנט, פאַר דער יידישער פאָלקס־שול און פאַר דער יידישער גימנאַזיע — צו 3 טויזנט, אָבער אויף דער זיצונג פון 28־טן סעפּטעמבער האָט מען אינפאָרמירט, אַז דער וואָיעוואָדע האָט באַדייטנד פאַרקלענערט די סובסידיעס. פאַר מושב זקנים, אַנשטאָט 5 בלויז 2 טויזנט, פאַר לינת הצדק אַנשטאָט 4 —

2 טויזנט, פאַר דער יידישער פאָלקס־שול אנשטאט 3 — 2 טויזנט, פאַר דער יידישער גימנאַזיע אנשטאט 3 בלויז 1 טויזנט. אויף דער זעלבער זיצונג האָבן בונד און פּועלי־ציון אַרייַנגעטראָגן אַ פאָרשלאַג אָנצורופן אַ גאַס אין כעלם אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, דאַן האָבן אַלע פּוילישע ראַטמענער מיטן פּרעזידיום פון מאַגיסטראַט געשטימט קעגן, דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אין 1930 איז דערמאָרדעט געוואָרן אין זיין וווינונג דער יידישער לאַווניק מרדכי עבֿרי, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס יידישע כעלם. די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרלוירן אַן אָנגעזעענעם געזעלשאַפטלעכן טוער, וועלכער האָט טריי פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, פון דעֿר אַרבעטנדער און אָרעמע שיכטן בפרט. אין דער קאַדענץ האָט שוין די יידישע באַפעלקערונג קיין ווירדיקן לאַווניק אין מאַגיסטראַט ניט געהאַט.

דעם 20־טן פעברואַר 1931 זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן פון אַ לאַווניק. פּועלי־ציון האָט פאָרגעלייגט די קאַנדידאַטור פון פּעטערזייל, וועלכער האָט באַקומען בלויז 3 שטימען פון פּועלי־ציון. אפילו דער בונדישער ראַטמאַן האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן קאַלוואַרי פון רעכטן יידישן בלאָק, וועלכער האָט באַקומען 11 שטימען (6 יידישע און 5 פּוילישע). דער לאַווניק האָט בלויז קאָמפּראָמיטירט די יידישע באַפעלקערונג. דעם 19־טן אויגוסט 1932 איז ער צייטווייליק אַרעסטירט געוואָרן און דעם 23־טן סעפּטעמבער איז דאָס גאַנצע פּרעזידיום אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זייער טעטיקייט צוליב מיסברויכן (דער פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט און לאַווניקעס, דערין קאַלוואַרי), ס'איז פאַרבליבן בלויז איין לאַווניק, פּראָקאָפּיאַק, וועמען מ'האָט איבערגעגעבן די צייטווייליקע אָנפירונג פון מאַגיסטראַט.

דעם קאַמף פון לינקע פּועלי־ציון פאַר די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט, פאַר אַרבעטסלאָזע און יידישער אָרעמקייט בפרט, אילוסטרירט קלאָר די בודזשעט־סעסיע פון 2־טן יוני 1932, דאַן ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן דער בודזשעט אויפן יאָר 1933, אין הויכפּונקט פון גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס.

פּועלי־ציון האָט אַרייַנגעטראָגן 18 קאָנקרעטע פאָרשלאַגן, אויסבעסערונגען צום בודזשעט. פון זיי האָט מען אָפּגעוואָרפן פאָלגנדע 9 מיט די שטימען פון פּ.פּ.ס.: 1) אויסשטרייכן 77 טויזנט פון הכנסה־שטייער, בכדי צו באַפרייען אומפאַרמעגלעכע; 2) אויסשטרייכן 77 טויזנט אויף הלוואות, פאַרווענדן דאָס געלט אויף שטיצע פאַר אַרבעטסלאָזע; 3) אַרייַנפירן 2 טויזנט זל' פאַר אַן אָוונט פאַר אַרבעטער; 4) 200 זל' פאַר ספּאָרט־קלוב "שטערן"; 5) 2 טויזנט זל' פאַר לינת הצדק; 6) 2 טויזנט זל' פאַר טאז; 7) פאַרגרעסערן דעם לוקסוס־שטייער, פאַרווענדן דאָס געלט פאַר אַרבעטסלאָזע; 8) באַפרייען אָרעמע פון מיליטער־שטייער; 9) פאַרקלענערן אויף 2 טויזנט הכנסה פון אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן, בכדי צו באַפרייען אָרעמע פון די שטראָפן.

אין 4 פאַלן האָט מען פאַרקלענערט די סומעס, וועלכע

פּועלי־ציון האָט פאָרגעלייגט: אַנשטאָט 25 טויזנט פאַר אַרבעטסלאָזע — באַשטעטיקט 15 טויזנט; אנשטאט 15 טויזנט דרינגנדע הילף פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג — בלויז 4 טויזנט; באַראָכאָוו־ביבליאָטעק, אנשטאט 750 זל', באַשטעטיקט בלויז 500 זל'; פאַר קינדער־היימען, אנשטאט 4,500 זל', באַשטעטיקט בלויז 2 טויזנט זל'.

אָנגענומען האָט מען בלויז 5 פאָרשלאַגן: 200 זל' פאַר ייוו"א אין ווילנע; 200 זל' פאַר יידישע ביכער אין דער שטאָט־ביבליאָטעק; 5 טויזנט זל' פאַר זומער־קאָלאָניעס פאַר קינדער; באַפרייען פון אינוועסטיציע־שטייער אַלע קליינהענדלער פון דער פערטער קאַטעגאָריע און האַנטווערקער פון דער 8־טער קאַטעגאָריע; באַפרייען אָרעמע פון שטעמפּלשטייער ביי חתונות.

די פּועלי־ציון פאָרשלאַגן און די דיסקוסיע אַרום זיי ביי אַ פול געפּאַקטן עולם אויף דער גאַלעריע האָט בפירוש אַרויסגערוקט די לינקע פּועלי־ציון אַלס דעם אמתדיקן פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדע און פון דער גאַנצער אָרעמער באַפעלקערונג פון כעלם.

אָבער שוין אין 1933 יאָר הייבן אָן צו שוועבן שטאַרקע אנטיסעמיטישע און אַנטידעמאָקראַטישע ווינטן אונטערן אייַנפלוס פון די נאַצי־געשעענישן אין דייטשלאַנד. דעם 23־טן יוני 1933 זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלע יידישע אָנגעשטעלטע פון מאַגיסטראַט. דעם 27־טן אָקטאָבער 1933 נעמט דער שטאָטראַט אָן נייע באַשלוסן וועגן וואַלן וואָס דאַרפן פאָרקומען אין 1934 יאָר. די שטאָט דאַרף ווערן אייַנגעטיילט אין 9 וואַל־ראַיאָנען און אויסוויילן 28 ראַטמענער. אין דער פּראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שטאָט ציילט שוין 32 טויזנט אייַנוווינער און דעריבער וועט מען אויסוויילן ניט 28 נאָר 32 ראַטמענער.

דעם 20־טן מאַי 1934 זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן צום שטאָטראַט. די שטאָט איז געוואָרן אייַנגעטיילט אין 4 ראַיאָנען: צוויי מיט אַ פּוילישער מערהייט וועט אויסוויילן 8 און 11 ראַטמענער (19), דאַקעגן צוויי מיט יידישער מערהייט 8 און 5 ראַטמענער (13). צו די וואַלן זענען צוגעטראָטן 4 גרופּירונגען: צוויי פּוילישע — פּוילישער אומפּאַרטייאישער בלאָק און פּ.פּ.ס.; און צוויי יידישע — אַ פאַראייניקטער יידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפטלעכער בלאָק און די לינקע פּועלי־ציון. די וואַלן האָבן אויסגעדרוקט אַ קער אויף רעכטס. דער פּוילישער אומפּאַרטייאישער בלאָק האָט באַקומען 18 מאַנדאַטן, דאַקעגן פּ.פּ.ס. בלויז 2 מאַנדאַטן. דער יידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפטלעכער בלאָק האָט באַקומען 2,100 שטימען און 9 מאַנדאַטן, לינקע פּועלי־ציון 1,200 שטימען און 3 מאַנדאַטן. די איינציקע אַרבעטער־פּאַרטיי וואָס האָט פאַרגרעסערט איר אייַנפלוס איז געווען די לינקע פּועלי־ציון. דעם 12־טן אָקטאָבער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ יידישער לאַווניק — אברהם שיין. פּ"צ האָט געהאַט שאַנסן צו אַ צווייטן יידישן לאַווניק. געהאַט אירע 3 שטימען, 2 שטימען האָט זי באַקומען פון פּ.פּ.ס., ס'האָט געפעלט 1 שטים. פּ"צ־פראַקציע האָט זיך

געוואָנדן צום ייד. נאַצ. ווירט. בלאָק מיט אַ ביטע צו שטיצן זיי מיט איין שטים, אָבער דער בלאָק האָט אָפּגעזאָגט. צוליב דעם האָט די יידישע באַפעלקערונג פאַרלאָרן איר צווייטן לאָווניק.

די ראַטמענער (משה בעקער, אהרון דוד היפשמאַן און בערל אַקסעלראָד) האָבן פאַרגעזעצט די רומפולע טראַדיציע פון דער פאַריקער פ"צ־פראַקציע, אָבער אין פיל שווערערע באַדינגונגען, אָנגעלאָדענע מיט אַנטיסעמיטישע, פּראָנאַצישע אַרויסטרעטונגען. דער פאַקט האָט זיכער מיטגעווירקט אויף די איבערראַשנדע רעזולטאַטן פון די לעצטע וואַלן צום כעל־מער שטאָטראַט דעם 20־טן מאַי 1939 יאָר. פון די 3,907 אָפּ־געגעבענע יידישע שטימען האָט די רשימה פון די לינקע פועלי־ציון באַקומען 3,031 שטימען און 8 ראַטמענער. צום 9־טן מאַנדאַט האָט געפעלט פועלי־ציון בלויז עטלעכע שטי־מען. די רעזולטאַטן פון די וואַלן זענען לאַנג ניט באַשטעטיקט געוואָרן. עס זענען געפסלט געוואָרן די רעזולטאַטן פון 2־טן וואַל־ראַיאָן (5 מאַנדאַטן, דערפון פ"צ — 4, דער בירגער־לעכער בלאָק — 1). נייע וואַלן האָבן געזאָלט פאַרקומען אין מיטן חודש סעפטעמבער 1939 יאָר.

✶

כדאי צו דערמאָנען, אַז נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטי־יידישע אַרויס־טרעטונגען, איז אין כעלם, ווי אין פיל אַנדערע שטעט פון פּוילן אָרגאַניזירט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון פּרעזעס פון דער קהלה ד"ר ווילענקא און ראַטמאַן לעדערמאַן אַ קרייז־קאָמיטעט צום קאַמף קעגן היטלעריזם. דעם 30־טן מאַי 1933 יאָר האָט דער קאָמיטעט דערקלערט אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות און אויסאַרבעטונגען אַלס ענטפער אויף די רדיפות קעגן יידן, דער קאַמף האָט זיך באַדייטנד פאַרשאַרפט אין די חדשים סעפטעמבער און אָקטאָבער 1933 יאָר.

דער קאַמף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען

אַ וויכטיק אָרט אין דער טעטיקייט פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען פאַרנעמט די טעטיקייט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען. ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָבן זיך נאָך אין יאָר 1919 אויספאָרמירט צוויי זעלבסטשטענדיקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציעס. איינע — אָרגאַניזירט אין צענטראַל־ראַט, אונטער די איינפלוסן פון בונד (פאַרזיצער שמואל אַרטור זיגעלבוים), וועלכע האָט אַרומגענומען 4 פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: נאָדל, לעדער, בוי און האָלץ, דערנערונג, צוזאַמען 620 מיט־גלידער. די צווייטע — אונטער דער אָנפירונג פון פועלי־ציון (די צאָל פאַראיינען און מיטגלידער ניט באַקאַנט). נאָכן אַנטשטיין פון "קאָמבונד" און איבערגיין אַ גרויסן טייל פון בונדישן אַקטיוו צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ענדערט זיך די לאַגע אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די מער־הייט בונדישע פּראָפ. פאַראיינען ווערן באַהערשט דורך די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן דאַן זייער זיץ־אָרט אויף בודאָוו־סקע גאַס. דאַקעגן די לינקע פועלי־ציון, נאָך דער שפּאַלטונג אין פועלי־ציון, האָט איבערגענומען די פּראָפ.־פאַר. פון דער פאַר־אייניקטער פועלי־ציון און זיי ווייטער אַנטוויקלט.

די ערשטע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון די פּראָפ.־פאַראיינען האָבן מיר פון 1921 יאָר. צוגלייך מיטן נאָדל־פאַראיין, איז זייער אַקטיוו געווען דער פאַראיין פון האָלץ און בוי־אַרבעטער. דעם 12 אָקטאָבער 1921 האָט די פּאָליציי דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין לאָקאַל פון פאַראיין, זי זאָל האָבן דאָרט געפונען 300 קאָמוניסטישע אויפרופן, האָט געשלאָסן צייטווייליק דעם פאַראיין און אַרעסטירט אַן אַקטיוון פּראָפעס־יאָנעלן טוער — קראָוזע. דעם 17 דעצעמבער 1921 איז דער ענין באַהאַנדלט געוואָרן אין קרייז־געריכט אין לובלין; פאַר־טיידיקט האָט דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט דוראַטשע, דאָך האָט דאָס געריכט באַשלאָסן צו שליסן דעם פאַראיין.

פון 1922 יאָר האָבן מיר ידיעות וועגן צוויי געלונגענע שטרייקן: דעם 8־טן סעפטעמבער האָט זיך פאַרענדיקט דער שטרייק פון נאָדל־אַרבעטער, וועלכע האָבן דערגרייכט 50% לוין־הוספה; דעם 15־טן דעצעמבער דער 3־טאָגיקער שטרייק פון די יידישע שוסטערס, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן אַ לוין־העכערונג פון 34%.

אין יאָר 1923, אין אויפשטייג פון דער שווינדלדיקער אינפלאַציע, פונקט ווי אין גאַנץ פּוילן, האָט אויך כעלם איבער־לעבט אַ תקופה פון שטרייקן און קאַמפן. דאַן — בעת דעם אַלגעמיינעם שטרייק פון באַן־אַרבעטער — דערגייט אין כעלם צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, בעת וועלכע ס'ווערן דערהאַרגעט 3 באַן־אַרבעטער. אין שטאָט קומען פאָר גרויסע מיטינגען און דעמאָנסטראַציע מיטן אָנטייל פון יידישע אַרבעטער. דער מחבר פון די שורות, אַלס שילער פון דער פּוילישער גימנאַזיע, איז געווען אָנוועזנד אויף אַ מיטינג אויף לובלינער גאַס, ניט ווייט פון זאַקסישן גאָרטן. דאַן קומען פאָר פיל שטרייקן פון יידישע אַרבעטער. גענויערע ידיעות האָבן מיר וועגן אַרויסטרעטונגען פון נאָדל־אַרבעטער כמעט פון אַלע פאַכן. די דאַמען־פריוואַט־שניידער האָבן זיך דער־שלאָגן אָן אַ שטרייק, בלויז אַדאַנק זייער אָרגאַניזירטקייט, אַ לוין־העכערונג פון 80%—60. די מענער־מאַגאַזין־שניידער האָבן אַדאַנק אַ שטרייק דערגרייכט אַ הוספה פון 50 ביז 100 פּראָצענט. די מענער־פּריוואַט־שניידער האָבן געזיגט בעת אַ קורצן שטרייק, האָבן אָבער ווייטער געשטרייקט 6 טעג, פאָדערנדיק זיי צו באַצאָלן פאַר דער צייט פון שטרייק. זיי האָבן באַקומען באַצאָלט בלויז פאַר 3 טעג שטרייקן, אַחוץ אין וואַרשטאַט פון משה יערמוס, ווו דער שטרייק איז פאַר־געזעצט געוואָרן.

פון יאָר 1924 האָבן מיר ווייטערדיקע ידיעות וועגן שטרייקן, הויפּטזאַכלעך ביי סטאָלער און שניידער־אַרבעטער. דעם 22־טן אויגוסט האָט זיך פאַרענדיקט דער סטאָלער־שטרייק די אַרבע־טער האָבן זיך דערשלאָגן אַ הוספה פון 25% פאַר דער 2־טער קאַטעגאָריע און 25% פאַר דער 3־טער קאַטעגאָריע.

דעם 22־טן אָקטאָבער איז אויסגעבראָכן אַ נייער שטרייק פון סטאָלאַר־אַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ לוין־העכערונג פון 50 און 60 פּראָצענט פאַר באַזונדערע קאַטע־גאָריעס. מיטן שטרייק האָט אָנגעפירט מענדל טעפער. דעם 7־טן נאָוועמבער האָט זיך פאַרענדיקט דער שטרייק פון מאַנטלען־שניידער (פאַר מענער און פרויען) נאָכן באַקומען אַ הוספה פון 40 ביז 50 פּראָצענט.

אין דעם פעריאָד הערן מיר נאָכניט וועגן קאַמפן און צו־זאַמענשטויסן צווישן פּראָפּ.־פאַר. פון באַזונדערע ריכטונגען. אין די יאָרן 1925/26 זענען די פאַראיינען פון ביידע ריכטונגען געווען גוט אָרגאַניזירט. די א״ג ״רויטע״ פאַר. האָבן פאַרנומען אַ גוטן לאָקאַל אויף לוואָווסקע־גאַס, דאַקעגן די פאַראיינען פון לינקע פּועלי־ציון אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט ״אָוונט קורסן״, אויף לובלינער גאַס 27. אָבער שוין אין דעם פעריאָד נעמט אָן דער קאָמינטערן דעם שוידערלעכן באַשלוס וועגן ״סאָציאַל־פאַשיזם״, האַלטנדיק די לינקע סאָציאַליסטישע אַר־בעטער־פּאַרטייען פאַר די שעדלעכסטע פאַרן אַרבעטער־קלאַס. אַט די זינלאָזע, פשוט פאַרברעכערישע איינשטעלונג האָט גע־פירט צו פאַרטיפן די פונאַנדערטיילונג אין אַרבעטער־קלאַס און האָט אַריינגעפירט מעטאָדן פון געשלעג און טעראָר אין די רייען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

שוין פון יאָר 1928 האָבן מיר די ערשטע ידיעות וועגן געשלעגן צווישן אַרבעטער אָדער צווישן ספּעציעל אָרגאַני־זירטע באָיווקעס. דעם 14־טן סעפּטעמבער 1928 איז אויס־געבראָכן אַ שטרייק פון בוי־אַרבעטער, באַשעפטיקטע ביי די קאַזאַרמעס. עס איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג מיט אַרבע־טער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די באַשלוסן פון דעם בוי־פאַראיין. בעתן שטרייק האָט מען אַרעסטירט 16 פּערזאָן, דאָך האָט זיך דער שטרייק פאַרענדיקט מיט אַ נצחון. ביי בוי־אַרבעטער און סטאָלאַרעס פלעגן פאָרקומען סיסטע־מאַטיש שטרייקן יעדעס יאָר.

דעם 19טן נאָוועמבער 1928 יאָר סטעמפּלען עפּנטלעך ביידע נאָדל־פאַראיינען זייערע קעגנער אַלס שטרייקברעכערס און דעם 14־טן דעצעמבער ד. י. בעת אַ קאָנפליקט אין קעלבער־מאַנס שניידער־וואַרשטאַט דערגייט צו געשלעגן צווישן פאַר־שטייער פון ביידע נאָדל־פאַראיינען.

די א״ג ״לינקע״ פּראָפּ.־פאַראיינען האָבן, זעט אויס, אין דעם פעריאָד זיך געפילט גענוג שטאַרק, ווייל זיי זענען צו־געטראָגן צו זאַמלען געלט, בכדי אויפצובויען אַן אייגן הויז פאַר זייערע פאַראיינען. לויט אינפאָרמאַציעס פון אַ ריי טוערס פון די ״לינקע״ פּראָפּ.־פאַראיינען, ווי חיים פּאַפּילעס, אהרון לייבמאַן (בוכשטאַבער) און שלום איצקאָוויטש, זענען אין די יאָרן 1926—1930 4 פּראָפּ.־פאַראיינען געווען אונטער דער השפּעה פון די קאָמוניסטן: דער נאָדל־פאַראיין — געציילט 40—50 מיטגלידער; ערשטער פאָרזיצער משה וואָרמאַן, דאַן ריוועלע פורער (ביק), חוה דרוקער, צירעלע גוטערמאַן און דער לעצטער פאָרזיצער — אהרון לייבמאַן. דער לעדער־פאַראיין — בערך 50 מיטגלידער, פאָרזיצער — דער קליינער יאַנטשעלע (פּסעוודאָ ״גראַבסקי״), פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: משה גאָלדבערג און שמואל גראַס. דער האָלץ־פאַראיין — בערך 60 מיטגלידער. צום אַקטיוו געהערט: לייבל שטיין, משה שפּאָרער, הערש גאָלדבערג, שלום איצקאָוויטש, פאָר־זיצער — הערש שעכטערזאָן. דער בעקער־פאַראיין — בערך 15—20 מיטגלידער. צום אַקטיוו געהערט צאַל פריד, בערל בויצעק, דוד באַרנשטיין. אַלע די פּראָפּ.־פאַראיינען זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן די געהעריקע צענטראַלעס און האָבן זיך געפונען אין איין לאָקאַל. צוערשט אויף בודאָווסקע־גאַס, דאַן אויף שעדלעצקע, לוואָווסקע, ביי די מענאַשקעס אויף באָד־גאַס און אם ענדע אויף לובלינער־גאַס. אין יאָר 1930 האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט געשלאָסן די אַלע פּראָפּ.־פאַראיינען. פון דעם מאָמענט זענען די פּראָפּ.־פאַר. געווען אומלעגאַל און האָבן זיך געפונען אויף דער א״ג בערזע.

אין 1929 יאָר פאַרשאַרפן זיך די קאָנפליקטן ספּעציעל צווישן די ביידע נאָדל־פאַראיינען. ווען איין פאַראיין דער־קלערט אַ שטרייק, אָנערקענט אים ניט דער צווייטער, און ביידע באַשולדיקן זיך געמיינזאַם אין שטרייק־ברעכעריי. דאָס האָט אָפט דערפירט צו געשלעגן צווישן אַרבעטער פון ביידע פּראָפּ.־פאַראיינען, ווי צ. ב. דעם 24־טן מאַי 1929, ווען די געשלעגן האָבן זיך איבערגעטראָגן ביז צום לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט ״אָוונט־קורסן״ פון די לינקע פּועלי־ציון.

די שוידערלעכע, אומזיניקע טאָטן, אַלע אַ פּראָדוקט פון דער פאַרברעכערישע טעאָריע וועגן ״סאָציאַל־פאַשיזם״, האָבן אָבער ניט געקאָנט האַמעווען די נאָרמאַלע טעטיקייט פון די פּראָפּ.־פאַראיינען אונטער דער השפּעה פון די לינקע פּועלי־ציון, אָנגעשלאָסענע אין קולטור־אַמט. אין די יאָרן 1926/27 האָט דער לאַנד־ראַט (צענטראַלער קולטור־אַמט) אויפגעלעזט דעם קולטור־אַמט אין כעלם. דאַן האָט די פּועלי־ציון אָרגאַ־ניזירט אַן אָרטיקן קולטור־אַמט, וואָס האָט ווייטער אָנגעפירט מיט די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

לויט די אינפאָרמאַציעס פון די ברידער יעקב און שמואל בעקער, זענען אונטער דער השפּעה פון די לינקע פּועלי־ציון געווען פאָלגנדע פּראָפּ.־פאַראיינען: דער נאָדל־פאַראיין — דער גרעסטער, פאָרזיצער — פייגע בוים־בעקער, געציילט בערך 200 מיטגלידער; דער טעקסטיל־פאַראיין; דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַראיין; דער לעדער פאַראיין; דער מאָלער־פאַראיין; דער מיל־אַרבעטער פאַראיין; דער טראַנספּאָרט־פאַראיין; דער פריזירער־פאַראיין; דער דרוקער־פאַראיין; דער דערנערונגס־פאַראיין, וועלכער האָט אַרומגענומען אויך אַר־בעטער פון דומאַנ׳ס רעקטיפיקאַציע און דער מוזיקער־פאַראיין.

די אויסגערעכנטע פּראָפּ.־פאַר. האָבן געפירט אַ סיסטע־מאַטישע טעטיקייט, אין אַ ריי פאַלן איז דערגאַנגען צו שטרייקן. מיר האָבן אינפאָרמאַציעס וועגן פאָלגנדע שטרייקן: דעם 13־טן סעפּטעמבער 1929 איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין דער דרו־קעריי ״ראַדיאָ״, וועלכער איז געווען אַ לאַנגדויערנדער. ווען דער אונטערנעמער האָט זיך באַנוצט מיט שטרייקברעכער, האָט דער פאַראיין דערקלערט דעם 27־טן אָקטאָבער אַ באַיקאָט

אויף דער דרוקעריי און האָט זיך געוואָנדן עפנטלעך צו דער באַפעלקערונג ניט צו געבן אַרבעט דער דרוקעריי.

דעם 16־טן יאַנואַר 1931 ברעכט אויס אַ שטרייק פון טעקסטיל־אַרבעטער, וואָס האָט געדויערט 6 וואָכן. בעתן שטרייק איז דערגאַנגען צו צוזאַמענשטויסן צווישן די אַרבעטער און די אונטערנעמער. דער שטרייק, אָנגעפירט דורכן טעקסטיל־פאַראיין, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון. דעם 3־טן אנואַר 1931 האָט זיך פאַרענדיקט דער לערער־שטרייק אין דער יידישער גימנאַזיע, אָבער דעם 13־טן נאָוועמבער 1931 איז אויסגעבראָכן אַ נייער שטרייק, ווייל די לערער האָבן ניט באַקומען אויסגעצאָלט זייער געהאַלט. מיטן שטרייק האָט אָנגעפירט דער לערער־פאַראיין, ניט אָנגעשלאָסן אין קיין איינע פון די דערמאָנטע אויבן פאַראייניקונגען.

אַ ספּעציעלע פאַראינטערעסירונג ביי דער כעלמער אַרבעטערשאַפט האָט אַרויסגערופן דער שטרייק פון אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער אייער עקספּאָרט־געזעלשאַפט, אָנגעפירט דורכן טראַנספּאָרט־פאַראיין, ספּעציעל צוליב דער אָריגינעלער פאָרם פון שטרייקברעכעריי. די אייגנטימער האָבן זיך באַנוצט מיט אַרעסטאַנטן אַלס שטרייקברעכער, וועלכע די פּאָליציי פלעגט יעדן טאָג ברענגען צופירן פון דער תפיסה. מיטן שטרייק האָט דירעקט אָנגעפירט אַ קאָמיסיע פון 5 פערזאָן: ב. קאַרפּ — פאָרזיצער פון טראַנספּאָרט־פאַראיין, משה בעקער — פאָרשטייער פון קולטור־אַמט און דריי שטרייקנדע אַרבעטער. דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט דעם 18־טן יוני 1931 צום גינסטן פון די אַדבעטער. אָבער דעם 11־טן מערץ 1932 איז אויסגעבראָכן אַ נייער שטרייק אין דער זעלבער "אייער־עקספּאָרט־געזעלשאַפט". דאָסמאָל האָבן דעם שטרייק ספּעציעל פּראָוואָצירט די אונטערנעמער.

דעם 6־טן פעברואַר 1931 איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט אין קינאָ "קאָרסאָ", דער קאָנפליקט איז אַריבער צום אַרבעטס־אינספּעקטאָר. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט דער נייאַנטשטאַנענער פּראָפ.־פאַראיין פון מוזיקער. די אַרבעטער־פאַראיינען ברייטערן שטופנווייז אויס זייער השפּעה אויף דער אַרבעטנדער אינטעליגענץ. צוגלייך מיטן עקזיסטירן פון אַ לערער־פאַראיין, אַ פאַראיין פון מוזיקער, אַנטשטייט אין 1934 אַן איניציאַטיוו צו בילדן אַ בוכהאַלטאָרן־פאַראיין.

אין די יאָרן 1932—1934 קומען פאָר געוויסע ענדערונגען אין אַ טייל פּראָפ.־פאַראיינען. עס אַנטשטייט אין כעלם אַן אָפּטיילונג פון דער נײַ־אַנטשטאַנענער לעגאַלער פּאַרטיי — "אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער פּאַרטיי" (איאפּ), אָנגעפירט דורך קאָמוניסטן. אין דער כעלמער אָפּטיילונג פון דער פּאַרטיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל געוועזענע מיטגלידער פון לינקע פּועלי־ציון, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן, ווי סרולטשע קופּפער — פאָרזיצער פון "איאפּ" אין כעלם, יצחק קאָרנזייער — סעקרעטאַר, וואַסערמאַן, שענער; פון יוגנטלעכע: יאָסעלע גאָלדהאר, זלאטקע קאָרנפעלד, לייע קוריס א. אַנד. דער "איאפּ" האָט געדונגען אַ לאָקאל, אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק, פלעגט איינאָרדענען פאָרלעזונגען, קעסטל־אָוונטן, פאַרשיידענע קולטור־אונטערנעמונגען און פון צייט צו צייט אויך פאַרוויילונגען. טיילווייז איז דער "איאפּ" געוועזן אויך טעטיק אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט, ס'האָט זיך אים איינגעגעבן איבערצונעמען דעם דרוקער־פאַראיין.

אין 1933 יאָר, בעתן גרויסן ווירטשאַפטליכן קריזיס, זענען אויסגעבראָכן אַ ריי שטרייקן. ליידער קאָנקרעטע מאַטעריאַלן האָבן מיר בלויז וועגן צוויי שטרייקן. 3 וואָכן האָט געדויערט דער שוסטער־שטרייק, פאַרענדיקט דעם 7־טן יולי 1933. אַ שאַרפער קאָנפליקט איז אויסגעבראָכן ענדע 1933 אין בראַנפעלדס דרוקעריי, ווען דער אייגנטימער האָט ניט געוואָלט באַצאָלן דעם אָפּגעזאָגטן אָנגעשטעלטן 12 זל' און אַנטשעדיקונג פאַר 3 חדשים. דער ענין איז אַריבער אין געריכט, וועלכער האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל לטובת דעם אָנגעשטעלטן.

בעתן קריזיס איז אויפגעשווומען אַלס פּראָבלעם דער ענין כאַלופּניקעס. פיל זעלבסשטענדיקע האַנטווערקער זענען דאַן פאַראָרעמט געוואָרן און געוואָרן כאַלופּניקעס. דאָס האָט געשטעלט נייע אויפגאַבן פאַר די פּראָפ.־פאַראיינען. פאַראַן ידיעות, אַז דער "בונד" זאָל דאַן האָבן אָרגאַניזירט אין כעלם דעם סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַראיין.

דעם 27־טן אָקטאָבער 1935 איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער איטאַליענישער שטרייק פון יידישע און פּוילישע אַרבעטער אין אַלע כעלמער מילן. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַ לוין־העכערונג פאַר ניט קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון 2,16 אויף 4 זל'. און פאַר קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון 4 אויף 10 זל' פאַר אַ שעה; אַנערקענונג פון פאַראיין און רעכט אויף קאָלעקטיווע אָפּמאַכן. דער ענין איז אַריבער צום אַרבעטס־אינספּעקטאָר, וועלכער איז געוואָרן דער אַרביטער. דעם 8־טן נאָוועמבער האָט זיך דער שטרייק פאַרענדיקט מיט אַ קליינער לוין־הוספה.

נאָך דער ליקווידאַציע פון "איאפּ" אין 1934 יאָר האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיך צוריק שטופנווייז אַקטיוויזירט און פאָרגעזעצט איר טעטיקייט אין אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. לויט חיים שולקלאפּער'ן, זענען אין 1935 יאָר פאָלגנדע פּראָפ.־פאַראיינען געווען אונטער קאָמוניסטישער השפּעה: דער נאָדל־פאַראיין — אין דער אָנפירונג — שלמה שטערנפיין, שמואל שנייער, גיטל רייגער, מענדעלע סטאל און פעסל פאראבעק; דער לעדער פאַראיין — אין פאַרוואַלטונג: יאָסקע גערשמאן, מאָטל ברענער און חיים שולקלאפּער; דער בויפאַראיין — אָנפירונג: כאסקל ראָזענבלום, חיים עפּעלבוים, מיילאך אַקערשטיין און לייבל מאַנדעלבוים; דער האָלץ־פאַראיין — אין פאַרוואַלטונג: שלום איצקאָוויטש, שיף און גאָלדבערג; דער מעטאַל־פאַראיין — אַ פּויליש־יידישער פאַראיין, אין דער אָנפירונג גאָלאָמב און אַרעיקאָ.

די אַלע פּראָפ. פאַראיינען זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן די געהעריקע צענטראַלעס אָבער צום קולטור־אַמט האָבן זיי ניט געהערט. צוערשט זענען די אַלע פּראָפ. פאַראיינען געווען אויף דער בערזשע, אָבער שפּעטער אין לאָקאַל פון די פּוילישע

פּראָפ. פאַראיינען אין „פּאָלאָניע“ מיט דער הסכּמה פון אָנפירער פון די פּוילישע פּראָפ. פאַר. — סטעמפּניעווסקי׳ן.

אין דעם פּעריאָד, אין די יאָרן 1935—1937 ענדערט זיך די טאַקטיק פון דער קאָמפּאַרטיי, זי הייבט אָן צו שטרעבן צו ליקווידירן די צעברעקלונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און שאַפן פאַראייניקטע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען. אין כעלם שליסן זיך אָן אַלע פאַראיינען אָן די פּראָפ. פאַראיינען פון לינקע פּועלי־ציון און אַלס פאַראייניקטע פּראָפ. פאַראיינען עקזיסטירן זיי ביזן אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה.

דעם 17־טן מערץ 1936 יאָר איז אין כעלם, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין פּוילן, פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק פון אַלע יידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירט דורך די יידישע פּראָפ. פאַראיינען, אַלס פּראָטעסט קעגן פּאָגראָם אין פּשיטיק. צום שטרייק האָבן זיך אָנגעשלאָסן די חלוצים באַוועגונג מיט זייער קיבוץ און „השומר הצעיר“ מיט דער הכשרה, דאַקעגן די כעלמער יידישע סוחרים האָבן דעם טאָג די קראָמען ניט געשלאָסן. פּ.פּ.ס. און דער „דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד“ האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיטן שטרייק פון די יידישע אַרבעטער, האָבן אָבער ניט גערופן די פּוילישע אַרבעטער אָנטייל צו נעמען אין שטרייק.

פיל מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן זענען פאַרבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט דער הסכּמה פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג, ווו זיי האָבן געאַרבעט אָדער פאַרגעזעצט זייער שטודיום. אין די יאָרן 1937—1938 האָט מען אַרעסטירט טויזנטער קאָמוניסטן פון פּוילן, דערין אַ מערהייט יידן, אונטער פאַלשע און אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען, זיי פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, ווו מ׳האָט אַ באַדייטנדן טייל פּשוט דערמאָרדעט, דערשאָסן. ערשט נאָך סטאַלינס טויט זענען אָנגעקומען קיין פּוילן רשימות מיט טויזנטער נעמען פון די דערמאָרדעטע קאָמוניסטן מיטן אויפשריפט „רעהאַביליטירט נאָכן טויט!“.

הגם ס׳זענען אונדז ניט באַקאַנט די נעמען פון אַלע דערמאָרדעטע כעלמער יידישע קאָמוניסטן געפינען זיך דאָך אין אונדזער באַזיץ 4 נעמען, וועלכע שפּיגלען אָפּ דריי דורות יידישע קאָמוניסטן אין כעלם: משה שימעל, שלמה באַך, הערשל שפּאַניער און כאיקע קראַטקאָ.

אַנטוויקלונג אויפן געביט פון קולטור און דערציאונג

שרייבנדיק וועגן דער טעטיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט, דאַרף מען גלייכצייטיק פאַרצייכענען זייער גרויסן בייטראָג צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אויפן שטח פון קולטור, קונסט און דערציאונג.

ביידע אַרבעטער־פּאַרטייען, בונד און פּועלי־ציון, פלעגן איינאָרדענען סיסטעמאַטיש אין זייערע לאָקאַלן פאָרלעזונגען, אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן און קאָנצערטן, דורכפירן קעסטל־אָוונטן, ספּעציעל אין די פרייטיקצונאַכטסן. אין די ביידע אַרבעטער־היימען, אויף לובלינער גאַס 13 און 27, פלעגן אָפט אַרויסטרעטן די אָנגעזעענע אַרבעטער־פירערס פון ביידע פּאַרטייען, ווי מיכאַלעוויטש פון „בונד“, זרובבל פון „פּועלי־ציון“ א. א., וועלכע פלעגן צוציען אַ גרויסן עולם. אָפטע געסט אין די אַרבעטער־היימען פלעגן זיין די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער און דיכטער פון פּוילן, וועלכע פלעגן לייענען זייערע ווערק, דערציילן וועגן ליטעראַרישער שאַפונג און דערמיט מיטגעהאָלפן אין אויסבלדן אַ שרייבער־משפּחה אין כעלם גופא. די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט צווישן דער אַרבעטנדיקער יוגנט, פלעגן איינאָרדענען אויספלוגן, פאַרבונדן אָפט מיט פאַרשיידנאַרטיקע קולטור־אונטערנעמונגען; אָרגאַניזירן ספּאָרט־איבונגען מיטן אָנטייל פון פיל יוגנטלעכע. ספּעציעל אַקטיוו איז געווען דער „שטערן“. זייער פּאָפּולער זענען געווען אין די יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן די דראַמאַטישע קרייזן פון די אַרבעטער־היימען, וועלכע פלעגן ביי געפּאַקטע זאַלן אַרויסטרעטן מיט זייערע פאָרשטעלונגען פאַר אַ ברייטן עולם. פון די דראַמאַטישע קרייזן זענען אין דער צוקונפט אויסגעוואַקסן אַרטיסטן פון שפּעטער באַרימטן „יוגנט־טעאַטער“ אין וואַרשע.

די פּאַרטייען און די פּראָפ. פאַראיינען האָבן גלייכצייטיק פּאָפּולאַריזירט דאָס יידישע בוך, וואָס איז טיף אַריינגעדרונגען אין די אַרבעטער־שטובן. אַחוץ דער אַלגעמיינער פּרץ־ביבליאָטעק, האָט עקזיסטירט אַ באָראָכאָוו־ביבליאָטעק אין לאָקאַל „אָוונט־קורסן“ פון פּועלי־ציון און אַ גראָסער־ביבליאָטעק אין דער אַרבעטער־היים פון בונד. אויך די קאָמוניסטישע ריכטונג האָט אָרגאַניזירט אין די לאָקאַלן פון די פּראָפ. פאַראיינען יידישע ביבליאָטעקן. פיל האָט בייגעטראָגן צו דער פאַרשפּרייטונג פון יידישן וואָרט די כעלמער יידישע פּרעסע — „די כעלמער שטימע“, וואָס איז דערשינען אין משך פון 15 יאָר, ווי אויך די צייטשריפט פון די לינקע פּועלי־ציון — „דאָס כעלמער פאָלקסבלאַט“, וואָס איז דערשינען אין משך פון 2 יאָר.

אַ ספּעציעלן אָרט אין דער קולטור־דערציערישער טעטיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, פאַרנעמט דאָס גרינדן פון קינדער־היימען מיט דער יידישער אונטעריכט־שפּראַך און אַ יידישע פאָלקס־שול, וועלכע האָט אַרומגענומען בערך 200 קינדער פון די אָרעמסטע אַרבעטער־שטובן.

דער „בונד“ האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער־היים נאָך בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, צוערשט אין אַ קליינעם לאָקאַל. פון 1918 אין דער גרויסער אַרבעטער־היים אויף לובלינער 13, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן שליסן דאָס לאָקאַל אין 1920. פּועלי־ציון האָט צוערשט אָרגאַניזירט די פאָלקס־שול, האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט, ניט קוקנדיק אויף די כסדרדיקע פינאַנסיעלע שוועריקייטן. אַחוץ לערער געקומענע פון אַנדערע שטעט, האָבן אין דער שול געאַרבעט תּושבים פון כעלם, ווי

עקיבא וויניק, אברהם לייב קראַטקאָ, כאַנטשע העלפּענביין א.אַנד. ביזן יאָר 1927 איז די פאָלקס־שול געווען אָנגעפירט דורך אַ צווישן־פּאַרטייאישער פאַרוואַלטונג פון פּועלי־ציון און בונד, אָבער אין דעם יאָר האָט דער בונד פאַרלאָזט די פאַרוואַלטונג און די פּועלי־ציון איז פאַרבליבן דער איינציקער פאַרוואַלטער. זי האָט דאַן געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון אנדערע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס פון האַנטווערקער־פאַראיין. אין 1928 יאָר, בעתן פייערן די 10־טע יאָרצייט פון דער עקזיסטענץ פון דער פאָלקס־שול, האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו שטיצן די שול, צו וועלכן ס׳האָבן געהערט: ח. פעלהענדלער, ב. ליבערמאַן, ע. קראַטקאָ און י. שענער.

די פאָלקס־שול איז מיט דער צייט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אַלגעמיינעם קולטור־לעבן ספּעציעל צווישן די יידישע אַרבעטער־קינדער. דער דראַמאַטישער קרייז און דער קינדער־אָרקעסטער פון דער שול פלעגן סיסטעמאַטיש איינאָרדענען פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, וועלכע זענען געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט דורך די קינדער פון די אַרבעטער־ראַיאָנען אין כעלם. ביי דער שול איז אַנטשטאַנען מיט דער צייט אַן אביטוריענטן־קרייז, פון וועלכן אַ טייל האָט זיך נאָך ווייטערדיקן שטודיום אומגעקערט אין דער שול אַלס לערער.

ווי שוין דערמאָנט, האָט די שול דורכגעלעבט גרויסע פינאַנסיעלע שוועריקייטן, ווייל אַ טייל לערער האָבן ניט געקאָנט צאָלן אפילו דעם מינימום־לוין. מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון דער כעלמער יידישער אינטעליגענץ, פלעגט מען זאַמלען געלט פאַר דער פאָלקס־שול און קינדער־היים — איינאָרדענען ספּעציעלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, איינאָרדענען בלימל־טעג א.ענל. ווען די פּועלי־ציון פראַקציע האָט זיך פאַרשטאַרקט אין דער קהילה און אין שטאָטראַט האָט זיך דאַן איינגעגעבן אויסצוקעמפן געוויסע שטיצע פאַר דער שול און קינדער־היים. אויך די "צ.י.ש.א." פלעגט צוטיילן דער פאָלקס־שול געוויסע סובסידיעס.

שוין אין אָנהייב פון די 30־קער יאָרן מערקן מיר אַנטי־יידישע טענדענצן ביי די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע נעמען אָן גאָר שאַרפע פאָרמען אין די ווייטערדיקע יאָרן און זענען ספּעציעל געווענדט קעגן דער יידישער פאָלקס־שול. צ״ב דעם 4־טן סעפּטעמבער 1931 האָט די פּאָליציי צעטריבן אַ לעגאַלע פאַרזאַמלונג, געווידמעט דער לאַגע אין דער פאָלקס־שול, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער "געזעלשאַפט אָוונט־קורסן" אויף לובלינער גאַס 27. אַלס מאָטיוו האָט מען אָנגעגעבן, אַז אין לאָקאַל זאָלן זיך האָבן געפונען 5 יוגנטלעכע. דאָך האָט די פאַרוואַלטונג פאָרגעזעצט איר נאָרמאַלע טעטיקייט. און פלעגט צונויפרופן יערלעכע באַריכט־פאַרזאַמלונגען. אַזאַ פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען צ״ב דעם 30־טן דעצעמבער 1930, אויף וועלכער מ׳האָט אויסגעקליבן אַ נייע שול־פאַרוואַלטונג, מיטן אָנטייל פון מ. בעקער, ע. קראַטקאָ, י. בעקער, ש. קופּפער, ד. גאָלדרייך, י. קאַרנזייער, ב. קאַנפער און י. צעבער.

דעם 30־טן אָקטאָבער 1931 האָט די שול באַקומען עקסמיסיע פון ביז־איצטיקן לאָקאַל אין הויז פון ד״ר ליפּקאָוויטש. אין חודש פעברואַר 1932, בעת אַ פראָסטיקן ווינטער, איז דורכגעפירט געוואָרן די עקסמיסיע. קיין אַנדער לאָקאַל האָט זיך ניט איינגעגעבן צו געפינען. אין 1934 איז מען צוגעטראָטן אויפצובויען אַן אייגענעם שול־בנין אויף קאַטאָווסקע־גאַס, אין צענטער פון דער יידשער אָרעמקייט. דעם 3־טן יולי 1934 איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פייערונג צו לייגן דעם גרונטשטיין פון דער נייער שול, אוף וועלכער ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער 1000 מענטשן. די פייערונג האָט געעפנט דער ראַטמאַן משה בעקער, מיט באַגריסונגס־רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן: דער שטאָט־פּרעזידענט — סטאַניסלאַוו גוט; אין נאָמען פון שטאָט־ראַט — י.מ. לעדערמאַן, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז ניט מסכים מטן גייסט פון דער שול, דאָך באַגריסט ער דאָס בויען אַ יידישע שול; אין נאָמען פון לינקע פּועלי־ציון — י. בעקער; פון בונד — ה. פּרוכטגאַרטן; פון האַנטווערקער־פאַראיין — דער סעקרעטאַר לוסטיגער; אין נאָמען פון די פּראָפ. פאַראיינען — חיים ביבעל; אין נאָמען פון דער יוגנט — פייגע ניצלעך. זייער רירנד איז געווען דער אַרויסטריט פון געוועזענעם דירעקטאָר פון דער שול, אין נאָמען פון די לערער — בערל אַקסעלראָד, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די לערער וואַרטן אויף דער שול, אין נאָמען פון צ.ש.א. האָט גערעדט נתן בוקסבוים. צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן האָט זיך פאַרצויגן דאָס בויען פון דער שול. ערשט אין 1939 האָט מען באַקומען מעגלעכקייט אויפצובויען דעם נייעם שול־און קולטור־בנין. אָבער דוקא דאַן איז שוין אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

וואַרפנדיק היינט אַ בליק פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין כעלם במשך דער 20־יעריקער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, דאַרף מען קומען צום אויספיר, אַז דער פאַקט וואָס דער דאָמינירנדער כוח אין אַרבעטער־לעבן איז געווען אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די לינקע פּועלי־ציון, האָט אויסגעאיבט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון ציוניסטישן געדאַנק, וועלכער איז טיף אַריינגעדרונגען אין ברייטע שיכטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן בכלל און פון דער יוגנט בפרט. אין דער פאַרצווייגטער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי פאַרנעמען פּראָבלעמען, פאַרבונדענע מיט ארץ־ישראל, אַ בכבודיקן אָרט.

לאָמיר דערמאָנען איינצקע ביישפּילן: ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל אין 1929 יאָר, האָט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי תיכף רעאַגירט. דעם 28־טן סעפּטעמבער 1929 האָט זרובבל געהאַלטן אַן איינדרוקספולע פאָרלעזונג אויף דער טעמע: "די לערע פון די ארץ־ישראל געשעענישן", וועלכע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. ווען אין 1934 יאָר איז געקומען צו גאַסט פון ארץ־ישראל אין זיין

געבוירט־שטאָט דער דיכטער יעקב שארגעל, נאָך 10 יאָר אָפּוועזנהייט, האָט אים איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים די געזעלשאַפט „פריינד פון אַרבעטנדיקער פּאַלעסטינע" אויף לובלינער 27, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקע מאַניפעסטאַציע לטובת דעם יידישן יישוב אין ארץ־ישראל. אין די ערשטע־מאַי־דעמאָנסטראַציעס, אין צוג פון די לינקע פועלי־ציון, פלעגט זיך אויסטיילן אַ פלאַקאַט מיט דער פאָדערונג וועגן פרייער עמיגראַציע קיין ישראל.

ספּעציעל אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן, ווען די השפּעה פון בונד צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז שוין געווען אַ נישטיקע און ווען ס'האָבן זיך קלאָר איינגעשרומפּן, אונטערן איינפלוס פון די מאָסקווער פּראָצעסן, די איינפלוסן פון די קאָמוניסטן אין דער יידישער סביבה, האָט זיך באַדייטנדיק אויסגעברייטערט די השפּעה פון דער לינקער פועלי־ציון־פּאַרטיי, וועלכע איז געוואָרן ניט בלויז דער דאָמינירנדער כוח פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, נאָר גלייכצייטיק פון די ברייטסטע אַרבעטנדיקע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, וואָס האָט געפונען אַ קלאָרע אָפּשפּיגלונג אין די לעצטע שטאָט־ראַט־וואַלן אין יאָר 1939.

מען קאָן אילוסטרירן פיל פאַקטן וועגן דער ס־סטעמאַטישער אַנטוויקלונג פון ציוניסטישן געדאַנק, הויפּטזאַכלעך צווישן דער יוגנט; מען קאָן אויסרעכענען פיל ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען, וועלכע האָבן זיך אין די יאָרן אַנטוויקלט אין כעלם, פון „אַלגעמיין־ציוניסטישע", „מזרחי" ביז „חירות" איינשליסלעך, דאָך די אָנפירנדיקע און דעצידירנדע בילדן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס; די לינקע פועלי־ציוניסטן מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען, „השומר הצעיר" מיט זיין הכשרה און „החלוץ" מיט זיין קיבוץ, די לעצטע צוויי האָבן אַנטייל גענומען אין איינציקע אַלגעמיינע אַקציעס צוזאַמען מיט די לינקע פועלי־ציון, ווי בעתן פּראָטעסט־שטרייק קעגן פּשיטיקער פּאָגראָם.

די טענדענצן באַשטעטיקט אויך די ל"ג בעומר־פייערונגען פון דער ציוניסטישער יוגנט, צ"ב אין יאָר 1933, ווען בערך טויזנט יוגנטלעכע מיט זייערע עלטערן האָבן פריילעך פאַרבראַכט אַ טאָג אין וואַלד און דאַן אין אַ מאַניפעסטאַציע־צוג מאַרשירט צוריק אין שטאָט אַריין.

אַ גרויסן רושם האָט אין כעלם אַרויסגערופן דער מאָרד איבער ד"ר חיים ארלוזורוב. די „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" האָט אויפגעהאַנגען אין די גאַסן טרויער־פּלאַקאַטן. דער „בלאָק פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" האָט איינגעאָרדנט אַ טרויער־אַקאַדעמיע אין לאָקאַל פון האַנטווערקער־פאַראיין, וווּ ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער 250 פּערזאָן. פיל מענטשן זענען געבליבן דרויסן, ווייל מער איז קיין פּלאַץ נישט געווען.

די אַלגעמיינע שטימונג האָט אויסגעאַיבט אַ ווירקונג אויף דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. אין כעלם איז אַנטשטאַנען אַן אַקאַדעמישער קרייז, וואָס האָט געציילט אין יאָר 1929 40 מיטגלידער. אין דער פאַרוואַלטונג טרעפן מיר אויך געוועזענע שילער פון דער פּוילישער מלוכה־גמנאַזיע, ווי מאָטעק פּערעץ און יעקב טענענבוים. דער קרייז הייבט אָן צו אַנטוויקלען אַ יידישע קולטור־טעטיקייט. אין יאָר 1932 אָרגאַניזירט דער קרייז אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט אין לאָקאַל פון האַנטווערקער־פאַראיין און צווישן די פּאָרלעזונגען טרעפן מיר אויך אַ ציקל וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן און וועגן דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור.

דער פּרוכטבאַרער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס איז געוואָרן אָפּגעשניטן מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און מיטן אַריינמאַרש פון די היטלער־באַנדעס קיין כעלם.

שניאור וואַסערמאַן

אַ בריוו צו די קדושים

מיר וועלן זיך טרעפן אינגיכן —
כ'בין גרייט שוין דערצו, שוין רייף...
איך וועל אינעם אַש אייך געפינען,
דערקענען אין דעם „יודענזייף".

כ'וועל נאָכגיין נאָך אייערע שפּורן —
איך טראָג די אַדרעסן אין זיך:
צו די פּאַרטיזאַנישע זומפּן,
צום באַרג נישט־דערגאַנגענע שיך.

צו אייך, די גיבורים פון געטאָ —
בר־כוכבאס — אויף אייביק געלויבט!
כ'וועל טרעפן אייך אונטער די חורבות —
און קושן פון חורבות דעם שטויב.

אויך אייך, די פאַרשלייערטע „אריער" —
פון צלם באַשיצט און באַהיט —
באַגעגענען וועל איך אייך היימיש,
מיט שלום — ווי ייד מיט אַ ייד.

און כ'וועל ביי אייך אַלעמען בעטן,
ווי אַ בעטלער הינטער אַ טיר:
פון אייערע הייליקע פלאַמען —
זאָל פאַלן אַ פונק אויך אויף מיר.

איר זאָלט מיך מצרף־זיין, בעט איך,
צו אייער קדושה־פאַרלענד:
איך האָב דאָך אין אייגענעם שייטער
זעקס מיליאָן־מאָל מיטגעברענט...

חברות ומוסדות צדקה וחסד

לבד האגודות והמפלגות הפוליטיות היו קיימות ופעלו בקהילת חלם מוסדות של צדקה וחסד, שהושיטו עזרה וסעד לנצרכים. המוסדות האלה פיתחו פעולה ענפה בשטחי עזרה ותמיכה והש־תתפו בהם בני כל שדרות האוכלוסיה. העזרה ההדדית היתה תמיד אופיינית לחברה היהודית, עסקו בה במסירות רבה חברי האגודות השונות והקדישו לה מזמנם וממרצם.

האוכלוסיה היהודית ברוב־רובה חיה חיי דחקות והת־פרנסה ממסחר זעיר, תיווך, מלאכה וסתם פרנסות־אוויר, ותמיד היו הרבה נצרכים לעזרה בכל שטחי החיים היום־יומיים.

לינת הצדק

מטרת החברה — להגיש עזרה רפואית בשביל חולים עניים, החברה שלחה לדירות החולים רופאים ותרופות ללא כל תשלום. לבתיהם של חולים קשים היו שלוחים שומרי־לילה, מכשירי ריפוי, מודדי־חום, מזרקות וכו׳.

התקציב היה ע״י תרומות־חברים.

והחברים היו אנשים, אשר ב־עמל כפיים וזיעת אפיים אכלו לחמם הצר והקדישו שעות רבות לעבודה זו.

יומם לא נחו ולילה לא שקטו עד אשר הוציאו מאוויי נפשם ה־טובים מן הכוח אל הפועל. הושיטו עזרה ב״ישיבה״ ליד החולים, ב־השאלת מכשירים וכן באספקת מזונות להם, זריקות, בדיקות ב־מעבדות וכד׳.

הם היו המתנדבים בעם, כי יהיו לו לעזור ולהועיל.

את עבודת הקודש הזאת העמיס על עצמו ר׳ ישעיהלע, שהיה ב־עצמו אדם חולה והיה מאוד רגיש לסבל הזולת ורבים עזרו לו בהת־נדבות, נהגו גם לאסוף כספים בין בני העיר, מזמן לזמן. הגזברים היו: משה בקר ואיצ׳ה לוסטינגר, שניהם עשו את עבודתם במסירות רבה. הם היו אנשים טובי־לב ודאגו לחולים, נכונים תמיד לעזור להם. לא פעם מיהרו בחצות ליל, במזג אוויר קשה, לשם טיפול בחולה.

הרופאים ד״ר פלדמן וד״ר וולברגר נענו לכל קריאה והצטרפו להם בהתמסרותם. רופא ילדים, ד״ר זייפן והמנתח, ד״ר עברי. היה גם רופא־עיניים, ד״ר קולשא, רופא צבאי. בבתי מרקחת קיבלו את המלצות לינת הצדק ונתנו הנחות של 50 אחוז על התרופות.

הפעילות בחברת לינת הצדק נתנה את אותותיה גם בשטח התרבות, כי חבריה אירגנו חוג דרמאטי, בו השתתפו אנשים מחוננים בכשרון בימתי, בחוש הומור נעים, ובהופעותיהם העניקו עונג נפשי לקהל שומעיהם בהצגות שנערכו באולמות שכורים, והכסף תמורת הכרטיסים היה קודש למען לינת הצדק.

הפעילים הבולטים בחוג הדרמטי היו יוסלה רוזנבלט ושלומקה גולדהר, שהצטיינו גם בכושר אירגוני, ידעו לשחק ולשיר ונרתמו לעבודה זו בכל ליבם ונפשם, במטרה לממן את פעילות לינת הצדק.

בין פעילי החברה היו גם שאול צוקר ודוד ניסנבוים, שהק־



הרופאים, האחיות והועד של ״לינת הצדק״ — במרכז, מ. לעווין.



הוועד של חברת "לינת הצדק" בשנת 1917.

דישו כשרונותיהם המצויינים בשטח התיאטרלי והמוזיקלי למען החברה, הופיעו בנשף הפורימי המסורתי, והלכו בחוצות העיר בשירה וזמרה ואספו כספים. הם השתתפו גם בכל הפעולות של החברה בשטח הטיפול בחולים והושטת עזרה לאדם הסובל.

המוסד הפופולרי והאהוד הזה קם בשנים של מלחמת העולם הראשונה, כאשר בחלם התפשטו מחלות שונות וביניהן — טיפוס, חלי־רע וכדומה. העוני והמצוקה שררו בכל והיו נחלת רבים תחת שלטון הכבוש האוסטרו־גרמני. עבודתה של "לינת הצדק" ניהל הרופא מרדכי לוין ולאחר מותו — יהושע בינשטוק.

בשנת 1939 ערב התקפת היטלר על פולין נמצאה "לינת הצדק" בגרעון גדול ונאלצה לצמצם פעילותה ואף להפסיקה לזמן מה, זה הביא לדאגה רבה בקרב החוגים העניים, נבקטו אז כל האמצעים כדי לחדש פעילותה, למטרה זו נערכו מגביות, הופעות וכו'. בשנת 1939 היה הרכב ההנהלה כדלקמן: יו"ר — ב. פלהנדלר, סגני יו"ר — מ. לדרמן וג. נלקנבוים; מזכיר — י. רוזנבלט, משנה למזכיר — ש. גולדבוים; גזבר — א. מינצר, בעה"ב — י. הויז. לקבוצת הפעילים למען "לינת הצדק" השתייכו גם: אברהם ויניק, יהושע בקר, יוסף גרינמן, אהרן קרפ ואחרים.

חברת "ביקור חולים"

חברת "ביקור חולים" פעלה יחד עם חברת "לינת הצדק", עזרה לחולים עניים ע"י ביקור רופא וקניית תרופות במחיר מוזל על סמך פתקא, שהחולה קיבל ממשרד החברה. כן קיבלו חולים עניים בהשאלה כלי־ריפוי שונים, כגון כוסות־רוח, מדחום וכדומה.

אין תימה שיהודי העיר התייחסו באהדה רבה לפעילות החברות האלו, וכאשר מישהו מחבר הפעילים נראה ברחוב ומכשיר רפואי בידו, או צרור תרופות, ידעו כולם שהוא חש לחולה, ומבטי כל ליווהו בהערצה.

עניים מרודים לא חסרו בעיר והיו תקופות שמצב התח־

לואה היה קשה פי כמה מאשר בזמנים רגילים, ואם מישהו במשפחה ענייה חלה במחלה ממושכת היה זה אסון. כי להזמין רופא ולשלם בעד ביקור בית, או אפילו לרכוש תרופה בבית־המרקחת לא היה לאל ידם, ולא פעם נקלע ראש המשפחה לדילמה אם לקנות רפואה לילד החולה או מוטב לקנות לחם ליתר הילדים שלו. על פי רוב שני הדברים יחד לא היה בהישג ידו.

מאידך, היו מצבים כאשר ראש המשפחה היה נאלץ לצאת לעיסוקיו היומיומיים ולהשאיר את החולה לבדו בבית מבלי שיישאר מישהו במקום כדי למדוד לו את החום, להגיש לו תרופה או להשגיח עליו. במקרים חמורים מסוג זה היו פעילי "לינת הצדק" מופיעים כמלאכים ומושיעים. לא פעם החליפו חברי לינת הצדק את בני המשפחה של החולה שהתמוטטו בגלל חוסר שינה או בגלל הטיפול הממושך בחולה.

מאַלף ביותר היה היחס מלא הערצה של בעלי בתי המרקחת הנוצרים לפעילי לינת הצדק וביקור חולים. החברה הנוצרית־הפולנית לא היתה רגילה לתופעה הומאנית כזאת של חסד וצדקה לחולה עני ודאגה להבראתו. היה זה למעלה מהשגתו של בעל בית־המרקחת ואיש החברה הגבוהה במקום — הכיצד יהודי בעל בית נכבד מכתת רגליו לבית־המרקחת כדי לקנות תרופה לחולה עני השוכב בביקתה עלובה בקצה העיר?!

מתוך הערכה לאגודה הוא מכר לה תרופות ומכשירי רפואה בהקפה, אף לזמן ממושך ובהנחה, דבר בלתי מקובל אצלם בדרך כלל.

פעם אמר בעל בית־המרקחת לר' ישעיה'לה:

"אתם יכולים לראות בי חבר, על כל החובות והזכויות, של לינת הצדק. עזרתי לכם תהיה בצורת מכירת התרופות והכלים בהקפה, כל אימת שלא יהיה כסף בקופת החברה".

בפני ידידיו, מבין ראשי הציבוריות הפולנית, שביקרו אצלו בבית המרקחת, הוא ציין את פעילי מוסדות הסעד שלו כסמל ודוגמה של הומאניזם ועזרה הדדית.

ב"אונזער שטימע" מס' (45) 5 מיום ששי 29 בינואר 1926 התפרסמה מודעה — בה מבקשת הנהלת "בקור חולים" מציבור המתפללים להיות מודעים למצבה הקשה של ה"חברה" ובהעלותם לתורה בשבתות פ' בשלח ופ' משפטים — לנדב את נדבתם לטובת "בקור חולים" כנהוג מדי שנה בשנה.

הכנסת כלה

חברת "הכנסת כלה" הגישה עזרה לכלות עניות, אם בכסף לנדוניה או במלבושים, לבנים וכלי־מיטה, שנקרא "אויס־שטייער". הודות לעזרה שהושיטה חברת "הכנסת כלה", יכלו גם משפחות עניות להשיא בנותיהן.

בחברה זו היו חברים נאמנים ואדוקים במסירותם, עשו את עבודתם בצנעה וראו בה שליחות רבת אחריות וכל אחד מהפעילים היה בעל מזג טוב ונפש עדינה, איש שמטבעו אינו יכול לנוח, תמיד בתנועה, כולו מתמסר למצווה הגדולה. גם חברה זו זכתה לתמיכה רחבה של הציבור ולאהדתו.

מעות חטין

אופי מיוחד נשאה העזרה שהוגשה למשפחות עניות בשם "מעות חטין" או "קמחא דפסחא". העזרה הזאת היתה עונתית, חד־פעמית. העוסקים במצווה הזאת היו מנכבדי העיר.

— גוי שכמותך! למה אתה רץ? אין שעתך פנויה? הגעת לבית הכנסת כשהתפללו כבר ״שוכן עד״, גוי שכמותך, אז למה אתה רץ? איך המכשפה מתפללת במנין השלישי ובשעה אחת אחרי הצהרים היא מביאה הביתה חמין שהצנו משל אחרים... מכאובים לעצמותיה, אז למה אתה נחפז?

תוך כדי הטפת מוסר לבנו וקללות לראש אשתו, הגיע ישעיה לביתו, והנה שוד ושבר לא עלינו, עיניו חשכו. והנה מה שקרה. בזמן התפילה, בהיותו בבית הכנסת, באו כמה גויים, הביאו קרשים ולוחות וחפרו בור סמוך לדלת ביתו לשם הקמת ״שער נצחון״ כאשר הקיסר ניקולאי היה צריך לבוא לחגא השנתית, כאשר אלפי אכרים מקרוב ומרחוק התכנסו לחלם לשם שתיית מי ״הבאר״ שעל ההר.

ישעיה קוזק שלבו עליו מר, ראה את הנעשה, רגז והתחיל לטעון בקולי קולות ברוסים: אהה! בשבת שלי, על המגרש שלי? ולבנו פנה ביידיש: אתה עמוד כאן ואני הולך לקרוא לאמך.

לפני מלאת חמש שנים לשלמה׳לה התחיל ללמוד חומש, כל חברי ״הכנסת כלה״, המנין בו התפלל שמעון יעקב הוזמנו לחגיגת התחלת החומש. קיטונו של שמעון יעקב היה מלא מפה אל פה, ושלמה׳לה נראה כיהודי קטן לבוש קפוטה חצויה מאחור, אזור באבנט, וחבוש כובע משי מתומן עם כפתי קטיפה. פניו היו חוורות וממושכות עטורות בשתי פאות מסולסלות.

לאחר טעימת העוגה ולגימת היי״ש וקנוח ״קוגל״ של אטריות, השתיק ר׳ איצ׳ה המלמד את כל הקהל. דומיה השתררה בקיטון ולמוד החומש התחיל.

איצ׳ה שואל: מה הנך לומד ילדון?

שלמה׳לה אינו משיב רק מצביע באצבעו.

ר׳ איצ׳ה שואל שוב: אתה לומד ״אצבע״?

שלמה׳לה משיב: לא ולא!

ר׳ איצ׳ה: אם כן מה אתה לומד?

שלמה׳לה: אני לומד ״ויקרא״ הספר השלישי בחומש.

ר׳ איצ׳ה: מה פרושו של ויקרא?

שלמה׳לה: הוא קרא.

ר׳ איצ׳ה: מי קרא?

שלמה׳לה: אלהים קרא למשה רבנו!

זמן מועט המשיך שלמה׳לה ללמוד בחדר של איצ׳ה, כי אביו לא היה יכול לשלם שכר לימוד. בגיל חמש נכנס שלמה׳לה ל״תלמוד־תורה״ שם למדו ילדים בשכר לימוד מועט או בחנם לגמרי. בתלמוד תורה היו אז שלשה חדרים: דרדקי עד למוד החומש, חומש, עברי עד ללמוד הגמרא, גמרא ותנ״ך. ר׳ שמואל הרש, יהודי חלוש ועצבני היה מלמד הדרדקי. הוא דיבר יידיש בניב ווהלני. והילדים פחדו מפניו.

החדר של שמואל הרש היה גדול ובו ששה חלונות. עמד שם שלחן ארוך עם ספסלים לתלמידים. בקצה השלחן האחר ישב לו ר׳ שמואל הרש, ובקצהו השני — העוזר. למדו שם 50—60 תלמידים. הילדים היו יושבים על הספסלים או על הרצפה. בקיץ היו הילדים משחקים בחצר הגדולה בחזית התלמוד־תורה. באותו חדר היו גם כמה שלחנות למידה מודר־ניים, וליבל המורה לימד את הילדים העניים קרוא וכתוב יידיש ורוסית.

השלחנות המודרניים עמדו שם, כי כך דרש החוק. התלמוד־תורה היה בית ספר קהלתי מוכר והכל היה חייב להתנהל שם לפי החוק. כשהיה ״המורה״ יושב ראש ועדת החנוך העירונית, בא לבקר בת״ת, היו הילדים מתפזרים בצעקות זה לזה: ״המורה בא!״ לפי גודל החדר היו התלמידים מרובים מדי, והיו נשארים שם כעשרה תלמידים בלבד. ר׳ שמואל הרש בעזרת הגבאי או יתר המלמדים יוצא ביום חמישי לאסוף מבעלי הבתים את המס השבועי לטובת הת״ת.

שלמה׳לה למד בת״ת בחדר של ר׳ ברוך מלמד החומש, בהגיעו לגיל שמונה עבר לחדר ר׳ משה, מלמד הגמרא. ר׳ משה היה המלמד הבכיר בת״ת. הוא היה חסידו של הרבי מטריסק. לבושו ללא רבב וידע פרק בגמרא. היו לו שלש בנות ובן אחד, יצחק שמו. יצחק היה סוכן הגרלות, פיסים של הרבי מגור.

שמעון יעקב העמל היה בעל בטחון והיה מפסיד כל שנה כמה רובלים בהגרלות. כשזכה פעם בקרן היה ברקיע השביעי. פעם או פעמיים בכל חייו זכה בקרן וחגג את הזכיה בלגימת כוסית יי״ש אצל משה פונדריק. משה פונדריק, בית מרזחו היה בכיסו, והיה סוחר ביי״ש בכניסה לבית הכנסת. עני מרוד היה משה פונדריק, אבל קבצן עליז, היה עושה פרצופים בפניו ובחטמו הסולד. בחתונות היה מתחפש ל״רבי״ מעליז את הצבור בשירו את השיר: ״שבע הנשים״. הקהל היה מצטרף לשירה וציחק עד לדמעות.

טרינה אשתי הראשונה
היתה מאד עדינה,
הבשול שלה,
האפיה שלה,

הטמנת החמין
וקצוץ הדגים.
בשקרים וברכילות היא מתבלת,
עד שבשלה כף של מרק
יותר מחצי היא זוללת
זוללתו יכנה הברק!

בחלם היו עוד כמה מעליזים. מוט׳ל ובנו טוביה היה אחד מהם. הוא היה מנהל הטכס של שבת הברכות בחתונות של ערב שבת. ללא כלי זמר היה שר ומכריז על המחותנים ל״ריקוד המצוה״ בזה הלשון:

למי אני מתכוון?
ר׳ חיים מקירה באת להוסיף זוהר לחתונה.
שירו שיר עליז, לכבוד צד החתן.
והקהל היה עונה בזמזום.

או:

הנה הולכות הדודה בילה יורה,
הדודה בילה, הביטו! הביטו!
כולם מסכימים להיות במקומה כפרה
שירו שיר עליז לכבוד צד הכלה.
והקהל היה עונה בזמזום.

בשעת למודיו אצל ר׳ משה התחיל שלמה׳לה להרוויח כסף. בחג הפורים היה מצטרף ל״שחקני פורים״. והיה שליח למשלוח מנות. לפני הפסח היה ״מוכר קמח״ בשעת אפיית המצות ועלה לגדולה. בגיל אחת־עשרה היה כבר לש זריז ורודה מצויין. בערבי פסחים היו עניי העיר מתעשרים ממש. נשים ונערות היו מרדדות את הבצק במערוכים עד שהעלו יבלות בידיהן. וכל החג לא יכלו לזוז מעיפות. הלשים, המגל־גלים בגלגל משונן והרודים היו נרדמים ב״סדר״. אבל חגגו חג שמח כי לא נאלצו להזקק לועד הקהלה ל״מעות של חטין״. העניים שנאו תכלית שנאה את ועד הקהלה.

בערב שבת היתה מרים רבקה נזכרת במאוחר ואומרת לבנה:

— שלמה׳לה, קח את הצנצנת ורוץ מהר אל מוכרת החומץ ובקש ממנה יין בארבע פרוטות ותביא עודף של שש פרוטות. ואַל תשכח לשטוף את הצנצנת במי המשאובת. מוכר החומץ יהודי עם לחי נפוחה היה מסתובב לו בין החביות שאותן מלאו שואבי המים במשך השבוע במי המשאובת, מחיה־נפשות ממש.

מוכרת החומץ, אשה גוצה ועבה היתה שואבת יין לכבוד שבת מהחביות. החנות של מוכר החומץ היתה בערבי שבתות צפופה קונים, בעיקר ילדים, שהיו דוחקים ונדחקים ומבקשים יין לכבוד שבת. כשיצא סוף־סוף מפקעת האנשים, היתה בידו צנצנת יין עם עודף של ארבע פרוטות וכן העשיריה שמוכרת החומץ שכחה לקחת ממנו.

מרים רבקה החזירה תכף ומיד במוצאי שבת את העשיריה, אף על פי שהיתה מתלוננת תמיד כי היין הוא מים זקוקים.

מרים רבקה ילדה שלשה עשר ילדים ורק שלשה נשארו בחיים. מיתת תינוקות בחלם היתה רבה מאד אף על פי שהיו בעיר מוסדות למוד גבוהים, שיצאו מהם אנשים מלומדים:

רופאים, גלחים וטכנאים, זה מוכיח את הנחשלות והנבדלות של יהודי חלם.

שמעון יעקב חיפש רווחים מן הצד לשם תשלום שכר למוד עבור שלמה׳לה, שהיה לו ראש פתוח ללימודים. נעשה לסוכן ביתו של תנחום התפר. גרו שם שמונה משפחות תחר־מות במחיצות ניידות (ספרדיות) פרט לקפקלה הסנדלר, שסד־נתו היתה בחזית הבית ויהודיה אחת, שמטתה היתה סמוכה לתנור הכללי. שמעון יעקב היה חייב לדאוג לספוק עצים ומים לדיירים, להסיק את התנור לאפייה ולהטמנת חמין ולשמירת חום התנור לעולשין של שבת בבוקר. תנור זה כמעט העביר את שלמה׳לה מן העולם. שלמה׳לה זחל לו מעבר למחיצה הניידת והגיע עד לתקרה, שהיתה מתפוררת מיושן ודבלולי חמר היה תלויים שם. שלמה׳לה השגיח בדבלול ניצץ של חמר, תלש את הדבלול מהתקרה, ניקה אותו ומצא שם מטבע של ארבעים אגורות, מישהו איבד כנראה את המטבע בעליה ותוך כדי דריסה נדחקה המטבע עד לתקרה. שלמה׳לה לא פירסם את המציאה, היה זה ביום ששי הקצר. הוא קנה לעצמו סוכריות בשתי אגורות אצל ינקיל פנזיק, וגרעיני דלעת בארבע אגורות בשוק. הגרעינים מלאו את כיסי מעיל המוכין שלו. את העודף במטבעות פרוטרוט, שם בכיס החזיה שלו. הוא הלך להתפלל עם אבא ולא גילה לאיש, כי בכיסו כסף. בערב שבת לאחר הסעודה, החלה מרים רבקה להטיל על עלית התנור את כל הבא בידה כדי לשמר על חום העולשין למחרת. בין היתר הטילה שם את מעיל המוכין של שלמה׳לה, שכיסיו היו גדושים גרעיני דלעת. הגרעינים התפזרו על הרצפה, כאילו נשפך שם שק גדוש.

ענין הגרעינים לא מצא חן בעיני מרים רבקה והחלה בחקירה ודרישה:

— שלמה׳ניו, מהיכן לקחת כל כך הרבה גרעינים?

— קניתי בשוק. השיב שלמה׳לה.

— והיכן לקחת כסף? המשיכה לחקור, ובאותו רגע שמעה צלצול של מטבעות בכיסו של שלמה׳לה. הכניסה את שלמה׳לה לקיטון, הפשיטה את החזיה והחלה לנער את המטבעות לתוך המגרה. צלצול המטבעות הנופלות מילא את כל הבית. — אתה מחזיק כסף בשבת? זעפה מיד סטרה על פניו כמה סטירות מצלצלות.

— מנין לקחת כל כך הרבה כסף? שאלה שוב.

כל הדיירים התאספו מסביב לתנור והביטו על הגרעינים כעל פלא. כל אחד התחיל לחשוד בשלמה׳לה, כי ממנו גנב את הכסף. שמעון יעקב ישב לו נדהם ונכלם. הוריד את חגורת העור ממכנסיו והחל להצליף בבנו:

— אמור מנין לך הכסף? שלמה פרץ בבכיה ובידיים מושטות חיפש חסות אצל אמא. אצל השכנים הצועקים במק־הלה: מנין לקחת את הכסף?

— מצאתי! השיב שלמה׳לה בקול חנוק ודמעות.

— היכן מצאת? שאג כל הקהל. — על התקרה — השיב שלמה׳לה ועיניו זולגות דמעות שליש, מתוך שהמכות תחדלנה.

אבל כאן טעה טעות מרה. שמעון יעקב נדהם עוד יותר לשמוע תשובתו של שלמה׳לה... האב המשיך להכותו מכות רצח:

— על התקרה מצא, מחזיק כסף ביום השבת ונוסף לכך משקר.

מרים רבקה לא יכלה לראות בצערו של בנה ולקחה אותו תחת חסותה.

שלמה׳לה מרר בבכי וקדח. כל הליל באפלה ישבה האם על יד מטתו. שלמה׳לה חלה אחר כך במחלה אנושה וכמעט עבר ובטל מן העולם.

שמעון יעקב ומרים רבקה היו, כאלפי הורים אחרים, מסורים לילדיהם ואוהבים אותם אהבת נפש. אבל כשעבר הילד עבירה, כגון: חלול שבת, גנבה וכדומה, שקעקעו את כל יסודות בנין היהדות, לא ידעו רחמים. פרט להורים, גם המלמדים לא חסכו שבט מתלמידיהם. בטוח הדבר, כי מצב רוחו ובריאותו של המלמד היו גורם נכבד בענויי הילדים שלא בידיעת ההורים.

שלמה׳לה בעצמו סיפר על מעשה שהיה:

הוא למד אז אצל מלמד הגמרא ר׳ שלמה מווסלוביץ, (עירה סמוכה לחלם), המלמד היה חסידו של הרבי מטריסק, בגיל הארבעים, צנום וישר כסרגל בעל זקן קצר וצהוב. היה מתהלך לו חרישית וצדדית כאינו נוגע באדמה. מפקד המשטרה בחלם באותם הימים, שהיה לובש מחוך, היה גם הוא מתהלך צדדית, להבדיל. ידיו של המלמד היו ארוכות ואצבעותיו גרמיות. חדרו היה באותו המעבר, של שלמה הירש, דלת מול דלת עם הבישקלים, שהיתה להם סדנה לשקיות ניר באותו מקום. החדר היה צר עם שני חלונות. מצדו האחד של השולחן עמד לו דרגש שינה ומסביב ספסלים. עליהם ישבו הרבי ותלמידיו דחוקים וצפופים. בצד עמדו שתי מטות מלאות כרים וכסתות וחביונת של מים עם קיתון ומטאטא. רבנית לא היתה במקום רק שני צאצאיו. בחורה צעירה ובנו יחידו ישעיה׳לה. שרה בתו היתה יפת־תואר והיתה זבנית של גזוז ברחוב לובלין. היא ברחה מחלם מחמת בושה, בגלל אהבה נכזבת ומתה בלובלין בגיל צעיר.

הראינוע הראשון הגיע לחלם והשתכן באחד מחנויות השוק. היה זה בחורף בימי החנוכה. האנשים סיפרו פלאי פלאים על הצגות הראינוע.

כל תלמידי שלמה מווסלוביץ נדברו ביניהם, כי בחג החנוכה, בו אין למודים בערבים, ילכו להם לקולנוע בממון דמי החנוכה שיקבלו בודאי, התלמידים קנו כרטיסים וחכו עד שיתאספו כולם. שלמה׳לה החזיק בכרטיסו והית מתבונן בו באין רואים. מספרו היה ארבעים, מודפס על ניירת (קרטון גס).

המספר היה מחוק ולכן תיקנו שלמה׳לה בעטו והמספר נראה ברור. כשנכנס שלמה׳לה לאולם חשד מבקר הכרטיסים, כי הכרטיס מזויף, צרם באזניו של שלמה׳לה וזרקו החוצה ישר על המדרכה המושלגת...

שכנה, שגרה בקיטונו של שמעון יעקב ראתה מה שראתה וסיפרה זאת למרים רבקה.

כשהגיע שלמה׳לה הביתה עצוב בגלל כשלונו חטף כמה סטירות מצלצלות מידיה של אמא על רצונו ללכת לקרקס...

זו היתה רק התחלה. למחרת בחדר הצליף שלמה מווסלוביץ את תלמידיו בזה אחר זה. היה זה פוגרום ממש. אי אפשר היה להכיר את האיש נעים ההליכות והחרישי. כחיה טורפת התנפל על תלמידיו וסטרם בכל מקום.

יוסף, בנו של אפרים קורח נמלט וניפץ באבן כמה שמשות בחדר, כמה תלמידים עזבו את החדר ולא שבו יותר.

מי יודע, אולי הסטירות היו ה"סגולה" לחינוכם של אנשים דגולים רבים בחלם העיר.

בימות הקיץ, כאשר צבעי השמש גירו את שלמה'לה ועוררו בו אי־שקט, היה אביו לוקחו לבית הכנסת לאמירת תהלים. שלמה'לה נמצא אז במצב מביך, מחד ראה — ספרון של תהלים צהוב מיושן, והחזן על יד העמוד מושך בקולו נגון עצוב כמושך מן הזפת, והחד ענה מלה אחר מלה. ומאידך — הסימפוניה של קרני שמש הזוהרות בשמשות הססגוניות, קור־אים ומגרים... שלמה'לה לא עמד בלחץ, התגנב לו מתחת ידיו של אבא וברח מבית הכנסת, אף על פי שידע, כי לא יצא נקי מידי אבא ויקבל סטירת־לחי לאחר מכן.

החורף בחלם התחיל מוקדם, מיד לאחר חג הסוכות, שלגים, סופות וכפור החזיקו מעמד עד לחג הפסח. אבל הקייצים היו יפים ונעימים. הבקרים, הערבים והלילות היו מרהיבים ביופים ומקסימים.

כל יום חולין וכן כל חג היו מלאי חן ויופי.

ש. טננבוים, ניו־יורק

הדוד מחלם

אבי היו כמה אחים. האחד — בזוולין, השני — בשדלץ, השלישי — בורשה והרביעי — בחלם. אנחנו, הילדים הקטנים, לא הכרנו את בני מש־פחתנו. לאבי היתה נטיה לעבור מדי חצי שנה מכפר אחד למשנהו. אם עמדה לה באיזה מקום חורבה, אז היה אבי משפצה בידי עצמו ומשתקע בה למשך חצי שנה. לאחר מכן שוב שיפץ אבא איזה ארמון עזוב של איזה רוזן והשתקענו בו.

זמן מה עסק אבא במסחר סוסים. קונה היה רק סוסים חולים. היה שב מהשוק עם סוס חולה ופצוע, רחמנות להביט עליו. במשך שבועות היה מרפאו, רוחצו על יד ברכת הכפר, מנקו עד שהגלידו הפצעים. הסוס קרן ממש בבית הטוב, שנזדמן לו, התרגלנו לסוס וחיבבנו אותו ולפתע מכר אבא את הסוס בדמים מועטים והפליג לשוק לרכוש לו שוב סוס פצוע ונדכא לרפאותו במשך שבועות.

פעם קנה אבא סוס חולה אצל פריץ. הסוס רבץ באורווה מכורבל במכאוביו. מיד החליט אבא, כי עליו לקנות את הסוס החולה, שילם מה ששילם, וכשהוציאו את הסוס, לאחר יגיעות מרובות לחצר, נפל והתפגר. במשך שנים נמשך הדין בבית המשפט בתביעת פיצויים של אבא מאת הפריץ, על שמכר לו סוס מת, ואילו הפריץ תבע פיצויים מאת אבא על שהביא סוס פגירה לחצרו.

מן מה עסק אבא בשענות. קונה היה שעונים עתיקים מקולקלים שהיה מתקנם עד שהתחילו לתקתק ומיד היה מוכרם. ביתנו הפך לבית־חולים לשעונים מקולקלים. שען כזה היה אבא.

אולי אבד בו כשרון רפואי גדול, שרצה לרפא את פצעי העולם. מחמת הנדודים מכפר לכפר לא הספקנו להכיר את בני משפחתנו, ובימים עגומים אני מצטער על כך. עכשיו, ששקעו כולם בתהום הנשיה, אני מצטער שלא הספקתי להכירם ואיני יכול לספר עליהם ולא כלום. בכל זאת היו מופיעים בביתנו, נדירות אמנם, בני דוד או דודה, אמא היתה שופכת דמעות שליש בשעת הפרידה ואבא היה נפרד מהם בחפזון ואץ לסוסיו החולים, לשעוניו המקולקלים ולחורבותיו העזובות.

על אופיו התמהוני של אבא יכולנו לחבר ספר גדול. על כשרונותיו כסופר, כצייר וכנואם. את קירות החורבות, את השעונים המתוקנים היה אבא צובע בצבעי כסף וזהב. את שולי ספריו היה ממלא בספורים על ימי המלחמה החשוכים. אבא היה אמן רב־גוני. את כשרונו כמספר ירשתי, כנראה, מאבא, אבל זהו רק ניצוץ אחד מהלהבה שדלקה בלבו הגדול.

אחיו של אבא היו יהודים חולנים ועניים מרודים, התענו כל ימי חייהם. רק הדוד מחלם היה עשיר. שמו היה רבי פסח, ועד כמה שזכרוני מגיע, היה תושב קבוע בחלם. וכשהיו מספ־רים על מזלו הטוב, על צאצאיו המוצלחים ועל אשתו היפה, היו ממילא מתחילים לספר את ספורי חלם המפורסמים. בקסם ההומור הדמיוני עלתה חלם הפלאית, בקסם השנינה והתמ־הונות עלו הדמויות המרהיבות של היהודים המרחפים בירִיד

של חלם. בקרנבל הססגוני של מזל וביש־גדיות. מכל יהודי חלמאי נטף נטף המצאה, שנינות וחכמה על כל יהודי חלם היה שפוך אור הלבנה, שרצו ללכדה בחבית. רצו ללכוד בחבית את הורד השמימי כשם שעמים אחרים רדפו אחרי הצפור הכחולה של מטרלינק, הפרח הכחול של נובליס ואחרי הצלחת שבשמים, שמבטיח האוהב לאוהבתו בלילה רווי ריח לילך. חכמי חלם חדרו עמוק ללבי, הם עם עיניהם התכולות החולמניות. עם ראשיהם הגדולים מלאי הבינה, ועם זקניהם האדמונים המשולהבים מהלבנה.

חנות יין היתה לדודי פסח בעיר חלם. ואולי, בעבור יהודי חלם על יד חנותו של הדוד ובראותם את בקבוקי היי"ש ומי־הדבש בחנותו של הדוד המצהירים באור שמש הבוקר, השתכרו והחליטו לאגור חבית של יין... אבל, מכיון, שהיו עניים מרו־דים, הרי שפך כל אחד מהם לתוך החבית מים במקום יין.

רק פעם אחת הופיע הדוד פסח בביתנו, נפל אלינו כפתק מרקיע. צפינו לבואו של דוד עליז מחלם והנה יושב על יד השולחן יהודי חולני עצוב. דומה היה דמיון מפליא לאבא במראהו ועלה רעיון במוחי אולי לא ידע, חלילה, הדוד להבחין אם הוא הדוד או הוא אבא.

אמא הגישה אוכל לשולחן העץ המכוסה שעוונית מרופטת ומלאה כתמי דיו (אנחנו למדנו לכתוב את האותיות הרא־שונות על השעוונית)... ידיו החוורות והענוגות של הדוד עם עור הקלף חסר־הדם ניגבו את השלחן. הדוד טעם משהו מהאוכל שהכינה אמא והוציא מתרמילו חבילה של עוגיות יבשות, וכרסם בשניו הדקות עוגות תוך כדי לגימת חלב...

— מה אוכלים אצלכם בארוחת הבוקר! שאלה אמא מתוך סקרנות ארוחת בוקר בבית עשירים מהי.

עוגות... וקצת ריבה... השיב הדוד.

— ומה אוכלים בארוחת הצהרים? המשיכה האם לשאול.

— חתיכת עוף, קצת מרק... ומקנחים בעוגית.

— ובארוחת הערב?

— מעט, מעט, שותים חלב עם עוגית.

אנחנו הילדים הקשבנו לשיחה מאלפת זו. היינו נדהמים ממש מעשירותו של הדוד. לאכול בכל שלוש הארוחות ביום עוגיות, זה היה מעל לדמיוננו המפליג ביותר. רק הקיסר יכול להרשות לעצמו אכילה כזו... אם כן, ברור, כי הדוד מחלם הוא עשיר מופלג.

עגומה היתה הפרידה. בשביל העקלקל על יד החורשה פסעו להם שני יהודים זקנים ועצובים בשתיקה. ומאחריהם האם והבנים. היה זה לפנות ערב.

— חזרנו עצובים הביתה כחוזרים מהלוית מת... אותו ערב לא פצה איש את פיו בביתנו. שתיקת אימים היתה זו כחשים באסון הממשמש לבוא — אסון השמדם של הדוד פסח ובני ביתו יחד עם כל יהודי פולין.

במשך שבועות וחדשים רבים היינו משוחחים על הדוד העשיר המקנח בעוגיות את כל סעודות היום.

נסיה ציטרון

אמאל איז געווען...

דער הויף שענקעוויטשא נר. 9

די שענקעוויטשא גאַס האָט זיך אָנגעהויבן ביים רוסישן קלויסטער, ראָג קאָפּערניקא און זיך געענדיקט ביי דער באַן־גאַס, אַ שיינע, גרינע גאַס מיט אַ סך קאשטאַן־ביימער, אַקאַציעס און שמעקעדיקע ליפּעס. דאָרט איז געווען די פּוילישע גימנאַזיע, די קראַנקן־קאַסע און דער "סקאַרב". די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע, יידן און קריסטן האָבן דאָרט געלעבט בשלום זייט ביי זייט. דורך דער גאַס פלעגן אויך דורכגיין אַלע לוויות צום בית־הקברות אויף דער באַן־גאַס.

דער הויף, וועמענס אומגעקומענע איינוואוינער איך וויל דאָ מזכיר זיין, האָט זיך געפונען אַנטקעגן דעם "סקארב", אין שכנות פונעם ראַיענט און געטראָגן דעם נומער 9. דאָס איז געווען אַ גרויסער הויף וואָס האָט געהערט צו אַ רוסישן פּאָפּ און האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף עטלעכע דונאַם. עס האָבן דאָרט געוואַקסן טאפאלן־ביימער, אַ בעז־בוים און דריי אַלטע צעצווייגטע קאַשטאַנען־ביימער, וועלכע האָבן געגעבן אַ קילן שאָטן אין די הייסע זומער טעג און יאָר־יערלעך גרינס און בלומען אויף שבועות פאַר אַלע שכנים אין הויף.

אינעם הויף האָבן געוווינט 10 יידישע משפּחות.

אינעם פראָנט צום שאָסיי איז געווען אַ ברייטער היל־צערנער טויער, דורך וועמענס שפּאַרעס מיר פלעגן יעדעס יאָר קוקן אויף דער פּראָצעסיע פון "באָזשע טשאַלאָ" און מקנא זיין די גוישע קינדער

אינעם ערשטן הילצערנעם הויז, אין פראָנט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן טויער, האָט געוווינט די אלמנה רייזל שטאטמאן, אַ יונגע פרוי מיט דריי קינדער יתומים: משה (אין ישראל), ביילע און הערשעלע. אין זעלבן הויז, אַנטקעגן איר טיר, האָט געוווינט דער שניידער, משה געוואַנטשניידער, מיט 6 זין און טעכטער, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט: מענדל, מאָטל, שלום, שיינדל טאבע און רבקה; טיפער אין הויז, צום הויף־צו, האָט געוווינט אייזיק און טויבע ניסנקאָרן מיט 4 קינדערלעך.

אינעם צווייטן הילצערנעם הייזל, אין הויף, האָט אין איין זייט געוווינט אסתר שאַרף מיט איר זון משה און טאָכטער הענטשע; אַנטקעגן זיי האָט געוווינט, עלנט און איינזאַם, אַן עלטערע פרוי, אסתר גארטמאַן — די באָבע אסתר, ווי אַלע אין הויף פלעגן זי רופן.

טיפער אין הויף, צווישן די ביימער איז געשטאַנען אַן איין־שטאָקיקע מויער, ווו עס האָט געוווינט אין אַ קליין צימערל, חיה טוכשניידער, וואָס א״ז 15 יאָר געווען אַן עגונה, ווייל איר מאַן איז פאַרשווונדן געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און צום סוף האָט זי חתונה און געבוירן דריי קינדערלעך און אַוועקגעפאָרן זוכן גליק אין וואַרשע. אַנטקעגן איר טיר האָט געוווינט די משפחה לייבוש און בריינטשע גאָלדמאַן מיט זעקס דערוואַקסענע זין און טעכטער: פייגע, סרולקע, מענדל, הענע, סימע און רחלע. אַלע אין איין צימער. אויפן שטאָק האָבן געוווינט פון איין זייט לייבל און גיטעלע פראָסטאַק מיט פיר קינדער: שמעון, שיינדל, פייע, און טוביה.

אָט די גיטעלע איז געווען אַ יונגע פרוי, אַ טרוימערין פון בעסערע צייטן און איז דערהרגעט געוואָרן באַלד דעם ערשטן פרייטיק ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן — פון אַ שראַפּנעל פון דער ערשטער דייטשער באָמבע, וואָס איז געפאַלן אין שכנותדיקן הויף.

אַנטקעגן זיי האָט געוווינט די משפחה ר׳ ברוך אשר און שפרינצע טשעסנער מיט אַכט זין און טעכטער: שרה, זעלדע, חיה, ברכה, ליבעלע, פייוול, יעקב און לייבל. מיט צוויי קליינע אייניקלעך. ר׳ ברוך אשר איז געווען אַ חסיד, מיט אַ רויטער באָרד און פיאות. יעדן שבת באַגינען פלעגט ער מעביר זיין די סדרה מיט אַ האַרציק, אומעטיק־צעצויגענעם ניגון, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן געטשוויטשער פון די פייגעלעך און געצוויקט ביים האַרץ... איך הער די קלאַנגען ביזן היינטיקן טאָג.

די לעצטע דירה אין דעם הויז, דעם פאַרטער, האָט פאַרנומען מיין משפחה. מיינע עלטערן אשר און חנה גיטל גרינבוים. אשר לייבקעס, פלעגט מען רופן מיין פאָטער, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט אין שטאָט.

מיינע עלטערן זענען געווען טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע, פאָרגעשריטענע מענטשן. מיין פאָטער איז אין זיין יוגנט געווען אַ חבר אין ״בונד״. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה איז ער געווען אַקטיוו אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיטגעהאָלפן ביים שאַפן די ערשטע קינדער־היים און די יידישע פאָלקסשול אין כעלם און במשך אַלע יאָרן האָבן מיינע עלטערן מיטגעאַרבעט אינעם עלטערן־קאָמיטעט פון דער קינדערהיים און פאָלקסשול. ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד און אונדזער פרעבליסטין, חנה העפטמאַן האָט געוווינט ביי אונדז (ווייל עס איז נישט געווען פאַר איר צו צאָלן קיין דירה־געלט), זענען ביי אונדז אין שטוב געווען איינגייערס די געזעלשאַפטלעכע טוערס און לערער, ווי ד״ר קאַנפער מיט זיין פרוי, דער לערער פון דער יידישער גימנאַזיע, וואַדזשעלאַווסקי, פייוול פריד, דער אלטער לערער באַקאַליאַר א. א. מיין מוטער איז געווען זייער באַליבט צוליב אירע וויצן, מעשיות און חכמה.

כמעט אַלע קינדער ביי אונדז אין שטוב האָבן באַזוכט פריער די קינדערהיים און שפּעטער די יידישע פאָלקסשול, נישט קוקנדיק וואָס די פּאָוושעכנע שולן זענען געווען באַקוועמער און אָן שכר־לימוד.

פון דער צווייטער זייט האָבן מיינע עלטערן שטרענג און מיט טראָפּ אָפּגעהיטן אַלע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יום־טובים און דאַטעס. איך געדענק, למשל, אַז אַ סך יאָרן פלעגט מען ביי אונדז אין שטוב לייענען די מגילה פּורים ביינאַכט און אַלע שכנים מיט די קינדער זענען זיך צונויפגעקומען הערן. די מגילה האָט געלייענט אויך אַ שכן, אַן אַלטער ייד, וועמען מען האָט גערופן דער ״טויטער יענקל״ צוליב דעם, ווייל ער האָט זיין גאַנץ לעבן געהערט צו דער חברה קדישה.

די לעצטע יאָרן ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, איז מיין פאָטער געווען זייער אַקטיוו אינעם האַנטווערקער־פאַראיין און זיך תמיד איינגעשטעלט פאַר באַעוולטע.

אַנטקעגן אונדזער דירה איז געווען אַ גרויסער שטח מיט גרין גראָז און בלומען, וואָס מיין מוטער פלעגט פלעגן און היטן. אין די זומער פאַרנאַכטן און שבתדיקע פרימאָרגנס פלעגט זיך כמעט אַלע שכנים פון הויף פאַרזאַמלען זיצנדיק אָדער ליגנדיק אויף דעם גראָז און הנאה האָבן פון דער פרישער לופט און פון ריחות פון די ביימער און בלומען. מען פלעגט רעדן און דערציילן וועגן אַלץ וואָס עס איז עמיצן געלעגן אויף דער נשמה. יעדער האָט געוווּסט וואָס ביים צווייטן קאָכט זיך, ווי איין גרויסע משפחה.

...ווי אַזוי אָט די אַלע מענטשן האָבן איבערגעלעבט זייערע לעצטע טעג און אויסגעהויכט זייערע נשמות, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז קיינער פון די אויבן־אויסגערעכנטע איז נישט געבליבן לעבן.

מיין פאָטער איז לויט עדות דערשאָסן געוואָרן אין סאביבאָר בעת אַ מאָרגן־אַפּעל. אַהין האָט מען אים פאַרשיקט צוזאַמען מיט מיין קליין ברודערל שלום. וווהין די דייטשן האָבן פאַרשיקט און ווי אַזוי עס האָבן געענדיקט מיין מוטער און מיין שוועסטערל כישעלע, ווייס איך אויך נישט. מיין שוועסטער לאה איז דערשאָסן געוואָרן בעת אַ דעפּאַרטאַציע אויפן וועג צו דער באַן, ווייל זי האָט אינמיטן גאַנג באַקומען גע־בורט־ווייען... איך ווייס אויך נישט ווו און מיט וועלכן טויט עס איז אומגעקומען מיין שוועסטער חייטשע מיט איר מאַן צדוק גאָלדבערג און זייערע 4 קינדערלעך...

אומגעקומען זענען אויך מיין פאָטערס ברידער, כעלעמער תושבים: אברהם גרינבוים מיט זיין פרוי חוה; מאָטל און חיה גרינבוים מיט זייערע 3 קינדער: אברהמעלע, קיילע און משהלע; מיין פאָטערס שוועסטער: צירל און דוד ברענער מיט זייערע קינדער כעלקע און מאניעק; עלקע און יהושע פייגנבוים מיט זייערע 3 יינגעלעך.

ווו איז זייער געביין? ווו איז זייער אַש?

יודל (יודקע) קליין, באלטימאר

פארגאנגענע יארן

אַ צניעותדיקע ליכטל נאָך מיין חרוב־געוואָרענער היים

מיין וויגעלע איז געשטאַנען אין הויז נר. 37 אויף דער פּאָטשטאָווא־גאַס. אין דער נאָענט האָט זיך געפונען דער פּאָטשט־פּלומפּ צופוסנס פונעם באַרג, אויף וועלכן מיר פלעגן ווינטער זיך שליטלען. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע וועלט פאַר חדר־יינגלעך. אַוודאי איז גרינג אַ זאָג צו טון ״שליטלען זיך״, אָבער אינדערעמתן איז עס גאָרנישט געווען אַזאַ גרינגע זאַך, בפרט ווען די עלטערן און די מלמדים האָבן געהאַלטן אין איין מוסרן, אַז דאָס איז ביטול תורה, אַז די צייט גייט אַוועק אויף אַזעלכע נאַרישקייטן ווי גליטשן זיך אויפן אייז. דער רבי אין חדר איז געווען אַ בקי אין אַלץ וואָס עס טוט זיך אין גיהנום. ער האָט געוווּסט די נעמען פון די אַלערליי סמאָלעס, מיט וועלכע מ׳בראָט און מ׳ברענט יינגעלעך, וואָס זענען מבטל די צייט פון לערנען די הייליקע תורה און גייען זיך אַוועק גליטשן אָדער שליטלען. דאָך האָט עס נישט געהאָלפן. דעם יצר־הרע פון גליטשן און שליטלען האָבן מיר נישט געקענט גובר־זיין.

נישט ווייט פון אונדז האָט זיך געצויגן די שעדלעצקא־גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער ״נייער וועלט״ און צו דעם פּלאַץ, ווו׳ מיר פלעגן זיך שפּילן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָרט בין איך געוואָרן אַריינגעצויגן אין ״יונגבאָר״, די קינדער־אָרגאַניזאַציע ביי לינקע פּועלי־ציון און דעמאָלט האָב איך שוין אויפגעהערט צו גיין אין חדר. מיר זענען געווען אַ גרופּע ערנסטע יינגלעך, וואָס האָבן געלערנט אין דער פאָלקס־שול, געהערט פאָרלעזונגען און געפירט וויכוחים וועלכע אָרגאַניזאַציע וועט ברענגען די גאולה פאַרן יידישן פאָלק.

דאָס האָט מיר נישט געשטערט צו גיין צום דאַווענען און כ׳בין אַפילו אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם כאָר פון משוררים ביים חזן אין דער גרויסער שול, ווו כ׳האָב געזונגען עטלעכע יאָר. דאָרט בין איך געוואָרן דורכגענומען מיט ליבשאַפט צום יידישן ניגון. אין די געזונגענע תפילות, באַזונדערס די ימים־נוראימדיקע, האָב איך געהערט אַלע גוטע צוזאָגן און וואָרענונגען פון רבונו של עולם, די שענסטע חלומות און אידעאַלן פון אַן אייביקן שלום אויף דער וועלט, פון ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט.

ווען כ׳האָב שפּעטער געזונגען אינעם כאָר פון די לינקע פּועלי־ציון אונטער דער אָנפירונג פון גוטמאַן און בענטשע טאָרן, זענען די מעלאָדיעס אויך אַזוי טיף אַריינגעדרונגען מיר אין די ביינער, אַנטפּלעקט פאַר מיר דאָס האַרץ און די נשמה פון יידישן פאָלק. מיין ערשטער אויפטריט אינעם כאָר איז געווען אויף דער טרויער־אַקאַדעמיע נאָכן טראַגישן טויט פון מאָטעק עברי. דערנאָך בין איך צוזאַמען מיטן כאָר אויפגעטרעטן אויף אַ סך אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער לינקער פּועלי־ציון. דער טעם פון די געזאַנגען האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט אויפן גאַנצן לעבן.

פרי האָב איך געמוזט איבעררייסן דאָס לערנען אין שול, כדי צו קענען העלפן אין שטוב מיט פרנסה. כ׳פלעג גיין אויפן טאָרג פאַרקויפן פליגן־פּאַפּיר און כ׳האָב ליב געהאַט אַרומצודרייען זיך צווישן די פּויערים, צוקוקן זיך צו זייער שטייגער. זייער שטאַרק האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די יידן און די גויים. נישט נאָר אין די קליידער און אינעם אויסזען פון די פּנימער האָט מען געזען דעם אונטערשייד, נאָר אויך אינעם געמיט פון די יידן און פּויערים, וואָס האָבן אויפן טאָרג זיך אויסגעמישט אַלע אינאיינעם און זענען דאָך געבליבן באַזונדער, מיט דער אייביקער ווייטקייט, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע.

אין דער צייט, וואָס ביי די יידן איז דער טאָרג געווען אַ פאַרצווייפלטער געראַנגל, אַ געיעג נאָך פּרנסה, איז ער ביי די פּויערים געווען אויך אַ פאַרווייַלונג. זיי זענען טאַקע געקומען פאַרקויפן און קויפן, אָבער גלייכצייטיק אויך פאַרברענגען און זיך לאָזן אַביסל וווילגיין. עס זענען געווען צווישן די פּויערים אַזעלכע, וואָס האָבן אפילו נישט אין זינען געהאַט עפּעס צו קויפן און אפשר נישט געהאַט דערויף קיין געלט, אָבער דאָך זענען זיי זיך סתם אַרומגעגאַנגען איבער די קראָמען, פון געשטעל צו געשטעל, פון קלייטל צו קלייטל, און אומעטום האָבן זיי זיך אויף עפּעס אַנדערש נאָכגעפרעגט, געדונגען זיך איבערן פרייז פון די פאַרשידנערליי סחורות. זיי האָבן הנאה געהאַט דערפון און געוואָרן ביי זיך חשובער. ס׳האָט געהייסן אַז זיי זענען נישט אַבי ווער, אַז זיי זענען באַלעבאַטים פון גרויסע ווירטשאַפטן. פאַרגעניגן האָט זיי פאַרשאַפט דאָס וואָס דער ייד עסט זיך אויף ס׳האַרץ און מיינט צו פאַרדינען ביי אים עטלעכע גראָשן.

מיין נייגעריקייט איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק. די שאָטנס פונעם לעבן, די קאָנטראַסטן צווישן אָרעם און רייך, האָבן פאַר מיר געעפנט זייערע טיפענישן. כ׳האָב שוין קליי־נערהייט אַריינגעקוקט אינעם טומלדיקן און טראַגישן יאַריד

פונעם לעבן. אויפן טאָרג זענען געווען פאַרשידענע טיפּן און עס האָבן זיך געוואָרפן פאַר מיינע ייִנגלערישע אויגן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, האָפערדיקע און שווער־געשלאָגענע, צדיקים און רשעים.

פויערים פלעגן נאָכן דורכפירן זייערע טראַנזאַקציעס אַרייַנגיין אין שענק, געקויפט אַ פלעשל בראַנפן און אַרויסקלאַפנדיק דערפון דאָס פאַרשטעקל מיט אַ זעץ אָן דער דלאָניע, אויסגעזופּט דאָס פלעשל מיט איין שלונג. ע׳ס האָט זיך אים אַרייַנגעגולגעט אין האַלדז אַזוי ווי מ׳וואָלט דאָס געגאָסן פון איין גלעזערנער כלי אין דער אַנדערער. ווען ער איז שוין געווען פאַרטיק מיטן פלעשל, האָט ער געטון אַ שטאַרקן טרייסל מיטן קאָפּ, אָפּגעווישט זיך די וואָנצעס און געהייסן זיך געבן נאָך אַ פלעשל, וואָס ע׳ר האָט גלייך אויסגעטרונקען.

די שטימונג האָט זיך בייַ אים געהויבן און ס׳איז אים געוואָרן גוט ווי די וועלט, האָט ער זיך ווידער אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק מיט אַ געזאַנג. פונעם וואָכעדיקן טאָג איז בייַ אַזעלכן געוואָרן אַ יום־טוב פאַר זיך.

דאָס קויפן און פאַרקויפן איז בייַ די פויערים געגאַנגען אינאיינעם מיט עסן און טרינקען, אינאיינעם מיט געזאַנג און שפּיל. זיי האָבן געפּראַוועט גאַנצע סעודות אין די רעסטאָראַנען, אין די וויינשענק און אינמיטן מאַרק. די ייִדן אָבער האָבן אין אַזאַ טאָג קיין סעודות נישט געפּראַוועט. אַלע זענען געווען פאַרהאָרעוועט. בייַ די קראָמען און קלייטלעך האָבן זיי געגעסן שטייענדיק און אין אַזאַ איילעניש, אַז ס׳איז פּשוט געווען מיט נסים וואָס מ׳האָט זיך נישט דערוואָרגן מיטן ביסן. קיינער האָט זיך נישט פאַרגינען צו זינגען אָדער אין זינען צו האָבן זייטיקע זאַכן, וואָס וואָלטן געקענט פאַרגרינגערן דאָס געמיט.

ווען כ׳בין עלטער געוואָרן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך צווישן די פויערים זענען געווען גענוג אָרעמע און אויך אומגליקלעכע מענטשן. און דאָס אָנשיכורן זיך איז געווען אויף צו פאַרגעסן אין די צרות. זיי האָבן פאַרטרונקען דאָס שווער־אויסגעהאָרעוועטע פאַרדינסט און ערשט אינדערהיים, נאָכן אויסניכטערן זיך גענומען וויינען איבער זייער ביטערער דאָליע.

געווען אָבער צווישן די פויערים אויך פינצטערע רוצחים, וואָס האָבן פייַנט געהאַט ייִדן און נישט איינמאָל האָט אויף די ייִדישע קרעמער געציטערט די הויט פון פחד פאַר אַזעלכע שיכורים, ווען זיי האָבן מיט הייזעריקע קולות גענומען שיטן מיט ווערעמדיקע רייד און בלוטיקע קללות.

עס האָבן זיך אָבער געפונען אין כעלעם אַ היבש־ביסל ייִדישע גיבורים, וואָס האָבן געקענט געבן אַ קלאַפּ און ווען ס׳איז אַמאָל אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן אַ פויער מיט אַ ייִדישן קרעמער, האָבן זיך צווישן די גיבורים שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די שוואַכע. זיי האָבן נישט דערלאָזט, אַז אַ גוי זאָל זיך איינרעדן, אַז מ׳מעג שלאָגן אַ ייִד אומבאַשטראָפט און נישט כאַפּן דערפאַר קיין קלעפּ. די העלדישע יונגען האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט און געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר אַרויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט אָנצולערנען אַזאַ פויער, אַז ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן נישט אָנצוהויבן מיט אַ ייִד. זיי זענען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, געכאַפּט אַן אַקס פון אַ וואָגן, גרייט צו פלעטן קעפּ. דאַן פלעגן צווישן די פויערים שוין געפונען זיך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַרייַנגעלייגט אין שלום אַרייַן און אַוועקשטופּנדיק אָן אַ זייט דעם צעהיצטן פויער, צוליב וועלכן דער טומל איז אויסגעבראָכן און די צעפּלאָמטע ייִדישע גיבורים האָבן זיי איינגענומען מיט גוטע און ווייכע רייד: ״צו וואָס זיך שלאָגן? ער איז דאָך שיכור, דער נאַר..״

די דאָזיקע ייִדישע גיבורים אין כעלעם זענען מיר געווען זייער נאָענט צום האַרצן און זיי זענען אין מיינע אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גראַנדיעזע געשטאַלטן, וואָס קענען מיט זייער כוח און פאַרנעם פאַרשאַפן כבוד דעם ייִדישן פאָלק.

יענער צעהיצטער פויער, וועלכן מ׳האָט געשטערט אויסלאָזן זיין צאָרן אויפן ייִד, האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן און ערגעץ הינטער אַן אויסגעשפּאַנטער פור האָט ער געוויינט און געוואָיעט ווי אַ הונט וואָס האָוקעט בייַנאַכט, אַ גערייצטער פון דער רויטער לבנה...

צומשטאַרקסטן האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון די געזאַנגען פון בעטלערס, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן מאַרק. טייל האָבן געשפּילט אויף ל׳ירעס און באַנדורעס און זייער שפּילן און זינגען האָט אין זיך געהאַט אַ וועלט מיט טרויער. כ׳פלעג זיך אָפּשטעלן בייַ אַזאַ בלינדן בעטלער און כ׳בין געוואָרן אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון זיין געזאַנג. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלעך אָפּצורייסן זיך פון זיין געזאַנג און פון די טענער פון זיין באַנדורע, וואָס האָבן מיך געצויגן ווי מיט אַ כישוף און זיין טרויעריק געזאַנג האָט אַרויסגערופן אין מיר אַ וועלט מיט רחמנות נישט נאָר צום בלינדן בעטלער, וואָס איז געקריוודעט פון גורל, נאָר אויך די אַלע אומגליקלעכע מענטשן אויף גאָטס וועלט.

ביז היינט גייען מיר נאָך די מעלאָדיעס פון יענעם בלינדן בעטלער, וואָס האָט שפּרינגענדיק מיט די שפּיץ־פינגער איבער די סטרונעס פון דער באַנדורע אויסגעשפּילט אַזעלכע טענער, וואָס קיינער האָט אויף קיין שום אַנדערן אינסטרומענט גאָר נישט געקענט אויסשפּילן אַזוי האַרציק, אַזוי אומעטיק און מיט אַזויפיל בענקשאַפט. אַלע זיינע לידער האָבן זיך געענדיקט מיט דעם שטענדיקן געבעט, מ׳זאָל אים צווואַרפן אַ גראָשן, מ׳זאָל האָבן גאָט אין האַרצן און שענקען אַ נדבה.

כ׳בין נאָך גאָר יונג געווען און מיר איז געווען צום האַרצן דאָס וועקן בייַ מענטשן גוטע געפילן מיט געזאַנג און שפּיל. אפשר דערפאַר האָט מיך אויך אַזוי שטאַרק געצויגן צום דראַמקרייז פון דער ״יוגנט״ בייַ די לינקע פועלי־ציון און כ׳בין דאָרט געווען איינער פון די אַקטיווע מיטגלידער.

כ׳פלעג זינגען אויך בייַ מיין אַרבעט אַלס קאָמאַשנשטעפּער בייַ הערש האַנדלסמאַן, וואָס האָט געהאַט זיין וואַרשטאַט אויף דער שקאָלנע־גאַס. כ׳האָב שוין דאַן בעסער פאַרדינט

און דאָס גאַנצע געלט אַריינגעטראָגן אין שטוב. כ׳האָב געזען די פרייד פון מיינע עלטערן און אין האַרצן האָט עס ווידער געזונגען.

אין יענער צייט האָב איך אויך געשפּילט אין דער פוטבאָל־מאַנשאַפט פון ״מכבי״. מיר האָבן אָנטיילגענומען אין פאַר־מעסטן, יונג, ענטוזיאַסטיש און דורכגענומען מיטן ציוניסטישן אידעאַל און גרויסע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען וועגן דער־לייזונג פאַר דער הונגעריקער און אַרבעטסלאָזער מענטשהייט...

עס זענען געווען אויך טרויעריקע עפּיזאָדן. אַזוי איז געשען ווען מיר זענען צוריקגעפאָרן פון אַ פאַרמעסט אין דעמבלין, פריילעכע פון אונדזער נצחון, האָט דער אויטאָ פלוצים זיך איבערגעקערט און עס איז דערהרגעט געוואָרן איינער פון אונדזער מאַנשאַפט, דוד, וועלכער האָט געוווינט אויף דער פאָליכאָנקע־גאַס. די גאַנצע מאַנשאַפט איז געווען לאַנג באַ־הערשט פון טיפן טרויער.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ צייט ביי הערש האַנדלסמאַן בין איך אין איינעם אַ פרימאָרגן קומענדיק צו דער אַרבעט געבליבן שטיין ביי אַ פאַרמאַכטער טיר און אויסגעליידיקט געשעפט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט שטילערהייט אַלץ ליקווידירט און איז אַוועק קיין אויסלאַנד.

ווי אין גאַנץ פּוילן האָט אויך אין כעלעם דער קריזיס זיך שטאַרק געלאָזט פילן. אַלץ מער און מער מענטשן זענען געוואָרן פאַראָרעמט און איך האָב נישט געהאַט קיין אויסזיכט צו באַקומען אַרבעט. אַזוי ווי איך האָבן אויך אַ סך אַנדערע יוגנטלעכע זיך אַרומגעדרייט און נישט געזען פאַר זיך קיין צוקונפט. מען איז געפאָרן זוכן אַרבעט אין די גרעסערע שטעט, אין לובלין, אין וואַרשע. אויך איך האָב נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערן אויסוועג און איך האָב באַשלאָסן צו פּרווון מזל אין וואַרשע.

מיין באַשלוס האָט אין שטוב אַרויסגערופן אַ מרה־שחורה. די מאַמע האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן. דער טאַטע האָט מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן די טרערן און זיפצנדיק גע־שוויגן. די אַנדערע צוויי קינדער האָבן געקוקט אויף מיר מ״ט אַ האַרצרייסנדיקן אומעט אין די אויגן.

אַרויסגעפאָרן פון כעלעם בין איך אָן געלט, אָן אַן אויבער־מלבוש. כ׳האָב נישט געהאַט אויף קיין הוצאות צו פאָרן מיט דער באַן, בין איך געפאָרן אין אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען סחורות פון וואַרשע. ס׳איז געווען באַנאַכט די גאַסן זענען געווען פּוסט. איבערן טונקעלן הימל זענען געשוואומען שווערע וואָלקנס און זיי האָבן זיך מיר שווער געלייגט אויפן געמיט. אין יענער נאַכט האָב איך דערפילט ווי טיף כעלעם איז מיר איינגעבאַקן אין האַרצן.

מיינע ערשטע שריט אין וואַרשע זענען געווען צו מיין קוזינע חנה אטגאס, וועלכע האָט מיך וואַרעם אויפגענומען, אָבער קיין סך העלפן האָט זי מיר נישט געקענט. וואַרשע האָט געהאַט אירע אייגענע צענדליקער טויזנטער אַרבעטס־לאָזע און מיר איז אויסגעקומען אַ סך מאָל אונטערצוהונגערן, עסן איינמאָל אין טאָג אין דער אַרבעטסלאָזער קיך.

וואַרשע איז געווען נישט בלויז אַ שטאָט פון תורה, חכמה און לומדות; פון אָנגעזאַמלטער יידישער קולטור אין די גייסטיקע שפּייכלערס פון צאָלרייכע אינסטיטוציעס, ישיבות, חדרים, שולן, אַקאַדעמיעס, ביבליאָטעקן און אַרכיוון מיט אוצרות פון דער לאַנגער יידישער געשיכטע. וואַרשע איז געווען אויך אַ צענטער פון היסטאָרישע, טראַדיציאָנעלע און מאָדערניסטישע שטרעמונגען און שטרעבונגען. די שיינקייט פון דער שטאָט האָט מיך פאַרכישופט און כ׳פלעג גאַנצע טעג און נעכט אַרומגיין איבער די גאַסן און נישט געקענט זיך אָנזעטיקן מיט דעם ברייטן פאַרנעם, מיט דער רחבות פון די הייזער און שלעסער. אַלץ איז פאַר מיר געווען אַן אומגעוויינלעכע איבערלעבעניש.

כ׳פלעג באַזוכן די מוזעאומס און גאַלעריעס, בילדער־אויסשטעלונגען פון באַרימטע מאָלערס. גאָר שטאַרק האָט מיך אינטערעסירט די אָפּערע און כ׳פלעג טון אַלץ כדי אַריינצוקריגן זיך אַהין, אפילו געפּרוווט פרעגן צי מ׳וואָלט מיך אַריינגענומען ווי אַ זינגער אין כאָר. מ׳האָט מיך געשיקט אויף אַ פאַרהער און, ווייזט אויס, אַז מיין זינגען איז געפעלן געוואָרן און מיינע עקזאַמינאַטאָרן האָבן מיך רעקאָמענדירט לערנען אין אַ מוזיק־שול, אָן געלט, אָבער כ׳האָב געמוזט רעזיגנירן, ווייל כ׳האָב נישט געהאַט קיין קלאַוויר צו מאַכן די איבונגען. נאָך ערגער איז געווען דאָס וואָס כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברויט...

מיינע איבערלעבענישן אין וואַרשע זענען געווען כאַראַק־טעריסטיש אויך פאַר אַ סך אַנדערע כעלעמער יוגנטלעכע, וועלכע זענען אַוועק פון דער היים געטריבענע פון דער אַרבעטסלאָזיקייט און האָבן אין דער גרויסער און פרעמדער שטאָט געדאַרפט דורכמאַכן די שבעה מדורי גיהנום פון נויט און עלנט, אַרבעטסלאָזיקייט און אַמאָל אויך דאכלאזיקייט.

אינצווישן האָט זיך אָנגערוקט מיין פאָבאָר־עלטער און מ׳האָט מיך צוגענומען אין מיליטער, ווו כ׳האָב געדינט אין דער קאַוואַלעריע. אונדזער פּולק איז געשטאַנען אין ראָוונע. די באַדינגונגען זענען געווען שווערע, באַזונדערס פאַר די יידישע זעלנער, וועלכע האָבן געליטן פונעם גיפטיקן אַנטי־סעמיטיזם, וואָס האָט געהערשט אין דער פּוילישער אַרמיי און איז נאָך מער פאַרסמט געוואָרן מיטן דערנענטערן זיך פון דער מלחמה. פּוילן האָט געפירט אַ פּראָ־היטלעריסטישע פּאָליטיק און תמיד זענען יידן געווען די קרבנות.

משה שופל, רמת־אביב

פרקי חיים

נשארו לנו הזכרונות והם חיים בתוכנו. כקרני אור, עתים זוהרים ועתים עמומים, הם בוקעים דרך נבכי העבר, ההולכים ומתערפלים עם הזמן המתמשך, עם ריבוי הימים, השנים, עשרות השנים. וכדי להנציח את עברנו היהודי המפואר, את חלום היהודית, אנו צוללים לתוך העבר ומנסים לדלות כל פנינה של חיינו היהודיים בעיר.

עברו כבר עשרות שנים, עם כל כך הרבה מאורעות ומל־חמות, עד כי חלקם נתערבו ונטשטשו בזכרוני, אבל תמיד אזכור את החן והקסם המיוחדים שהיו נסוכים על העיר. מדי בוקר בהשכמה עטו עליה להקות יונים צחורות, כרחוצות בחלב, ומלאו את הרחובות, כשהן מקדמות פני כל עובר ושב בסבר פנים יפות, במבטי צניעות, וכאילו לחשו בהמייתם הלבבית: בוקר טוב!

כמה נמשך הלב לנוף הנהדר שהקיף את העיר מכל עבריה. מה נאים היו השדות והיער מסביב, לשם נהרו צעירים ומבוגרים בכל יומא־דפגרא לטיול של הנאה ופגישות חגיגיות. אמנם בקיץ היו עננים באים ומביאים גשמים עזים בלווי סערות רעמים, אולם היו אלה גשמי־ברכה, ושוב זרחה השמש במלוא תפארתה ויפעתה ושפעה אור וחום.

לעת סתיו היו השמים מאדימים בפאתי מערב, כאשר השמש היתה נוטה לשקוע. הילדים בחדר התלחשו באימה גדולה, כי האודם הזה הוא אש הגיהנום הוא ושם מטגנים את הרשעים במחבתות של זפת בוערת. פחד היה תוקף אותי למראה המסתורין שבאותו נוף.

ימי ה"חדר" הללו, עד הגיעי לכיתות הגבוהות יותר, שבהם למדו דף גמרא עם תוספות, היו הימים העיקריים והיסודיים שנספגו בקרבי ונרקמו בדמי ובנפשי. כל סיפורי התנ"ך קרמו עור וגידים בחדר. לא היה צורך במפות וצילומים של המקומות שלמדנו עליהם. הנה הגענו לאותה קנייה של מערת המכפלה, ובדמיוני ראיתי אותה שם במורד ההר, אותה המערה, שאברהם אבינו שילם בעדה ארבע־מאות שקל כסף עובר לסוחר.

ומה מכאיב היה בשבילי הדבר, שעשיו הצליח לצוד את לב יצחק ולהעלים ממנו את אופיו האמיתי. הצטערתי על זה שיעקב היה משלים עם הדבר שעשיו, ולא הוא, יקבל את ברכות אביהם. אהדתי היתה לאמו רבקה, שאותה לא הצליח עשיו לרמות. הרי היא גדלה וחונכה עם אחיה לבן הארמי, הרמאי שברמאים וידעה שהרבה פנים לרמאות, פנים שוחקות ופנים עצובות, ולכן לא היתה מוכנה להשלים עם הטעות של בעלה לברך את עשיו ולא את יעקב.

הרבה הרהרתי על כל מה שעבר על יעקב, המאבק עם המלאך, אהבתו לרחל ובריחתו מפני לבן. "ואני בבואי מפדן־ארם, מתה עלי רחל..." — בניגון קבוע, העובר מדור לדור, חזרנו על אותו פסוק, המתאר את האסון הכבד שקרה ליעקב אבינו. קבורתה של רחל סמוך לבית־לחם מכוונת היתה מן השמים. קבר אֵם זה ספג לתוך רגביו נחלי דמעות של בניה של רחל כשעברו על ידו כשידיהם על ראשם...

הסיפורים האלה עשו עלי רושם עמוק ולפעמים זעזעו אותי עד דכדוכי נפשי, במיוחד שנאת האחים ליוסף ומכירתו ליש־מעאלים ואח"כ מסירת כתונת הפסים הקרועה והטבולה בדם ליעקב עם הבשורה האיומה: טרוף טורף יוסף, חיה רעה אכלתהו.

אותו לילה ביעתוני חלומות בלהות. ראיתי את עצמי במצבו של יוסף, מובל על ידי הישמעאלים כעבד לארץ נכריה. יחד איתו עברתי דרך בית־לחם והשתטחתי על קבר אמו ושמעתי את קולה: יוסף בני, אַל תירא, חלומותיך לא שוא ידברו.

אמנם חוויות אלו לא הפריעו לשובבותנו. מרוב ישיבה על ספסלי החדר, שעות על גבי שעות, פרצנו החוצה וכל המרץ העצור מצא את פורקנו במשחקים פראיים.

אך קרה ורצינות ואימה היו יורדות עלינו ומשבשות את עולם ילדותנו. בשעה של בין־השמשות, בין מנחה למעריב, היה הרבי יוצא לבית־הכנסת. דמדומים עמדו בחדר, ואנו צפופים ודחוקים מספרים סיפורים נוראים על כל־מיני שדים ומזיקין, על מתים ורוחות, אשר משכנם בבית־המדרש. מעשיות ממעשיות שונות. השיער סומר. רעד עובר בגוף — אימה ופחד.

מעשה ביהודי שנרדם בבית המדרש ולפתע, באמצע הלילה, הוא שמע שקוראים לו "לעלות לתורה". הוא פקח את עיניו, והנה עדת מתים עומדים וקוראים בתורה. התעלף אותו יהודי וכך מצאו השמש למחרת בפתחו את בית־המדרש.

עם גבור הלילה היו השעות זוחלות לאטן, כאילו כבל הלילה את גלגלי הזמן בכבלים שחורים, ואני הרגשתי כמי שעומד לפתוח דלתו של היכל מכושף, שלא פתחה אדם מעולם או כמי שנכנס למקום אפל, שקוע באדמה ואין רוחות העולם שולטות בו כלל.

היינו תמיד מצפים ומייחלים לימי השבת והחגים, שכן בימים אלה היינו חוסים כולנו תחת כנפי ההורים. מערב שבת עם הדלקת הנרות, עד למחרת אחרי הסעודה השלישית, עם התוספת הממושכת בבית־המדרש של שעת "רעווא דרעווין" אבא לא הסיר מעלי את עיניו האוהבות. אמנם, הוא דאג, שגם בבית־המדרש לא נוציא זמן לבטלה ולמעט ככל האפשר בהשתובבות, בכל זאת הרגשתי את עצמי הרבה יותר חפשי.

בית הורים, תקופת הילדות ומראות הסביבה שבה גדל האדם הינם זכרונות החרותים עמוק בתודעתו של כל אחד. גם אחרי תקופות זמן ארוכות וגלגולי חיים לרוב הם כמעיין בלתי־נדלה, שופעים ומשפיעים על האדם עד סוף ימיו.

עם השנים, ולפעמים לעת־זיקנה, צפות חוויות אלו ביותר בהירות, בקסמי משיכה ובגעגועים. לפיכך אני נאחז עתה בימים רחוקים ומשתדל להעלות כמה רישומים ממרחקי עיר־מולדתי, כפי שנשארו חתומים בזכרוני מאז.

נשארו בזכרוני בתי־התפילה, חצרות האדמו"רים התלמוד־תורה, הישיבה ברחוב סמינרינסקה, את ה"שטיבלך" של חסידי בלז, של חסידי קוזמיר ושל חסידי ריז'ין; את האווירה המיוחדת בהם. לכל קלויז פנים אחרות, מנהגים וניגונים משלו. השטיבל היה כעין עולם מיוחד לעצמו, מעין בית־משפחה גדול, וכל אלה שהשתייכו למשפחה זו נשארו בזכרון הדורות הבאים, על כל מעלותיהם וחסרונותיהם, בחיצוניותם ובפנימיותם, כשם שהיו בחייהם.

זכורני עד כמה השפיע עלי רישומו של אותו יום, כאשר חשתי בפעם הראשונה בחיי את האווירה המיוחדת של אלול. למחרת אותו יום השכמתי קום לבית־המדרש. קול התורה בקע משם כבר בשעות המוקדמות. בימים אלה נתמלא בית־המדרש יותר מתמיד. רבים היו מבין הסוחרים ובעלי־המלאכה, מרוב טירדות הפרנסה נעדרו תכופות מבית־המדרש, ואולם בחודש אלול באו מדי יום ביומו. היחסים בין אדם לחברו נעשׂו יותר לבביים, חדורים יותר רחשי קירבה ואימון הדדי.

שנים חלפו. אלמלי נטלוהו לאדם בסוף ימיו והיו מושיבים אותו לפני ציבור שנותיו כמו לפני גל של אבנים ואומרים לו: צרפן זו לזו, עשה מהן בנין! — יש שנים שלא היה יודע מה לעשות בהן, בחינת אבנים תלושות ומדולדלות, שאינן משתלבות זו בזו ואינן מצטרפות לבנין כלל.

השנים שעשיתי בנכר, בורשה, תקופת המלחמה, שנים מדולדלות היו לי. התענייניתי בהוויות העולם המסוכסך ושתיתי לרוויה מקובעת כוס התרבות, אף על פי כן לא העליתי זכרונן ולא ערגתי עליהן בהקיץ, כי חייתי בין מציאות וחדלון. אולם לעולם אזכור את שנותי בחלם, את התלאות ואת החן והקסם שהיו תמיד נסוכים על הסביבה, על האנשים.

חוויה יחידה־במינה מרטיטה את לבבי בזכרי את היהודים שהופיעו מדי שבת בביתנו כשהם נושאים סל ענקי ומכריזים בקול חגיגי: "גוט שבת, יידעלעך!" ועד מהרה נתגלתה שוב תמונה מרהיבת־עין של צדקה וחסד: עקרות הבית, כמעט ללא יוצא־מהכלל, הופיעו לקול הקריאה, כל אחת עם מנתה בידה, חלות מתוקות, ככרות לחם ועוגות מכל הסוגים.

רגעים אחדים נמשך כל ביקור בכל חצר, כי הזמן היה דוחק ועוד היו צריכים לאסוף משאר החצרות ולמלאות את הסל ולהעבירו לתעודתו — מתן בסתר.

הם באו מדי שבת, הן בקיץ והן בחורף, במזג־אוויר סגרירי ובסופות שלג, וכל אשה נתנה את מנתה כפי אשר ידבנה לבה. כל מנה שנשתלשה לתוך הסל הביעה את נדיבות־לבה של הנותנת. והפעולה הזאת נעשתה בזריזות נפלאה, שכן המנות צריכות היו להגיע ליחידים ולמוסדות, למושבי־זקנים ולבית־חולים, תוך זמן קצר ביותר, כדי שיספיקו להגישו לסעודת־השבת של שחרית.

כיום, אף כי השנים הללו רחוקות ואני ממשיך במציאות ותנאים אחרים, לא נשכחו האנשים האלה, כשם שלא נשכחו ימי הילדות והנוער, הנשקפים כה פשוטים וצנועים על רקע ההווי העכשוי, אבל יפים ובעלי קסם מיוחד.

אכן גדול וחזק כוחה של נוסטלגיה. עוד חיים בתוכי הימים כשהנוער התחיל מתמרד והתחיל לחפש דרכים לבנות לעצמו עתיד יפה יותר ובטוח יותר. לחינם התרגז המלמד, כשחזרנו אחרי ריצה ברחובות לחזות בכינוס של "החלוץ" או של "השומר הצעיר", נוער לבוש חולצות אפורות, העובר בסך ושירת "אנו עולים ארצה" בפיהם.

אחינו ואחיותינו הגדולים חזו בהתקדר השמים, ראו את גרזן האנטישמיות מונף מעל ראשי יהודים, ויצאו לחפש את משיחם. כל אחד ראה אותו בדימויים אחרים. התווכחו עליו בכל מקום, בבית, בקרן הרחוב, בספריה, בכניסה לבית־הכנסת.

החלום על פתרון ציוני לשאלת היהודים המחריפה סחף את הנוער ונתן לו טעם חדש בחיים והקל עליו במצוקתו.

זרע התנועה הציונית נפל על קרקע פוריה והניב את פריו.

היתה זו תנועה של נוער לומד ושל נוער עובד ונוער חסר תעסוקה. התנועה פילסה לה את דרכה לליבות מיטב הנוער שבעיר, העשירה אותו ברוח ובאידיאלים, ובמרוצת הזמן נהפכה למרכז של חיים חברתיים ותרבותיים.

אנו זוכרים ומזכירים אותם ומביאים בזה לידי ביטוי לא רק כיסופינו לחיי אין־סוף, כי אם כליון־נפשנו לחיים היפים והמסורים של אבותינו, חיים של ממש ושל כבוד. הרי מבחינת נר אלוקים נשמת אדם נרות הנשמה של אבותינו הקדושים אורם מבהיק יותר, כי אורם זך יותר, הואיל והם רוחניים ונשמתיים יותר, הם חיים במידה שאנו מחיים אותם, ואף אנו חיים במידה שהם חיים בקרבנו.

חייהם הם בשבילנו מקור השפעה והשראה, שמהם אנו יכולים לרכוש לעצמנו מושגים מוסריים, ומהם נקבל דחיפה להגשמת ההתחייבויות המתבקשות. הם בשבילנו מטען־מחשבתי ומקור רגשי לא אכזב, שיש בהם כדי לכוון את מעשינו, להדריכנו, אותנו ואת בנינו.

לולא נשתמרו בזכרוננו הדברים יקרי־הערך של חיינו וחיי אבותינו, המגמות הנעלות, מאמציהם ותביעותיהם המוסריות, היינו נמקים בדלותנו ובבערותנו ולא היה מקום להכרה עצמית, לחיי נפש.

אכן, יקרים לנו מעשיהם הטובים ומידותיהם הנעלות. אל נשכח אותם!

השואה האיומה השמידה מיליונים קדושים, צדיקים, שחטאם היחיד היה היותם יהודים. נמחקה העיר, אשר אבותינו חיו בה מדורי־דורות. אולם כל אחד מאתנו, עד יומו האחרון, ישא בלבו את זכר יקיריו, את ימי ילדותו ונעוריו ואת נוף עירו — כחלום אשר לא יחזור לעולם.

יהושע ארענשטיין, קאַנאַדע

מיין אלטע היים

ביי יעדן כעלעמער ייד איז מיר מיין געבוירנשטאָט ליב און טייער. כ׳קאָן נישט פאַרגעסן די ערשטע האָפענונגען, וועלכע האָבן זיך צעבליט אין מיין היים, די פרימאָרגנס און די פאַרנאַכטן. עס טראָגן זיך צו מיר די עכאָס און גוססדיקע קלאַנגען פון אַמאָל און מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך האָב זיך מיט מיין היים קיינמאָל נישט געשיידט. פריש לעבט נאָך אין מיר דער גאַנצער לעבנסשטייגער און אַלץ, וואָס איז געווען בעת און מאָנט: "אָ, פאַרגעס אונדז נישט!"

ס׳איז געבליבן בלויז אַ חלום, אַ שיינער חלום פון קינדהייט־און יוגנט־יאָרן און זכרונות פון וואָכעדיקע טעג און פון שבתים, אָבער פאַראַן אין זיי אַ כישוף, וואָס גיט כוח איבערצוטראָגן שווערע טעג און נעכט. אין אַלע צייטן פלאַטערט אין מיין זכרון מיין אַלטע היים אין פישל לעוונשטיינס הויז, אויף לובלינער גאַס נר. 6, ווו מיר זענען געווען זיבן קינדער. מיין עלטסטער ברודער שלום איז בעת דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה אַוועק קיין דייטשלאַנד. די בריוו, וואָס מיר האָבן פון אים באַקומען, האָבן דערציילט וועגן מאַטעריעלן וווילזיין אָבער מיט אַן אַ שיעור בענקעניש נאָך היים, נאָך כעלם, נישט דווקא צו דער לובלינער גאַס, וועלכע האָט זיך געצויגן אינמיטן שטאָט און אויף בײדע זייטן פון ברוקירטן וועג זענען געשטאַנען שיינע הייזער און עס האָט דאָרט געקאָכט אַ לעבן פון האַנדל און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ער האָט געפלעגט צושרייבן גרוסן פאַר אַלע פריינד, חברים, וואָס האָבן געוווינט אין די אָרעמע געסלעך. דאָרט, אין די געהויקערטע שטיבלעך האָבן זיך געפונען וואַרשטאַטן און בעל־מלאכהשע מניינים, חדרים און קלויזן. זיין חלום איז געווען נאָכאַמאָל צו קומען קיין כעלם, באַגעגענען זיך מיט אונדז, מיט די אַלע מענטשן, וואָס זענען אים געווען אַזוי נאָענט און טייער.

עס איז אים אָבער נישט געווען באַשערט.

אין דעם טרויעריקן יאָר 1933, ווען די היטלעריסטן זענען געקומען צו דער מאַכט איז ער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, פונוואַנען זיינע בריוו זענען אויך געווען פאַרבענקטע, אָבער גלייכצייטיק אויך וואַרעמענדיקע, אַז שווערע וואָלקנס רוקן זיך אָן אויף די יידן אין פוילן. ער האָט זיך אין תל־אביב גוט איינגעאָרדנט, געהאַט אַ געשעפט אויף ככר דיזנגוף אָבער אַלע יאָרן געפילט זיך פאַרבונדן מיט די יידן פון כעלם ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אַזוי טיף פאַרבונדן מיט כעלם האָט זיך געפילט אויך מיין ברודער איטשע, וועלכער איז אין יאָר 1929 אַוועק קיין בראַזיל, ווו ער האָט געלעבט ביזן יאָר 1972. זיין זון, וועלכער געפינט זיך אין קיבוץ דן, אין גליל העליון, דערציילט מיר אָפט וועגן זיין פאָטערס בענקשאַפט צום אַמאָל אין יידישן כעלם, וואָס איז אַריין אויך אין זיין געמיט. ער האָט איינגעפלאַנצט אין אים אַ ליבשאַפט און אַ דרך־ארץ צו די יידן פון כעלם, אַרויסגעברענגט פאַר אים זייער אינערלעכע שיינקייט און ריינע שטרעבונג צו רעאַליזירן גרויסע אידעאַלן.

אין בראַזיל איז געבליבן מיין עלטערע שוועסטער חווה וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט יאָסל אַרשטאַרק, געוווינט אויף דער ראַגאַטקע־גאַס און באַשעפטיקט אַלס בוכהאַלטער אין יונה וועלטשער׳ס הורט־געשעפט פון הערינג. זיי איז געלונגען פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסצופאָרן פון פוילן. אין ווייטן ריאָ דע זשאַנעירא פירן זיי אַ יידישע שטוב, די יידישקייט, וואָס זיי האָבן באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך אין אונדזער היים־שטאָט כעלם.

אַזוי ווי זיי טראָג איך אויך אין מיין זכרון די וואַרעמסטע דערינערונגען פון כעלם, פון די פשוטע און ערלעכע יידן און פון דער יוגנט, וואָס האָט געקעמפט פאַרן פאַרווירקלעכן גרויסע אידעאַלן.

מיין מאַמעס געשטאַלט פון יענער צייט שוועבט מיר אַנטקעגן אין אַלע שעהן פון טאָג און נאַכט. זי אַנטפּלעקט זיך מיר, ווי זי וואָלט געקומען מיך דערמאָנען אין דער גרויסער ליבשאַפט, מיט וועלכער זי האָט באַשאַנקען אירע קינדער. זי שטייט מיר, ווי אַ לעבעדיקע פאַר די אויגן און כ׳זע זי אַרומגיין, קוקנדיק אויף מיר פון איר ווייסער שטילקייט אַרויס, באַטראַכטנדיק מיך און מיינע בענקענישן. עד היום באַגלייט מיך איר שמייכל, מיט וועלכן מיין מאַמע פלעגט פאַרגלעטן אַלע עוולות און זיי פאַרענטפערן מיט דער ליבשאַפט און מיט רחמים, וואָס האָבן אָנגעפילט אַלע אירע טעג און נעכט.

עד היום קוועלן אין מיר אויף די וווּנדער פון אַמאָל אין מיין היימשטאָט כעלם און איך טראַכט וויפל גרויסקייט האָבן יענע יידן פאַרמאָגט, אַז אין די שווערסטע צייטן קען מען שעפּן פון זיי מוט גובר צו זיין שטרויכלונגען אין לעבן, לערנען פון זיי גוטע מידות און איבערנעמען פון זיי דעם ווילן צו טון מעשים טובים.

ווייט אָפּגעפלאָסן זענען שוין יענע טעג. איך באַטראַכט זיי איצט, ווי עס באַטראַכט אַ מענטש וואָס קוקט אַריין אין אַ שפּיגל אַנטקעגן אַ שפּיגל און עס נעמט מיך אַרום אַ שטאַרקע בענקעניש נאָך דער וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרויס־

געשטראַלט פון מיין אַלטער היים, פון די שכנים אין אונדזער הויז. עס ווילט זיך אויפלעבן דאָס אַלץ און פאַרשרייבן, פאַראייביקן פאַר די קומענדיקע דורות, דערציילן און דערציילן אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער ווי אַזוי עס האָבן געלעבט אונדזערע טאַטעס און זיידעס, וועלכע זיי האָבן נישט זוכה געווען צו זען פנים אל פנים און נישט דערקענט פון דער נאָענט זייער טיפע מענטשלעכקייט און שיינע יידישקייט, זייער אָפענע און פאַרבאָרגענע גדלות.

זיי זענען אַלע גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער עס ווילט זיך גלויבן, אַז דאָס אינעווייניקסטע ליכט פון זייערע הערצער וועט זיך אָנצינדן אויך אין די הערצער פון אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, דאָס ליכט, וועגן וועלכן די מאַמע האָט דערציילט, אַז ס׳ברענט איבערן קאָפּ פונעם קינד פאַר זיין געבורט און מ׳זעט דערמיט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

דאָס חדר איז געווען נישט ווייט פון אונדזער הויז אויף דער פּאָטשטאָווא גאַס, אין אַ הויז ווו ס׳האָט תמיד מהומהדיק געווימלט, ווי אין אַ בינשטאָק. ער איז געווען דורכגעטיילט מיט אַ פּלויט פון צעלעכערטע הילצערנע ברעטער. דורך די לעכער האָט מען געקענט אַריינקוקן אין שכנותדיקן הויף, אויך אַזאַ אָפּגעלאָזטער און פאַרשטויבענער.

דאָס חדר איז געווען אין אַ קליין הילצערן הייזל מיט קליינע טריבע פענצטערלעך, מיט אַ צעפוילטן האַלב־צעלייגטן שינדל־דאַך, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אַמאָל אַוועקגעשטעלט אַ פאַרבלאָנדזשעטע טויב. דער נידריקער קוימען האָט אויך אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געקרישלט.

אינעווייניק אין חדר האָט עס אויסגעזען נאָך אָרעמער און אָפּגעלאָזטער. דער רבי האָט געהייסן ר׳ יעקב־דוד, אַ דאַרער און אײַנגעבויגענער ייד, מיט אַ בלאַס פּנים און אַ געלער באָרד. ווען ער האָט געעפנט ס׳מויל האָבן די ציין אויסגעזען אויך אַזוי געל. ער האָט כסדר געטראָגן אין דער האַנט אַ קאַנטשיק, אָבער אַזוי ווי ער האָט אים קיינמאָל נישט באַנוצט, האָב איך געמיינט, אַז אַ רבי מוז טראָגן אַ קאַנטשיק.

די רביצין, זיין ווייב, איז כמעט תמיד געזעסן אויף אַ פוסנבענקעלע נעבן דער קיך און געשיילט קאַרטאָפליעס. כ׳האָב זי זעלטן געהערט אויסרעדן אַ וואָרט. זי האָט געהאַט אַן אומעטיק פּנים און טיילמאָל האָט זי אַ פאַרטראַכטע זיך פאַרקוקט אויף איר מאַן ווי ער זיצט אויבנאָן ביים לאַנגן הילצערנעם טיש, אַרום אים די תלמידים און ער, ווי געוויינלעך, האַלט דעם קאַנטשיק אין דער האַנט און געלערנט עברי, פאַרטייטש אויף יידיש. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט גרויס דרך־ארץ פאַר איר מאַן, אָבער אינדערהאמתן איז זי אים דערגאַנגען די יאָרן און נאָכדעם ווי די קינדער זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים, האָט זי אים פאַרביטערט דאָס לעבן און ער האָט געהאַט אַ גיהנום אין שטוב.

מיר איז געווען אַ רחמנות אויף אים. כ׳האָב ליב געהאַט דעם זינגעוודיקן ניגון, מיט וועלכן ער האָט געלערנט חומש. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כ׳הער דער מוטער רחלס געוויין אויפן וועג פון פדן־ארם און פאַר מיינע אויגן האָבן זיך געמאָלן די חומש־בילדער, ווי אברהם צעברעכט די געצן פון זיין טאַטן תרח און ווי עס גייען די קעמלען איבער די וועגן פון כנען. שווער איז מיר געווען מיט די געפילן צו דער אַרויסגעטריבענער הגר, וועלכע כ׳האָב געזען וואַנדערן צו־זאַמען מיט איר זון ישמעאל איבער די אומעטיקע ווייטקייטן פון מדבר.

די צעריסענע חומשים אויף ר׳ יעקב־דודס טיש האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פרומע און זיסע לאַנדשאַפטן. מ׳האָט געפילט ווי ס׳שמעקן די זעלטענעביימער אין גן־עדן, פונוואַנען אדם און חוה זענען פאַרטריבן געוואָרן. אמת, מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן אויף חוהן און כ׳האָב זי פאַרגליכן צו דער רביצין. כ׳בין געווען זיכער, אַז אויך זי וואָלט זיך געלאָזט אָנרעדן פון דער שלאַנג און דערפון איז דאָך אַרויסגעקומען ס׳גאַנצע שלעכטס, איין ברודער איז געוואָרן אַ דם־שונא דעם אַנדערן. אין מיר איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן אַן אומרו און אַ וויסטע אימה פאַר דער פרוי, וואָס האָרכט זיך צו צו דעם שלאַנג.

אויפן גאַנצן לעבן איז מיר געבליבן דאָס מיטגעפיל צו הבלען, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט אויף זיין שטיקל ברויט און זיך דערנערט מיט גרויס מאַטערניש און געוואָלט לעבן אין ליבשאַפט מיטן ברודער, אָבער זיין ברודער קין האָט אין זיך געטראָגן די זינד פון זיין מאַמען און דערפירט צו רציחה. ווען דער רבי האָט פאַרטייטשט די פראַגע: "קין, ווו איז דיין ברודער?" האָבן אינעם ענגן חדר אויפטרייסלענדיק אָפּגעהילכט גאָטס דונערדיקע שטים און דאָס געשריי פון הבלס אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלווט. לאַנג האָב איך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קין איז נישט געמשפּט געוואָרן ווי יעדער אַנדערער רוצח. כ׳האָב נישט באַנומען ווי גרויס ס׳איז דער עונש צו מוזן ווייטער לעבן, אָבער זיין נע ונד, פאַרפאָלגט און געיאָגט אָן אָפּרו און טראָגן אויף זיך דעם שאַנדפלעק פון מאָרד.

דעם "קול דמי אחיך" האָט דער רבי ממש אויסגעשריגן מיט אַזויפיל צער און צארן, אַז עס הילכט און מאָנט נאָך אַלץ אימהדיק אין מיינע אויערן ביזן היינטיקן טאָג.

דאַקעגן האָט דעם רבינס קול גאָר מילד געקלונגען ווען ער האָט מיט אונדז געלערנט די פּרשיות וועגן דער ליבשאַפט פון די אבות צו די אמהות און איך האָב די חומשדיקע פרויען געזען ווי צניעותדיקע און וואַרעמע שיינקייטן.

צווישן די ייִנגלעך אין חדר האָב איך געהאַט עטלעכע נאָענטע חברים. ס׳רוב זענען זיי געווען פון אָרעמע היימען, וואָס האָבן געלעבט אין טיפסטער נויט, אין ווילגאָטש, אין פינצטערניש.

כ׳פיל זיך נישט בכוח אַרומצורעדן אַלע חדרים און אַלע מלמדים, ביי וועלכע איך האָב געלערנט. זיי האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן טייל פון מיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן. די דאָזיקע חדרים זענען געווען מיינע שולן, אין וועלכע איך האָב געלערנט פאַרשטיין די ערשטע כללים פון יידישקייט און מענטשלעכקייט. זאָלן מיינע געציילטע ווערטער פאַר אונדזער כעלעמער יזכור־בוך זיין אַ מצבה פאַר די, וואָס האָבן די ערשטע איינגעפלאַנצט אין מיר דעם דרך־ארץ פאַרן יידישן גייסט, פאַרן געשריבענעם וואָרט, פאַר די הויכע מידות און גרויסע אידעאַלן פון די נביאים און חכמי התלמוד. וואָס עלטער איך

בין געוואָרן, אַלץ בעסער האָב איך פאַרשטאַנען און אָפּ־
געשאַצט דעם גרויסן ווערט פונעם לערנען, פון דער דערצי־
אונג, וואָס מיר האָבן באַקומען אינעם חדר און אין בית־
המדרש.

ר׳ זיינוול וואַלווישעס

נאָך צוויי יאָר לערנען ביי ר׳ יעקב־דודן בין איך איבער־
געגאַנגען אין חדר פון ר׳ זיינוול וואַלווישעס. זעלטן ווער
ס׳האָט געוווּסט זיין אמתן פאַמיליע־נאָמען. אין זכרון איז
מיר געבליבן זיין געשטאַלט אַ נידריקער, מיט אַ באַבערדלט
פּנים און אומעטיקע אויגן. ער איז געווען פאַרעכנט פאַר אַ
גוטן מלמד און ביי אים אין חדר זענען געווען תלמידים מיט
שאַרפע קעפּלעך, אָבער זיי פלעגן אים אָנטון צרות, אַפילו
כלערליי שפּיצלעך.

זיין חדר איז באַשטאַנען פון איין־איינציקן צימער, ווו עס
האָבן זיך געפונען די בעטן, די קיך און דער טיש צום עסן.
דאָ האָט ער געקנעלט מיט אונדז דעם "שניים אוחזין בטלית".
ער האָט פונעם גאַנצן האַרצן געוואָלט פון אונדז מאַכן מענטשן,
געוואָלט, אַז מיר זאָלן קאָנען לערנען און פאַרשטיין יידיש־
קייט, האָט ער אונדז דערציילט אגדות פון דער גמרא און
פון מדרש און מעשיות פון הייליקע צדיקים. מיר האָבן גע־
שלונגען די מעשיות און געגליט. פון אַלע מעשיות האָט מיך
צומשטאַרקסטן פאַרכאַפּט די מעשה פון רבי עקיבאס ליבע
צו דער רייכער טאָכטער, וואָס האָט אים דערפירט, ער זאָל
אַוועק לערנען, ווערן אַ גרויסער תנא און אויפן וועג צו איר
ווערן באַגלייט פון טויזנטער תלמידים.

קינדווייז בין איך געווען זייער סענסיטיוו. פלעג איך הערן
אַ הערצישע מעשה, איז עס ביי מיר געוואָרן אַ טיפע איבער־
לעבעניש. אַ דאַנק די דאָזיקע מעשיות האָב איך שטאַרק ליב
באַקומען דעם רבין און אויך געלערנט מיט התמדה. אים
האָט עס פאַרשאַפט גרויס הנאה זעענדיק ווי איך בין תופס
דעם שיעור, וואָס ער האָט מיט אונדז געלערנט. פון תענוג
האָט ער אַ שווייגנדיקער געשמייכלט.

עס פלעגט טרעפן, אַז דער רבי איז מיט אונדז אַוועק
אויף אַ "קריאת־שמע־לייענען" צו אַ שכנישער געווינערין.
כ׳געדענק אַזאַ פאַרנאַכט, ווען ער האָט אונדז געפירט מיט
טרעפּ אַראָפּ אין אַ קעלער־שטוב. דאָרט האָט געקאָפּטשעט
אַ נאָפט־לעמפּל. ס׳האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט עטלעכע
יידן און ווייבער. פון ערגעצוווּ הינטער פאַרהאַנגענע בעטן
האָט מען געהערט דאָס יאָמערלעכע אומבאַהאָלפענע וויינען
פון אַ ניי־געבוירן קינד.

מ׳האָט אונדז צוגעפירט צום ווינקל, וואָס איז געווען פאַר־
האַנגען מיט אַ ווייס ליילעך, אַ באַהאַנגען מיט צעטעלעך,
באַשריבענע מיט גרויסע אותיות אויף לשון קודש אָפּשפּרע־
כענישן קעגן שדים און רוחות. כ׳האָב איבערגעלייענט די
ווערטער "קרע שטן" און געפילט, אַז כ׳נעם אָנטייל אין אַ
שווערע מלחמה קעגן שטן אַליין.

פון הינטערן ווייסן ליילעך האָט זיך דייטלעך געהערט
דאָס געוויין פונעם מענטשלעכן באַשעפעניש, וואָס איז נאָר־
וואָס געקומען אויף דער וועלט. דאָס געוויין האָט זיך אויס־
געמישט מיט פליסטערנדיקע מענטשלעכע קולות. מיר איז
פון דעם אַלעם געוואָרן זייער מאָדנע אויף דער נשמה, אָבער
דעם רבינס זינגעוודיק קול האָט מיך אויפגערודערט. ער האָט
מיט אונדז אָנגעהויבן לייענען קריאת־שמע און איך בין
געווען זיכער, אַז דעם שטנס כוח איז אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט
געוואָרן.

ר׳ מאַטעלע

ווי אַמאָל מיט אַ סך צענדליקער יאָרן צוריק שטייט ער
מיר אויך איצט פאַר די אויגן, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער,
מיט אַ געלער באָרד און געלע געקרייזלטע פּאות, אָנגעטון
אין אַ לאַנגן צעדריפּעטן כאַלאַט און סאַמעטענעם קאַשקעט,
אין וועלכן דאָס סאַמעט איז געווען גרין און אויסגעריבן פון
אַלטקייט. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ סוחר, נאָר
ס׳איז אים נישט געגאַנגען. עס האָט אים געדראָט צו באַנק־
ראָטירן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט שולדיק בלייבן קיינעם
קיין קאָפּיקע, האָט ער אַלץ פאַרקויפט און זיך גענומען צו
מלמדות.

ר׳ מאַטעלע איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גוטער
בעל־מסביר. חוץ דעם שיעור גמרא מיט אַ חריפותדיקן פּלפּול
האָט ער אונדז אויך געלערנט חסידות, אויפגעקלערט דעם
חסידישן דרך און דערציילט חסידישע מעשיות. ער פלעגט
זאָגן, אַז גרויסע צדיקים לייענען דעם גורל אויפן שטערן פון
יעדן מענטש און אַז עס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט אַ חסיד,
וואָס האָט ערב יום־כיפּור געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין
מורא פאַרן יום־הדין, ווייל ער האָט אַ גאַנץ יאָר געלערנט
תורה און נישט געטון קיין איין עבירה. דאָס איז דערגאַנגען
צום גרויסן רבין, ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, האָט ער אים
גערופן צו זיך, לאַנג געקוקט אים אין די אויגן און געזאָגט:
"דיינע אַלע מעשים טובים ליגן אין הימל צעבראָכן און צע־
לאָמיעט, ווייל דו האָסט נישט אויסגעריסן דאָס שלעכטס פון
דיין האַרץ און דערפאַר האָסטו נישט געזען ווי מענטשן האָבן
געליטן צוליב דיר". דער חסיד איז גלייך אַוועקגעלאָפן תשובה־
טון און שפּעטער דערציילט, ווי ער האָט מיט זיין לערנען
אויפן קול אינמיטן דער נאַכט געשטערט דעם שלאָף פון אַ
שווער־קראַנקער פרוי אין שכנות פון זיין שטוב.

יומם ולילה פלעגט ר׳ מאַטעלע אַליין זיצן על התורה ועל
העבודה און פאַרלאַנגט אויך פון אונדז די זעלבע התנהגות.
זייענדיק ווייט פון פּניות האָט ער נישט געמאַכט קיין אויסנאַם
צווישן איין תלמיד און דעם אַנדערן.

ווען כ׳בין געוואָרן בר־מצוה האָט ר׳ מאַטעלע מיר צוגע־
האָלפן צוגרייטן דאָס פּשטל צו דער דרשה, וואָס איך האָב
געדאַרפט האַלטן אויף דער סעודה. כ׳געדענק ווי היינט ווי
דאָס פּנים האָט ביי אים געגליט. ער איז געשטאַנען אַ פאַר־

ציטערטער און געמאַכט צו מיר מיט די לעפצן, כדי כ׳זאָל מיך אָריענטירן אין טעקסט און כ׳זאָל נישט פאַרגעסן דעם מאמר חז״ל, וואָס ער האָט אַריינגעפלאָכטן אין מיין דרשה, אַז יעדן טאָג זיצט הקדוש־ברוך־הוא אויפן כסא המשפט און ווען ער זעט, אַז די וועלט איז כולו חייב, שטעלט ער זיך אַוועק אויפן כסא־הרחמים. ער האָט צוגעגעבן, ווען די וועלט וואָלט זיך נוהג געווען נאָר מיט מידת־הדין, וואָלט זי נישט געהאַט קיין קיום אפילו איין טאָג.

נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעזאָגט די דרשה האָט ר׳ מאָטעלע אַ צופרידענער זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

אַ סך יאָרן זענען פאַרביי זינט ר׳ מאָטעלע מלמד האָט מיט מיר געלערנט ווי גרויס עס איז די מידה פון רחמנות און אויף אַלע מיינע וועגן האָבן מיך באַגלייט זיינע ווערטער און די התלהבות, מיט וועלכער ער האָט זיי געזאָגט.

נישט אַלץ, וואָס ער האָט זיך באַמיט אונדז אויפצוקלערן, האָב איך אין יענע יאָרן תופס געווען. ערשט אין יאָרן אַרום האָב איך אַלץ מער און מער נאָכגעטראַכט און באַנומען די טיפקייט פון ר׳ מאָטעלעס רעיונות, וואָס זענען מיר געבליבן אין געמיט, אין די טיפענישן פון דער נשמה.

טעג און נעכט אין בית־המדרש

אין זיידנס ספרים־אַלמער, צווישן די גרויסע גמרות און חומשים און תנ״כן, זענען אויך געווען קליינינקע ספרימלעך מיט רש״י־כתב, וואָס איך האָב זייער פרי אָנגעהויבן לייענען. דאָס זענען געווען די אַלטע יידישע כראָניקעס, ״עמק הבכא״, ״שבט יהודה״, ״שארית ישראל״, דער אַריינפיר צו דער מארטיראלאגיע פון דער יידישער געשיכטע — ברענענדיקע שטראָמען יידישע טרערן און בלוט, איינגעוויקלטע אין פאַרגעלטע בלעטער. דעם זיידן אָבער איז מיין זיצן איבער די דאָזיקע ספרים נישט געווען צום האַרצן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס שטערט מיר צום לערנען. אַליין האָט ער ליב געהאַט אויך דעם תנ״ך, אָבער לערנען האָט ביי אים געהייסן בעיקר גמרא.

פלעג איך דערפאַר באַהאַלטענערהייט, ביי אַ קליין לעמפּעלע ערגעץ אין אַ קאַמערל זיצן לאַנגע שעהן אין דער נאַכט איבער די אַלטע כראָניקעס, שווערן זיך אין האַרצן מיט הייסע שבועות פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון די קדושים, אַז איך וועל זיך אויפפירן ווי זיי. כ׳פלעג חלומען און פאָרשטעלן זיך ווי אַזוי איך וועל דורכמאַכן אַזעלכע גרויסע נסיונות. די אַלע פאַרפייניקטע אויף קידוש השם פלעגן מיר שטיין פאַר די אויגן אין זייער שטראַלנדיקער פארכטיקייט. כ׳בין געווען אַזוי איבערגענומען מיט דער גבורה פון די קדושים פון מאַינץ, וואָרמס און טאָלעדאָ, אַז זיי זענען אויסגעוואַקסן פאַר מיר גרעסער, קלאָרער און ליכטיקער פון די תנאים און אמוראים, פאַר וועלכע כ׳האָב געהאַט גרויס דרך־ארץ, אָבער פאַר די קדושים איז דער דרך־ארץ געווען דורכגענומען מיט הייליקן ציטער.

דעם זעלבן ציטער און פאַרערונג האָב איך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפילט פאַר די פאַרפייניקטע רעוואָלוציאָנערן אין תפיסות און לאַגערן. תמיד האָט אויף מיר ביים צוזאַמענטרעף מיט אַזעלכע פאַקטן אַ ווייע געטון מיט קידוש־השם. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אַלע מאַרטירער זענען אַ המשך פון די עשרה הרוגי־מלכות.

כ׳האָב זיי אַלע געזען פאַר די אויגן אין זייערע מוראדיקע פיין און שוידערלעכע יסורים; דעם גרויסן רבי עקיבא, וואָס מען האָט אים צעפּליקט אויף שטיקער מיט אייזערנע קאַמען; דעם נשיא רבי שמעון, וואָס מען האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און זיין צונג האָט געלעקט די ערד; רבי חנינא בן תרדיון, אַן איינגעוויקלטן אין אַ ספר־תורה, מיט נאַסע וואָל אויפן האַרצן, ווי מ׳וואַרפט אים אַריין אין פייער. אַלע, אַלע האָבן זיי געשוועבט פאַר מיינע אויגן אין בין־השמשותדיקע שעהן און אין שלאָפלאָזע נעכט. זיי האָבן זיך מיר אויסגעמאָלן אין זייער גאַנצער פּאַטריאַרכאַלישקייט, ווי, למשל, רבי ישמעאל כוהן גדול, וואָס די פאַרליבטע בת־מלך האָט אין מטורפדיקער ליידנשאפט געלאָזט פון אים אָפּשינדן לעבעדיקערהייט די הויט. מאדנע, זייערע מוראדיקע יסורים האָבן מיך נישט דערשלאָגן, נאָר אַרויסגערופן דערהויבונג, התעוררות און איך האָב זיי אין מיין פאַנטאַזיע פאַרגליכן מיט אַנדערע גרויסע יידישע גבורים, כאָטש אין אַנדערע באַדינגונגען, אַנדערע צייטן, אָבער כ׳האָב זיי געזען אין דער זעלבער באַלויכטונג, אין דער זעלבער שיין פון קידוש־השם.

ווען כ׳האָב אין די שפּעטערדיקע יאָרן געטראַכט וועגן די ענייִנים פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן, מיט אויספאָרשונג־פייניקונגען און יאָרן תפיסה, האָב איך אין דעם ציען זיך פון דער יידישער יוגנט צו די אידעאַלן געזען די יידישע נשמה, וואָס איז פון די פריסטע קינדער־יאָרן דורכגעזאַפּט מיט די געדאַנקען און געפילן פון קידוש־השם און גייט איבער בירושה זינט הונדערטער דורות.

כ׳געדענק אַ ווינטער־נאַכט אין האַלב־ליידיקן בית־המדרש. בלויז עטלעכע מתמידים זענען געזעסן און אויסגעזונגען זייערע סוגיות און דער אַלטער גמרא־ניגון האָט אין זייערע שטימען אָפּגעקלונגען מיט אַ צופנדיקן טרויער. איך בין געזעסן מיט מיין חבר לייבל אין אַ פארשאטנט ווינקל. בכלל זענען אין אַזעלכע שעהן אין בית־המדרש געווען אָן אַ שיעור שאָטנס, גאַנצע מחנות שאָטנס. לאַנגע־לאַנגע האָבן זיי זיך געצויגן פון אַלע זייטן צום עמוד, ווו ס׳פלעגט שטענדיק פרום און אומעטיק פלאטערן אַ יאָרצייט־ליכט, וואָס האָט אַרויסגערופן טונקעלע, פחדימדיקע פאַרגעפילן. איך האָב דעמאָלט פליסטערנדיק געזאָגט צו לייבלען: ״כ׳בין מקנא די נשמות, וואָס האָבן שוין געפונען זייער רו...״

מיר שיינט, אַז כ׳האָב זיך עפּעס אַליין דערשראָקן פאַר מיינע ווערטער, ווי פאַר מחשבות זרות, אָבער לייבל האָט אָפּזיפצנדיק שטיל געזאָגט: ״איך מיך כאַפּט אַרום אַזאַ קנאה און אפשר איז עס גאָר השתוקקות...״

אין זיינע אויגן האָב איך דערזען אַ ווייטאגדיק פלעמל, וואָס כ׳פלעג זען ביי אים אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן,

ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין וואַרשע, שוין אַ קאַליע־געוואָרענער און ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן ישוב־ארץ־ישראל און איך האָב דערפילט, אַז ער טראָגט אין זיך עפּעס אַ מין שולד־געפיל, פאַרוואָס ער דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום אין פוילן און איז נישט עולה ווי אַ חלוץ קיין ארץ־ישראל.

די שיל

ווי יעדער שטיפער, בין איך געווען אַ גאַנץ קליינער דאווענער. כ׳פלעג געבן אַ שלונג דעם סידור און פאַרטיק. דער זיידע האָט נישט שטאַרק מקפיד געווען דערויף, ווייל אים איז דאָך דער עיקר געגאַנגען אין לערנען. ערשט, ווען כ׳בין געוואָרן אַביסל עלטער, האָבן די תפילות אָנגעהויבן רעדן צו מיין געמיט.

מער ווי אין בית־המדרש האָב איך אין שיל געפילט דעם באַדייט און דעם טעם פון דאַווענען. דאָרט איז די אַטמאָספער געווען מער תפילהדיק, מיט מער געפיל פאַרן חזן און פאַרן אייגענעם דאַווענען. אַנדערש האָבן דאָ געקלונגען די ווערטער און די ניגונים, טיפער, דערהויבענער.

לויט ווי איך האָב געזען די כעלעמער שול, מיט מיין קינדישער פאַנטאַזיע אין איינקלאַנג מיט די אַלע וואונדער־לעכע דערציילונגען וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט, האָבן די הויכע־דיקע מויערן איינגעזאַפּט אין זיך די זאַפטן און די שאָטנס פון לאַנגע דורות כעלעמער יידיש לעבן. אין דעם הויכן שול־רוים, אַזש ביז אַרויף צו די געבויגענע רונדיקע סופיטן האָבן סודותדיק געשוועבט די נשמות פון אַלע כעלע־מער וואָס זענען אַוועק לעולמים. ווו דען האָבן זיך געקענט אַהינטון די אַלע הייליקע נשמות, אויב נישט אין דער הייליקער שול?! די קאַלטע פייכטע לופט, דער ווינט אין דעם הויכן פוסטן חלל, האָבן אויך אויף דעם עדות געזאָגט. אין אָונט, נאָך מעריב, ווען די שול איז שוין געווען פאַרמאַכט האָב איך טאַקע מורא געהאַט דורכצוגיין דאָס געסל פון דער שול, ס׳האָט מיך געשראָקן די בלינדע ליידיקע מויער, אָן פענצטער, מיט די גאָר גראָבע ווינקל־מויערן. אָבער נאָך מער האָב איך זיך געשראָקן פאַר די אויסגעלאָשענע פענצטער וואָס זענען געווען העט אַרויף, אַזש אונטערן סופיט. אויב איך האָב יאָ אַמאָל גערדאַרפט גיין ביינאַכט אין שול־געסל, בין איך געלאָפן, נישט אַרויפגעקוקט צו די פענצטער. ווייל גע־ווּסט האָב איך, אַז דער גאַנצער וועג, פון אַלע די וואָס קומען ביינאַכט אין שול אַריין, אַלע הייליקע נשמות, איז אַלץ דורך די פענצטער. נאָך מער האָב איך זיך געשראָקן פאַר דעם שול־בוידעם. אפילו ביי טאָג האָב איך מורא געהאַט אַרויפ־צוגיין, כאָטש איך בין געווען נייגעריק צו זעען דעם פּנקס, ווייל מ׳האָט דערציילט אַז דאָרט, אויפן שול־בוידעם איז פאַרהאַן אַ כעלעמער פּנקס, ווו ס׳זענען פאַרשריבן די כעלע־מער געשעענישן, האָב איך אָבער מורא געהאַט פאַרן גולם, וואָס זיינע אברים זענען צעשאָטן געוואָרן אויפן כעלעמער שול־בוידעם.

היינט! —— היינט!

וועט דאוועגען מעריב אין שיהל 8 אווענד

דער בעליבטער אין דער בעוויסטער

יונגער חזן

דוד ווייסבערג

געוועזענער אבערקאנטאר אין ראוונע

קומט אלע היינט מאסענווייס

נאך מעריב, וועט דער חזן

ווייסבערג זינגען איינינע

קאמפאזיציעס פון די וועלט

חזנים.

Dziś! —— Dziś!

Odprawia nabożeństwo w Synagodze znakomity NADKANTOR

Dawid Wajsberg

Po modlitwe zostaną odśpiewane różne kompozycje.

Chelm, druk M. J. Bronfelda

אַנדערש איז אָבער געווען אין שול בשעתן דאַווענען, איבערהויפּט שבת און יו״ט. פאַרשוואונדן זענען אַלע געשטאָר־בענע נשמות, די לייבן ביים ארון־קודש מיט זייערע אָפענע מיילער האָבן אויפגעלעבט. די בילדער פון די כלי־זמר, האָבן אויסגעזען, אויף דער מזרח־וואַנט, ווי לעבעדיקע אינסטרו־מענטן וואָס האָבן די מתפללים דערמאָנט אין דער כוונה פון זייערע ווערטער צום חזנישן טאַקט. יעדעס ווינקל אין שול איז הייליק אפילו דאָס שטיקל וואַנט ביי דער טיר וואָס איז אַזוי שוואַרץ, איז אויך גאָר הייליק, אַ זכר לחורבן בית־המקדש.

שיינקייט און דערהויבנקייט

שבת איז אין משך פון דורות געווען און געבליבן דער סימבאָל פון יידיש לעבן און די הייליקייט פונעם שבתדיקן טאָג האָט אַרויפגעלייגט איר חותם אויפן יידישן קינד אויך אין כעלם ביז זיין ווייטן עלטער, האָט געפאָרעמט זיין גייס־טיקע געשטאַלט, אַנטוויקלט אין אים די באַגייסטערונג פאַר שיינקייט און דערהויבנקייט און אויך די פילבאַרקייט פאַר פּאָעזיע און געזאַנג, פאַר שירה וזמרה.

די מאָטיוון פון שבת פירן מיך תמיד צוריק אין מיין טאַטנס שטוב און צו אַלע הייליקע מאָמענטן פון מיין לעבן אין כעלם. עס גייען פאַרביי פאַר מיינע אויגן טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע און אַלע נאָענטע מענטשן מיט זייער ציטער־דיקער ליבשאַפט צו די מנהגים און מצוות פון האַלטן הייליק דעם זיבעטן טאָג אין דער וואָך און יעדן יום־טוב; מיט זייער נשמה יתירהדיקייט ביים אָנקומען פון די הייליקע טעג. יידן אין כעלם האָבן נישט נאָר אָפּגעהיט שבת. יידן האָבן געשאַפן שבת, האָבן געמאַכט שבת און יעדע משפחה האָט אויף איר אופן געקעמפט פאַרן שבת. יעדער לויט זיין פרנסה־שטאַנד האָט לכבוד שבת צוגעגרייט בעסערע מאכלים און שענערע מלבושים פאַר זיך און פאַר די קינדער.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיך באַגנוגנט מיט אבי־וואָס. געווען שטובן, אין וועלכע מען האָט נישט געגעסן מער ווי טרוקן ברויט מיט וואַסער, אבי ס׳חיות צו דערהאַלטן, אָבער אויף שבת איז געווען אַ מצווה צוצוגרייטן פרישע חלות און וויין, פיש און פלייש. פאַר די, וואָס האָבן דאָס אַלץ נישט געקענט זיך פאַרגינען, זענען תמיד געווען אין שטאָט מענטשן מיט גרויסע הערצער, נשים צדקניות, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז די שבתדיקע מאכלים זאָלן אויף פאַרבאָרגענע וועגן דער־גיין אין יענע הונגעריקע שטובן און אַז אויך אויף זייערע טישן זאָל רוען די ברכה פון שבת.

געווען אין כעלם שטובן, וווּ ווייסע טישטעכער האָבן זיך באַוויזן נאָר לכבוד שבת און יום־טוב. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געאַרבעט, כדי צו קענען לעבן. שבת האָט געגעבן אַ זין דעם לעבן. אַ גאַנצע וואָך זענען זייערע פנימער געווען פאַר־זאָרגט, גרוי און פאַרוואָלקנט, אָבער שבת האָבן זייערע פנימער זיך אויסגעלייטערט, אַ מין געלייטערטע גייסטיקייט, וואָס ווערט אַזוי וווּנדערלעך אַרויסגעבראַכט אין די פּיוטים און זמירות לכבוד שבת.

די לובלינער גאַס, די הרוביעשאָווער, די פּאָטשטאָווע און די אַנדערע יידישע געסלעך האָבן שוין פרייטיק פאַרנאַכט געקריגן אַן אַנדער פּנים. פרייטיק איז מען אין חדר געלאָפן פריילעך, ווייל מ׳האָט געוווּסט, אַז דער לערן־טאָג איז היינט אַ קורצער. זומער איז מען גלייך געלאָפן זיך שפּילן און פון די פענצטער אין די שטובן פון יידישע בעלי־מלאכות האָט מען געהערט צוזינגען זיך די ניגונים פון שבתדיקן דאַווענען און פון זמירות.

ווען די זון האָט גענומען ווערן קילער האָבן זיך באַוויזן יידן, וואָס זענען געגאַנגען אין מרחץ אָדער צוריק. לאַנג צו געניסן פון דאָזיקן פאַרגעניגן האָט מען זיך נישט פאַרגינען. דער אָנקומענדיקער שבת האָט אונטערגעיאָגט. מען האָט איבערגעטון די ריינע וועש און מיט נאַסע בערד און פאות האָט מען זיך געלאָזט פּאַוואָליע גיין אַהיים, גרייט אויפצו־נעמען די שבת־מלכתא.

אין דער זעלבער צייט האָבן די ווייבער מיט דורכגעפּעט־סטע פאַרטוכער גערוקט אין אויוונס די טשאָלנטער אין ליים־פאַרשמירטע טעפּ. דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צום אָפּ־וואַשן די קינדער, אָפּצוואַגן די קעפּ ביי די מיידלעך, אָפּפּוצן די זילבערנע און מעשענע לייכטער צום ליכט־צינדן. די וואָך דאַרף ווערן שבתדיק, די גאַנצע וועלט, יעדער מענטש.

מיט די יאָרן האָב איך אַלץ בעסער פאַרשטאַנען ווי ריכטיק אחד־העם האָט עס פאָרמולירט: ״מער ווי יידן האָבן אָפּגעהיט שבת, האָט שבת אָפּגעהיט די יידן״. איך וואָלט געגאַנגען נאָך ווייטער: דער שבת האָט די יידן אין כעלם געהאָלפן אין דער שווערער מלחמה פאַרן לעבן. דער ייד האָט צוגעפּאַסט זיין אַרבעט צום שבת. דער שבת האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון די יידישע פרנסות.

שבת האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל ביים דערהויבן זיך פון יידן צו דער מדרגה פון אַן עם הספר. דער מנהג צו לייענען שבת די תורה, סיי בציבור און סיי ביחידות איז נאַטירלעך געווען גאָר וויכטיק. איז דאָך אפילו די אָרעמע, אָפּט אַזוי ווייניק געבילדעטע יידישע פרוי געזעסן איבערן טייטש־חומש, איבער דער ״צאינה וראינה״, שבת נאָך שבת.

מיר, ווי יונגע קינדער, האָבן געזען ווי טאַטע־מאַמע זיצן יעדן שבת ביים ספר. די מנוחה פון שבת איז געגאַנגען צו־זאַמען מיט תורה. אַזוי שטייט מיר פאַר די אויגן אונדזער שטוב ווי זי ווערט פול מיט שבת און איבער אַלעם צעשפּרייט זיך דער חן פון קדושה. אויפן טיש ליגן שוין די צוויי חלות פאַרדעקט מיט אַ טישטעכל. אין די אויסגעפּוצטע לייכטער זענען אַריינגעשטעקט די ליכט און איבער זיי שטייט די מאַמע, אַ צאַרטע און בלייכע לייכט געבויגן, די צעשפּרייטע הענט פאַרשטעלן דאָס פּנים און זי בענטשט די שבת־ליכט. שטיל מורמלען אירע ליפּן די תפילה. זי בעט פאַר מאַן און קינדער, פאַר אַלע יידן. אירע הענט, ווי שכינה־פליגל שוועבן איבער די ליכט, פול מיט רחמים, בטחון און טרייסט, און פון מאַמע־

אויגן, הייליקע פון פיין און צער, פאלט אויפן ווייסן טישטוך אַ טרער. אַלע אין שטוב האַלטן איין דעם אָטעם. אַלע ווייסן וואָס אין דער מאַמעס האַרץ טוט זיך.

כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרגעסן, מאַמע, דיינע מילדע טויבן־אויגן, אַזוי הייליק אין דער שיין פון די געבענטשטע ליכט אינעם פרייטיק־פאַרנאַכט און זייער שטראַלנדיקער צער באַגלייט מיך אויף אַלע מיינע וועגן.

אין מיין היים אין כעלם האָב איך געלערנט, אַז איטלעכער ייד, אפילו דער אָרעמסטער, קען מאַכן שבת און ווי שיין, גייסטיק־שיין, דער מענטש קען ווערן ביים אָפּהיטן דעם שבת. ווי שיין איז געווען דאָס געלאסענע שפרייזן צו קבלת־שבת. טריט־ביי־טריט זענען די יידן געגאַנגען אויפנעמען דעם שבת אין שול, אין בית־המדרש, אין די חסידים־שטיבלעך. פון אומעטום האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג: ״לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה!״

אינעווייניק, אין די אַלע בתי־תפילה, פונים קלענסטן מנין ביז דער גרויסער שיל, האָט זיך אַלץ געטובלט אין ליכט פון צעבליצטע לאָמפּן. עס איז דאָס געזאַנג פון דורות, וואָס האָט אין כעלם געהאַט זיין אייגענעם חן און כישוף, וואָס ווירקט אויף מיר ביזן היינטיקן טאָג, וואַרעמט מיין האַרץ, און האָט דעם כוח אויפצוהאַלטן די נשמה אין גוף.

ווען די שטוב איז געוואָרן אַ בית־המקדש

און עס לויפן די טעג, שבתים קומען און גייען אַוועק און עס קומען אָן די יום־טובים. עס קומט אָן דער גרויסער פרילינג־יום־טוב. עס איז דער עלטסטער יידישער יום־טוב און דאָך איז ער פאַר אונדז תמיד ניי און אין כעלם האָט מען זיך געגרייט צו אים אַ שטייגער ווי צו אַ נייעם יציאת־מצרים. פרויען און מענער זענען געווען פאַרפאָרעט, אינדרויסן און אין שטוב, ביים באַקן מצות און ביים רייניקן די שטובן, צוגרייטן אַ ציכטיקע נעסט פאַרן גאַנצן הויזגעזונד צום יום־טוב. ״די יידישע שטוב ווערט פסח אַ בית־המקדש און דער יידישער טיש אַ מזבח״ — האָט אַ גרויסער יידישער דענקער געפּרוווט דערקלערן דעם סוד פונעם פסחדיקן סדר.

אין מיין זיידנס שטוב איז דער פסח געקומען מיט זייער פיל מי און אויך מיט פרייד. אין די ערשטע טעג נאָך פורים האָט מען זיך שוין געגרייט צום פסח. דאָס ערשטע איז געווען באַקן מצות. דערצו האָט מען אָפּגעדונגען דעם אויוון אין דער בעקעריי, אויף אַ גאַנצן טאָג. אַלע, דאָס גאַנצע הויזגעזונט, האָבן זיך געגרייט דערצו, צו גיין אין בעקעריי, וווּ מען באַקט די מצות. דער זיידע האָט געבאַקן זיינע מצות אויפן ״ערשטן אויוון״. פון ערשטן אויוון זענען די מצות כשרער, דער אויוון איז נאָך גוט הייס און באַקט שנעל.

נאָך דעם זיידנס מצות־באַקן האָבן די זין און די טאָכטער געבאַקן זייערע מצות, לויט דער ריי פון עלטער. שווער איז געווען די אַרבעט ביים באַקן די מצות, כאָטש קיינער פון אונדזער הויזגעזונט האָט נישט אַליין געבאַקן. אויף דעם איז געווען אַ ספּעציעל פּערסאָנאַל, אַ גאַנצער אַפּאַראַט פון מעל־שיטער, קנעטערס, מיירע־שניידער, וועלגערינס, רעדלערס, אויוון־שיבער, וואַסער־טרעגער א. א. דאָך האָבן אַלע געמוזט אויפשטיין פרי און גיין צום באַקן, צופּילנעווען, אַז אַלץ זאָל זיין כשר. דאָס טייג זאָל חלילה־וחס נישט ליגן אַוועקגעלייגט בשעת ס׳גייט איבער פון איין האַנט צום צווייטן, ווייל ס׳קען נאָך אָנהויבן יערן און זויער ווערן. דער עיקר דאַרף מען אַכטונג געבן אויף די וועלגערינס, אַז זיי זאָלן שנעל וועלגערן, נישט לאָזן דאָס טייג זיך אָפּרוען און אויב ס׳האָט געטראָפן עפּעס אַ חשש חמץ, אַז די אויסגעוועלגערטע מצה האָט פאַרן אַריינרוקן אין אויוון אַריין זיך פאַרבויגן, האָט מען דאָס געמוזט לייגן באַזונדער. אַז די כשרע מצות זאָלן נישט ווערן צוליב דעם חמצדיק.

פסח אין דער אַלטער היים איז נישט געווען קיין גרינגער יום־טוב. עס האָט געקאָסט אַ סך אַרבעט און זאָרג ביז מ׳האָט

UWAGA!

Jeśli chcecie mieć moralne zadowolenie
śpieszcie, w ostatnie dnie świąt

do wielkiej synagogi,

gdzie odprawi nabożeństwo, wraz z wyborowym chórem

ZNANY KANTOR z WARSZAWY

p. Boguszewicz

Należy wcześniej zaopatrzyć się w bilety, gdyż kontrola będzie ściśle przestrzegana przez policję.

Bilety do nabycia u p.p. Ch. Felhendlera (Bank Spółdzielczy), M. Feldmana, I. Bekera i A. Winika.

אַכטונג! דער באַוווּסטער וואַרשעווער חזן אַכטונג!

ה׳ באָגושעוויטש

מיט זייער אַ שיינעם כאָר וועט די אנדערע טעג פסח
דאַוונען אין דער גרויסער שול

ווער ס׳וויל האָבן אַגייסטיקן פאַרגעניגן, דאַרף זיך באַזאָרגן מיט א בילעט, ווייל דער אַריינגאַנג וועט זיין זייער שטרענג געהיטן דורך דער פּאָליציי.

בילעטן צו באַקומען ביי די ה״ה: חיים פעלהענדלער (באַנק ספּולדזיעלטשי), מאָטיע פעלדמאַן, יהושע בעקער און אברהם וויניק.

Druk Wejnsztejnów, Chełm.

דעם יום טוב אַריינגעבראַכט אין שטוב. אַלע האָבן געאַרבעט מיט התלהבות. איינצולייגן די ראָזשינקעס און קוועטשן אויף ווײַן צו די פיר כוסות — דאָס איז געווען די אַרבעט פאַר דעם זיידן אַליין.

וואָס נאָענטער צו פסח אַלץ מער אַרבעט איז געווען פאַר דער באָבען. עפּעס אַ קלייניקייט, אויסצורייניקן יעדעס ווינקעלע, צו כשרן די קוך און דעם אויוון. אַ נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט ווען מ׳האָט געעפנט דעם בוידעם און אַראָפּגענומען דאָס פּסחדיקע געפעס. פון יעדער כלי האָבן אַרויסגעשמעקט פאַרפאַקטע סודות: די כוסעלעך מיט די אויפשריפטן ״לכבוד פסח״, דעם זיידנס קדוש־בעכער און די פאַרשידענע קיך־געשירן. שווער היינט זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי די זאַכן האָבן אויסגעזען. ווי זעט מען דען היינט אַ מעשענעם וואַסער־שעפער מיט צוויי אויערן. אָדער וואָס האָבן מיר דען היינט אַן אַנונג וואָס איז אַזעלכעס אַ סטעלמע — אַזאַ האָלצערנער ריזיקער בעכער צו שטויסן די מצות אויף פערפל און מצה־מעל. אַזעלכע סטעלמעס זענען ביי מיין זיידן זעליק געווען צוויי, אַ גרעסערער און אַ קלענערער. צו יעדער סטעלמע, לויט זיין גרייס אַ וואַליק, אויך פּסחדיקע הילצערנע פעסלעך אויף וואַסער האָט מען אַראָפּגענומען פון בוידעם, אַ גרעסערס און אַ ביסל אַ קלענערס. איבער די אַלע זאַכן האָט געשוועבט דאָס געשפּאַנטע אָפּוואַרטן דעם אָנקומענדיקן יום־טוב.

צום סדר האָט מען זיך געגרייט בדחילו ורחימו. דער זיידע האָט אַליין צוגעגרייט דאָס היסב־בעט, די כוסות אויף ווײַן, די הגדות פאַר יעדן פון די בני־בית, פאַר אַלע זין, איידעמס און שנורן. נאָכן פרעגן די פיר קשיות האָבן אַלע מיטגעזאָגט מיטן זיידן ״עבדים היינו״.

אַ נייגעריקער האָב איך זיך געגרייט צום עפענען די טיר ביי ״שפוך חמתך״ און דערזען אליהו הנביא אַ טרינק־געבן פון זיין כוס, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש אַ פולער מיט ווײַן. אָבער געזען האָב איך אים נאָר, ווען כ׳בין, ווי דער שטייגער, איינגעשלאָפן באַלד נאָך די קניידלעך.

אין חלום האָב איך געזען אליהו הנביא׳ן, אַן אַלטיטשקן, אַ גוטינקן, מיט אַ ווייס־זילבערנער באָרד, אין אַ ווייסער זיידענער קאַפּאָטע געשטיקט מיט זילבער. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, געטון קוים־קוים אַ זופּ פונעם כוס, אַז ס׳איז ממש נישט געווען צו דערקענען, אַז מען האָט פון אים געטרונקען...

אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך צו יעדער סדר־נאַכט צוגעגרייט אין האַרצן בקשות, ווונטשן, וואָס כ׳זאָל אויסבעטן ביי אליהו הנביא, אָבער ווען כ׳האָב אים דערזען אין חלום, האָב איך פאַרלוירן ס׳לשון און נישט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט.

דאָך זענען די חלומות פון דער סדר־נאַכט געווען ביי מיר פון די שיינע און גליקלעכע. כ׳האָב געגלויבט, אַז אליהו הנביא, דער שליח פון גוטע בשורות, איז אַריינגעקומען אין אונדזער שטוב. די ווונדערלעכע שיינקייט פון סדר אין אונדזער היים איז אומפאַרגעסלעך.

טראַדיציעס און מנהגים

אָט אַזוי זענען אָפּגעהיטן געוואָרן טראַדיציעס און מנהגים. אויך אין די טעג צווישן פסח און שבועות. אָנגעהויבן פונעם טאָג פסח האָט מען אָנגעהויבן ציילן די טעג ביז עס איז געוואָרן פאַרפולט די צאָל פון ניין און פערציק טעג, זיבן וואָכן און דאַן — שבועות.

די טעג פון ספירה האָט מען אין כעלם אָפּגעהיטן ווי טעג פון טרויער. אין חדר האָט מען געלערנט, אַז אין די טעג זענען אויסגעשטאָרבן צוועלף טויזנט פּאָר פון רבי עקיבאס תלמידים. אַן אויסנאַם האָט מען געמאַכט פאַר ל״ג בעומר, ווען דאָס אומגליק האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ל״ג בעומר איז מען אין חדר נישט געגאַנגען און כ׳ווייס נישט פונוואַנען עס האָט זיך גענומען, אַז קינדער פלעגן אין דאָזיקן טאָג זיך באַוואָפענען פון קאָפּ ביז די פיס מיט כלי־זין, הילצערנע שווערדלעך, ראָד־ביקסלעך און פיילן־בויגנס און מ׳פלעגט זיך אַרויסלאָזן אויפן פרייעם פעלד, אין וואַלד צו פירן מלחמה.

דער מלמד ר׳ מאָטעלע האָט אונדז פאַרבונדן ל״ג בעומר מיט נאָך אַ געשטאַלט פון אַ הייליקן תנא, רבי שמעון בר־יוחאי, דעם תלמיד פון רבי עקיבא. ער האָט געזאָגט, אַז אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר האָט רבי שמעון בר יוחאי אַנטפּלעקט צו זיינע תלמידים די גרויסע סודות פון דער קבלה און אין דעם זעלבן טאָג איז ער נפטר געוואָרן.

ביזן היינטיקן טאָג, ווען כ׳זע ווי די יאָרצייט פון רבי שמעון בר יוחאי ווערט געפּראַוועט אויף זיין קבר אין מירון, דערמאָן איך זיך אין מיין רבין, ר׳ מאָטעלע. ווי גליקלעך וואָלט ער געווען ווען ער וואָלט דערלעבט צו זען די ״הדלקה״, וואָס איז דער העכסטער פּונקט אין דער ״הילולא״, ווען דאָס קבר פונעם הייליקן תנא ווערט באַלויכטן מיט גרויסע פלאַמען. צענדליקער טויזנטער יידן פון גאַנצן לאַנד קומען זיך צונויף ביים קבר, פאַרברענגען אין תפילה, געזאַנג און טענץ, אין טיפער מיסטישער באַגייסטערונג.

קוואל פון יידישקייט

אָן אַ שיעור ליבשאַפט האָט מען אויך אַריינגעלייגט אינעם יום־טוב פון מתן־תורה. מיין רבי, ר׳ מאָטעלע האָט געזאָגט: ״אַלע יידן פון אַלע דורות, אויך די נשמות פון די נאָך נישט געבוירענע, זענען געווען ביים באַרג סיני ווען גאָט האָט געגעבן די תורה צום פאָלק ישראל״. דעם דאָזיקן מדרש פלעגט ער אָפט איבערחזרן ביים דערציילן מיט וואָס פאַר אַ פייערלעכקייט עס איז געוואָרן דורכגעפירט די צערעמאָניע פון ברענגען די ביכורים.

אַזוי האָט ר׳ מאָטעלע אויף זיין שטייגער צונויפגעפלאָכטן די מאָטיוון פון תורה און נאַטור, אָבער קיין ספּעציעלע הכנות זענען צום דאָזיקן יום־טוב נישט געמאַכט געוואָרן. בלויז די מילכיקערס זענען געווען טרוד מער ווי אַלע טעג אין יאָר און די באַלעבאָסטעס האָבן צוגעגרייט מילכיקע מאכלים, וואַ־

רעניקעס און פוטער־געבעקס, קעזקיכנס און קעז־ראגעלן און אַ סך אנדערע גוטע זאַכן.

כאָטש כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען די סיבה פונעם מערקווירדיקן מנהג צו עסן שבועות מילכיקס, האָב איך אים אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט, טאַקע צוליב די גוטע געבעקסן. אין בית־המדרש און אין שיל האָט מען באַצירט די ווענט און דילן מיט גרינינקע ביימעלעך, באַזונדערס אַרום דער בימה און ארון־הקודש, וואָס האָט געדאַרפט דערמאָנען דעם מעמד הר־סיני. קינדער האָבן זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין, אַזוי ווי ס׳וואָלט אויף דער וועלט קיין חדר נישט געווען, קיין רבי. מ׳האָט פון דאָרט געברענגט די גרינע צווייגלעך, גרינס אויף יום־טוב, צעהאנגען איבער די פענצטער, געלייגט שאווערן אויף די פּאָדלאָגעס.

בכלל האָט דער יום־טוב שבועות געהאַט ווייניקער מזל ווי די אַנדערע יום־טובים. מ׳האָט אפילו געהאַט אַ געפיל, ווי שבועות זאָל זיין אַ באַוולטער יום־טוב, אינגאַנצן צוויי טעג. מען זעט זיך נישט אַרום און שוין — אויס יום־טוב. עס האָבן עפּעס געפעלט די אויסערלעכע עפעקטן, ווי אַ סדר, אַ סוכה, אַן אתרוג, וואָס גיבן־צו אַזויפיל פאַרביקייט די אַנדערע יידישע יום־טובים.

פונדעסטוועגן האָבן אים צוגעגעבן אַ סך שיינקייט די געזאַנגען פון ״אקדמות״ און די מגילת רות, וואָס האָט אין זיך אַזויפיל ראָמאַנטיק און גרויסע ליבע. עס איז אַ יום־טוב, וואָס האָט אַ סך צו זאָגן און צו לערנען פאַר קינדער און דערוואַקסענע, אָבער איינגעקריצט זיך אין מיין געמיט האָט דער יום־טוב ווי אַלע אַנדערע יידישע יום־טובים צוליב דער וואַרעמער אַטמאָספער, אין וועלכער זיי זענען געפראַוועט געוואָרן אין מיין היים.

אַזוי זענען זיי געפראַוועט געוואָרן אין משך פון דורות, וואָס האָבן געצויגן זייערע לעבנס־זאַפטן פון אומאויסשעפלעכן קוואַל פון יידישקייט, געוואָרן צוגעבונדן מיט אַלע פעדעם פון זייער נשמה צו דער היים, צום פאָלק, מיטגעפילט זיינע ליידן און פריידן.

די אימה פון יום־הדין

ראש השנה און יום־כיפור זענען די גרויסע סימבאָלן פון יידישקייט. שוין אין די צוגרייטונגען צו די ימים נוראים האָט מען דערפילט די אימה פון יום־הדין. ביי יחידי־סגולה, ביי מיין זיידן און זיינס גלייכן האָט עס זיך אָנגעהויבן שוין פון חמשה־עשר באב. דער זיידע איז אין די טעג געבליבן לענגער אין בית־המדרש. מ׳האָט באַשיינפערלעך געזען ווי ער ווערט דורכגענומען מיט הרהורי־תשובה. דער אמתער ציטער האָט זיך אָנגעהויבן ראש חודש אלול.

דאָס שופר־בלאָזן, דאָס בציבורדיקע תהילים־זאָגן יעדן אינדערפרי האָבן אָנגעזאָגט טעג פון ערנסטן חשבון מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט און דאָס גרייטן זיך צום יום־הדין. דאָס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ נאַגנדיקן אומעט און שטילער שרעק, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיך אויך געוועקט געפילן פון ברידערלעכקייט און אַ ווילן צו טון מעשים טובים. דער קול פון שופר האָט דערמאָנט, אַז עס איז דאָ גערעכטיקייט און ס׳איז דאָ אַ ריכטער אויף דער וועלט. מענטשן זענען געוואָרן מער נזהר אין וואָרט.

ביים זיידן אין שטוב האָט מען אין יענע טעג גענומען רעדן שטילער. אויך די שמועסן אין חדר, אין גאַס און אין בית־המדרש האָבן געקלונגען איידעלער, געדעמפטער. פון זיך אַליין האָט זיך געשטאַרקט אַ שטרענגערע מאָראַלישע דיסציפּלין. געווען אַזעלכע אנשי־מעשה, וואָס האָבן פון ראש חודש אלול ביז נאָך יום־כיפור נישט גערעדט קיין שיחות־חולין.

אַלע חושים זענען געוואָרן פאַרשאַרפט. מען האָט געזען און געהערט אַנדערש ווען עס איז געקומען צו די ערשטע סליחות, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אינמיטן דער נאַכט. מיין זיידע איז גלייך נאָך דער מלווה־מלכה געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און די גאַנצע צייט ביז האַלבער נאַכט איז ער געזעסן און געלערנט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט מיך אויך נישט אָפּגעלאָזט פון אויג און כ׳האָב די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שאָקלען זיך איבער דער גמרא.

דאָך האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט אין גאַס, געקוקט ווי איבערגעוועקטע ייִנגלעך שאַרן זיך הינטער זייערע טאַטעס צום בית־המדרש, שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע. נאָך איצט, נאָך צענדליקער יאָרן, הער איך יענע שטילע גערוישן אין דער שטילקייט פון דער סליחות־נאַכט.

אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך תמיד געפירט מלחמה מיטן שלאָף און כ׳האָב געפלעגט שטאַרק מורא האָבן, כ׳זאָל חלילה נישט ״פאַרשלאָפן״ מיינע יאָרן. די יידישקייט פון מיין זיידן האָט דווקא געפאָדערט אַ וועלט מיט צייט. קודם כל לערנען און לערנען, דריי מאָל אין טאָג דאַווענען, וואַשן פאַרן עסן, בענטשן, אָפּהיטן מצוות. איז געבליבן דער אויסוועג צו באַגנבענען די נאַכט, אַראָפּרייסן צייט פון שלאָף. אַ גאַנץ יאָר איז עס מיר שווער אָנגעקומען, אָבער צו די ימים נוראים האָב איך זיך לייכט געפעדערט אויפצושטיין פרי און גיין שפּעט שלאָפן. מ׳מוז דאָך גרייטן זיך צום יום־הדין.

אַזוי ווי כ׳האָב נאָר דערהערט דאָס קול פון שמש, וואָס האָט גערופן: ״ישראל, לעבודת הבורא!״ האָב איך זיך גלייך אויפגעריסן פון געלעגער און גאָר שנעל זיך אָנגעטון.

ראש השנה איז מען נישט געווען דערדריקט. ס׳איז דאָך יום־טוב. יידן זענען געקומען אין שיל אויסצובעטן אַ גוט יאָר, פאַר זיך, פאַר דער משפחה און פאַרן גאַנצן כלל ישראל, אָבער דאָס איז פאָרט נישט געווען אַלץ. די תפילות האָבן יעדן דורכגענומען מיט חשבון הנפש און מיטן געדאַנק פון מלכות שמים. די וועלט איז נישט הפקר און מ׳דאַרף מאַכן אַ שטיקל סך־הכל פון אייגענעם וועג אין לעבן.

די דאָזיקע שטימונג איז דערגאַנגען צום העכסטן שטייגן ערב יום־כיפור. צו אָרעם איז מיין פעדער אַרויסצוברענגען

די שטימונג פון יענעם טאָג אין שטוב און אין בית־המדרש. פון פאַרטאָג אָן האָבן יידן געשטראָמט אין מקווה אַריין. אַזוי לאַנג ווי איך געדענק זענען כמעט אַלע יידן אין כעלם, גרויס און קליין, געגאַנגען ערב יום־כיפור אין מקווה אַריין. אַן אויסנאַם זענען געווען די "פרייע". דערפאַר זענען אָבער אַ סך פון זייערע טאַטעס געגאַנגען צוויי און דריי מאָל זיך טובל זיין, פאַר שחרית, פאַר מנחה און נאָך דער סעודה המפסקת.

יום כיפור איז אַ טאָג פון פאַרגעבונג, פאַרגעבן און מוחל זיין צווישן גאָט און מענטש און צווישן מענטש און מענטש. האָט דערפאַר פון באַגין אָן זיך אָנגעהויבן די סדרה פון כפרה־שלאָגן. פרומע יידן האָבן געזוכט אַ ווייסן האָן, אָבער בלית־ברירה איז אַ ברוינער אויך גוט געווען. יידן האָבן אין דעם טאָג געטיילט צדקה, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. אין שיל און אין בית־המדרש האָט מען אַוועקגעשטעלט "קערות" פאַר פאַרשידענע וווילטעטיקע צוועקן און קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט קיין נדבה.

פאַרביסענע שונאים האָבן ערב יום־כיפור זיך איבערגעבעטן, מאַמעס און באָבעס האָבן אָנגעטון טיכלעך און שאַליקעס און מען איז געגאַנגען צו נאָענטע, צו שכנים און קרובים, צו פריינד און צו צעברוגזטע, אָנווינטשן און זיך איבערבעטן, בעטן מחילה פאַר אַ שלעכט וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, פאַר דערצערנען מיט רכילות און לשון־הרע. ווייבער זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער און פון די הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן יאָמערלעכע געוויינען. קינדער האָבן זיך געטוליעט צו מאַמעס און טאַטעס, געוואָרן אָנגעשטעקט מיט יום־הדין און אַ טיפע אויפגערודערטקייט האָט געדריקט אויפן האַרצן.

עס האָט אויסגעזען ווי די וועלט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט און אין די הימלען נעמט מען זיך צום יידישן גורל, מאַכן דעם חשבון פון מצוות און עבירות, פון מסירות נפש און פאַרדינסטן, פון זכויות און גזירות. אַ גאַנצע עדה שטייט פאַר אַ מאָראַלישן עקזאַמען, לתקן עולם במלכות שדי, ביז די גאַנצע וועלט וועט ראוי ווערן צו משיחס קומען.

כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ...

דערהויבן זענען די ימים נוראים, ערנסטע גורל־טעג. דאָס לעבן פון אָנקומענדיקן יאָר ליגט אויף דער וואָגשול. פונדעסטוועגן גייען דורך די צוויי טעג ראש־השנה מיט נישט געדריקטער שטעמונג. ס׳ענדערט זיך צו יום־כיפור.

גלייך ווי שווערע וואָלקנס וואָלטן זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט, אַזוי איז די שטימונג געוואָרן אַלץ געדריקטער. צומייסטן האָט זיך די שטימונג פון יום־הדין געלייגט אויף דער באָבע שיינטשע. עפּעס געהיימנישפולס, וואָס דאַרף אין דעם טאָג געחתמעט ווערן, האָט אַרויסגעטעמט פון יעדן וואָרט, פון יעדער באַוועגונג. אַלע ווײַלע האָט זיך די טיר געעפנט און ס׳זענען אַריינגעקומען קרובים און שכנים זיך ווינטשן אַ גוט יאָר מיט אַ געוויין און אַ געיאָמער. טייל פון די קרובים און שכנים זענען אַ גאַנץ יאָר געווען ברוגז, אָבער,

ווען ס׳גייט דער יום־הדין, מ׳דאַרף אויסבעטן דאָס לעבן אויף אַ גאַנץ יאָר, מוז מען זיך איבערבעטן. די באָבע שיינטשע האָט שוין אָפּגעבענטשט די יו"כ־ליכט און דער זיידע האָט גענומען די לאַנגע געל־וואַקסענע ליכט צו גיין צו כל־נדרי. דער זיידע איז געגאַנגען פאָרויס, אָפּגערוקט פון דער באָבען און געטראָגן דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם. די באָבע מיטן גראָבן סידור איז נאָכגעגאַנגען זיינע פּיס־טריט. אויף דער גאַס איז שוין געווען יום־כיפורדיק, די הייזער און מענטשן זענען געוואָרן אַרומגעהילט מיט אימה. אויף דער גאַנצער לובלינער גאַס זענען אַלע געשעפטן געשלאָסן, קיין גוי זעט מען נישט אויף די אויגן, אַלע גייען הייליק און פאַרכטיק צו כל־נדרי. די וואָס האָבן זיך נאָך נישט געווינטשן, טוען דאָס איצט. פון ווי ווייט, פון יענער זייט שאָסיי, איבער דער גאַס, הערט מען די ווונטשן: "שיינטשע, בעט זיך אויס אַ גוט יאָר, מיט דיין זעליקן, מיט די קינדער און קינדס־קינדער מיט געזונט און פרנסה!"

אַ ים פון טרערן האָט זיך אין דעם־פאַרנאַכט געגאָסן פון יידישע אויגן.

אַזוי האָט אויסגעזען דער וועג צו כל־נדרי. באַלד האָבן איבער דער גאַנצער גאַס אָפּגעקלונגען די טענער פון כל־נדרי־ניגון. אין בית־המדרש זענען געווען אָנגעצונדן די גרויסע יאָרצייט־ליכט צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע אבות, פון די עלטערן, וואָס האָבן שוין גערוט אויפן אייביקן אָרט. דאָס בית־המדרש איז פול מיט נשמות, מיט ליכט און מיט יידן, אָנגעטוענע אין ווייסע קיטלען, איינגעהערטע אינעם מיסטישן ניגון פון כל נדרי.

מיטן ניגון פון כל נדרי זענען די יידן געשטיגן באַרג־אַרויף. צו נעילה פלעגט מען אַראָפּנידערן באַרג־אַראָפּ, אויף די פאַרגאָסענע טרערן און אָפּגעריסענע זיפצן, אין דער שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון, צוזאַמען מיט די מלאכים און שרפים, וואָס האָבן באַגלייט דעם אונטערגאַנג מיטן געוויין אין די יידנס געמיט.

די יידן האָבן זיך מודה געווען אין נישט־געשטויגענע זינד און אַזעלכע, וואָס ער באַגייט אומגערן, אַליין נישט־וויסנדיק.

ענדלעך האָט מען פאַרענדיקט מיט "לשנה הבאה בירושלים", וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלעמענס העלדזער, ווי אַ יידישער נשמה־ווולקאַן, מיט דער אייביקער משיח־זעאונג.

צו די שטאַרקסטע איינדרוקן פון מיין קינדהייט געהער די תפילה "אלה אזכרה", ווו עס ווערט פאַרכטיק איבערגעגעבן די געשיכטע פון די עשרה הרוגי מלכות. דער זיידע פלעגט מיך נעמען אונטערן טלית. דורכן בית־המדרש האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געוואַלטיק געוויש, אַזוי ווי פון פיל וואַסערן, אַ ים פון קאָכיקע יידישע טרערן און פון יעדן ווינקל שטייגן אַרויס און פלאַטערן פאַרביי די געשטאַלטן פון די הרוגי־מלכות. איך האָב דעמאָלט געטראַכט נישט בלויז וועגן די וואָס זענען פאַרפּייניקט געוואָרן דורך די רוימער, נאָר אויך וועגן די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען אין שרעקלעכע פּיין

דורך די קרייציגלער, דורך דער אינקוויזיציע, אין די גזירות און רדיפות אין משך פון הונדערטער יאָרן צווישן אַלע פעלקער, פאַרסמטע פון שנאה צו יידן.

די תורה
פון דורות פאַר דורות

אָט שטייט שוין די סוכה. בייטאָג איז דאָ שאָטנדיק און קיל. ביינאַכט פינקלען די שטערן דורכן סכך. צוליב דער ענגער צייט האָט מען אַלץ געמוזט צוגרייטן גיך. קינדער האָבן זיך פאַרנומען מיטן מאַכן די נייע סוכה, באַצירט זי מיט קאָלירטע קייטן און לאַמטערנעס, אָבער די הויפּט־הכנות האָבן זיך געפאָדערט צום אתרוג און לולב, ווער באַזונדער פאַר זיך און ווער פאַר גאַנץ קהל. דער שמש פלעגט אַרומגיין איבער די הייזער מיטן אתרוג, כדי די פרויען זאָלן בענטשן. טאַטעס האָבן געלערנט די קינדער מאַכן די ברכות, די נענועים. גאַנצע זיבן טעג זענען געוואָרן אַרויסגעריסן פון וואָכענדיקן לעבן, געוואָרן הייליקער און פריילעכער.

איצט, פונדערווייטנס קוקנדיק, זעט מען ווי אונדזערע פרומע עלטערן און אור־עלטערן האָבן געאָטעמט און געלעבט די ריינע עסענץ פון יידישן יום־טוב, וואָס טראָפּנווייז האָט ער געשפּייזט מיט חיות דעם קיום פון אַלע וואָכעדיקע טעג אַ קיילעכדיק יאָר.

די ספר־תורה איז ממש געוואָרן אַ לעבעדיק וועזן, מיט וועלכן מען האָט זיך געפרייט, געטאַנצט און געזונגען. די קינדער האָבן צוגעגרייט פּאַפּירענע פענדלעך מיט אַן עפּלע אויפן שפּיץ־פאָן. ביי מיר איז עס געווען אַ גרויס איבערלעבעניש. כ׳וואָלט באַשטאַנען נישט עסן צו דער זעט, אָבער אַ פאָן אויף שמחת־תורה האָב איך געמוזט האָבן.

דער לעצטער טאָג האָט אויף אַ ווונדערלעכן אופן פאַרענדיקט דעם קרייז פון די גרויסע יום־טובים, וואָס הייבט זיך אָן אין פרילינג מיטן יום־טוב פון באַפרייאונג און ווערט אָפּגעשלאָסן אין הארבסט מיטן יום־טוב פון דער תורה, און מערקווירדיק איז, וואָס שמחת־תורה איז ביי אונדז אין שטאָט געווען אַ באַזונדערס פאָלקסטימלעכער יום־טוב. נישט בלויז לומדים, נאָר אויך פשוטע יידן האָבן זיך אָן אַ שיעור געפרייט מיט דער תורה און האָבן מיט דער גאַנצער נשמה געזונגען: „שישו ושמחו בשמחת תורה״, ווייל תורה איז די בעסטע סחורה, און ווי אַ יום־טוב פאַרן פאָלק איז שמחת־תורה גאָר באַזונדערס פריילעך געווען פאַר קינדער. מיר זענען געווען גלייך מיט אַלע דערוואַקסענע שותפים צו דער תורה. מיר זענען געגאַנגען מיט הקפות. אפילו מיידלעך האָבן ביים אַריינגאַנג אין בית־המדרש געשטופּט זיך צו קושן די ספר־תורה, וואָס איז קיינמאָל נישט געוואָרן אַלט און יעדן שמחת־תורה האָבן מיר זיך געפרייט מיט איר, ווי זי וואָלט געווען ניי.

דער זיידע פלעגט שמחת־תורה לייענען מיט מיר דעם מדרש „פטירת משה״. דאָס איז די געשיכטע ווי אַזוי משה רבנו האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט. אין יענעם אויסערגעוויינלעכן מאָמענט האָט משה רבנו זיך דערפילט שולדיק לגבי זיינע ברידער און ער האָט געזאָגט צום פאָלק: אַ סך האָב איך אייך מצער געווען צוליב דער תורה און די מצוות, בעט איך אייך איצט, איר זאָלט מיר מוחל זיין. משה פירט דאַן ווייטער דעם וויכוח מיטן רבונו של עולם, ווייל ער וויל זיך נישט געזעגענען מיטן לעבן. ענטפערט אים גאָט: אַזוי איז דער פּלאַן פון דער וועלט. יעדער דור מיט זיינע לערנער און יעדער דור מיט זיינע פירער. עס איז געקומען די צייט, אַז דיין תלמיד יהושע זאָל פאַרנעמען דיין פּלאַץ. משה האָט דאַן געפּרוווט ווערן אַ תלמיד פון יהושע. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז דער רוח הקודש האָט זיך אָפּגעטון פון אים און איז אַוועק צו יהושען. דאַן האָט ער אויסגערופן: בעסער הונדערט טויטן איידער איין קנאה. האר פון אַלע וועלטן, ביז איצט האָב איך געוואָלט לעבן, און איצט נעם מיין נשמה (מאה מיתות ולא קנאה אחת. רבון העולמים, עד עכשיו ביקשתי חיים, ועכשיו הרי נפשי נתונה לך).

אַזוי האָב איך באַנומען די תורה אין מיינע פריע קינדעריאָרן, אַ תורה פון דורות פאַר דורות.

דורכן בייליס־פּראָצעס

געווען צייטן, ווען כ׳האָב זיך באַפרייט פון זיידנס אפּוטרופּסות און דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען מיט זיך צום דאַווענען אין סאָקאָלאָווער שטיבל. דאָרט איז די שטימונג געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי אין בית־המדרש. דאָרט האָט מען מער געלערנט ווי געדאַוונט.

פרייטיק־צונאַכטס האָט מען נאָכן אָפּדאַווענען מנחה אַוועקגעזעצט זיך לערנען, ווער אַליין און ווער מיט נאָך עמעצן אָדער אפילו זאַלבעדריט. אַזוי האָט מען געלערנט ביז קבלת־שבת. די ניגונים זענען געווען פריילעכע, האַפערדיקע.

אין זכרון איז מיר געבליבן אַ בילדל, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פונעם שטייגער אין סאָקאָלאָווער שטיבל. דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק, פאַרן מנחה־דאַווענען. ר׳ מאיר קאגאַן, פון די אָנגעזעענסטע חסידים אין סאָקאָלאָווערשטיבל, אַ בעל־מוסף, האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם „היינט״, אַ ציוניסטיש בלאַט און אָנגעהויבן לייענען. דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן שטוינונג, אָבער ביי די חסידים האָט עס גאָר אַרויסגערופן אינטערעס און דער עולם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום ר׳ מאירן, וועלכן מ׳האָט גערופן ר׳ מאיר בערישעס און אַלע האָבן אַריינגעקוקט אין דעם בלאַט מיט גרויס נייגער.

באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסער שמועס וועגן די נייעס אין דער צייטונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן בייליס־פּראָצעס. יעדער האָט צוגעגעבן פאַרשידענע מעשיות. ר׳ הערשעלע טרובאַקאָווער האָט דערציילט וועגן אַ פּאָגראָם אין אַ שטעטל און אַז די קצבים אין כעלם גרייטן זיך. ר׳ דוד זאַמאָשטשער האָט געזאָגט, אַז די פורמאַנעס גרייטן זיך. נאָך איינער, שיינט מיר, אַז דאָס איז געווען דער זייגערמאַכער

שמואל עדלשטיין, האָט דערציילט, אַז די בעלי־מלאכות האָבן ערגעצוווּ באַשטעלט אַ סך מעסערס און מיין פּאַנטאַזיע האָט זיך צעיאָגט, ווען ער האָט גענומען שילדערן די פאָרם און די לענג פון די מעסערס. אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז אַלע גרעסערע מעסערס זענען גוט און אַז מ׳דאַרף אויך אין שטיבל אָנזאַמלען אויפן בוידעם אַ סך גראָבע שטעקנס און האַלאַבליעס.

מיין מלמד, דער ווייסער מענדעלע האָט דערהערט, אַז מ׳רעדט וועגן עלילת־דם, האָט ער מיט זיין באַס־שטימע אַ געשריי־געטון: "אין אַלעם איז שולדיק דער ימח־שמוניק, דער גלח. אַלע צרות אויף יידן קומען פון קלויסטער".

לאַנג האָט זיך פאַרצויגן דער שמועס. ר׳ מאיר בערישעס האָט איבערגעחזרט שטיקער פון אַדוואָקאַט גרוזנבערגס רייד און זיי האָבן אַביסל פונאַנדערגעטריבן די בלוטיקע שאָטנס פונעם בלוט־בילבל. די כּחדים פאַר די פּאָגראָמען האָבן זיך אַ רוק געטאָן אַביסל אָן אַ זייט. די חסידים אין סאָקאָלאָווער שטיבל האָבן שטאַרק פאַרהערלעכט דעם אַדוואָקאַט גרוזנבערג און אין מיינע אויגן איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ גיבור פון די שטאָלצע חשמונאים.

גאָר שפּעט האָט מען אין יענעם פרייטיק־צונאַכטס געשטעלט זיך צו קבלת־שבת.

אין שטוב איז מען געווען אומרואיק. דער זיידע איז שוין געהאַט לאַנג געקומען פון בית־המדרש, געמאַכט קידוש און אָפּגעגעסן. ערשט די מאַמע איז געקומען צו גיין. אַ פאַרזאָרגטע, פאַרוואָס דער טאַטע איז נאָך נישטאָ. אַלע זענען דאַן אַוועק אין סאָקאָלאָווער שטיבל און דאָרט האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז שולדיק אין פאַרשפּעטיקטן מקבל שבת־זיין איז דער ביילים־פּראָצעס.

☆

מיט אַ סקרוך דערמאָן איך זיך אין די אַלע יידן, בכבודיקע חסידים און פּשוטע יידן, די פאַרהאָרעוועטע אינדערוואָכנס און דערהויבענע אין יום־טוב. ווּ זייט איר, שבת־יום־טובדיקע יידן פון מיין פאַרטיליקט כעלם און ווּ איז די התלהבותדיקע יוגנט, וואָס האָט אויף איר שטייגער אויפגענומען די שבתים און יום־טובים, די בית־המדרש־בחורים מיט תפילות און געזאַנג פון "לכה דודי" און "מה ידידות"; די יוגנטלעכע אין אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען — מיטן רעש פון דיסקוסיעס און פּאַרלעזונגען, מיט קעסטל־אָוונטן און געזאַנג פון ציון־לידער?!

ווּ זייט איר, טייערע מאַמעס, מיט אייערע בענטשנדיקע הענט?

אויפן אַש פון אייערע הענט וואַקסן נייע ביימער ערגעץ אין סאָביבאָר און בעלזשעץ, אין מיידאַנעק, טרעבלינקע און אוישוויץ.

ווּ זענען יענע חדוהדיקע שעהן פון די פרייטיק־צונאַכטסן, סדר־נעכט און שמחת־תורה׳ס, די פולקייט און עשירות פון יידישן לעבנסשטייגער אין אונדזער שטאָט פון תורה און וועלטלעכער קולטור, אונדזער היימיש־יידיש כעלם?

פאַרשווּנדן זענען די כישופדיקע פלעמלעך פון די שבתדיקע ליכט אין די שמאָלע פענצטער פון אונדזערע ענגע שטובן. אַנשטאָט זיי צינדן מיר יאָרצייט־ליכט, אזכרה־פלעמלעך נאָך אַ וואָרעם פולסירנדיק און שיין יידיש לעבן, וואָס איז געווען אַמאָל און איז מער נישטאָ.

דער נאָמען כעלעם

אין אַ רעגנדיקן טאָג זיצן עטלעכע יונגע לייט ביי אַ טישל אין רעסטאָראַן אין כעלעם. זיי שפּילן אין דאַמקע, טרינקען ביר און וואַרפן געפעפערטע אַרבעסלעך אין מויל אַריין און דערביי דערציילט מען פאַרשידענע מעשיות און וויצן. רופט זיך אָן ראובן שימעלעס:

— חברה! איר ווייסט וואָס איך וועל אייך דערציילן? אַז די וועלט זאָגט "כעלעמער נאַראָנים", זעט מיר אויס, אַז די זאַך איז טאַקע ריכטיק. אַ סימן האָט איר אין אונדז אַליין, מ׳האָבן זיך דאָ אַוועקגעזעצט קיבעצן און אַוועקגעבן דאָס געלט פאַר גאַרנישט, פאַרן ביטערן ביר און געפעפערטע אַרבעסלעך.

— נו, נו, דו געלער ראַמעניאַק — ענטפערט אים לוי יודלזאָן — מאַך זיך נאָר נישט פאַר אַזאַ גרויסן רייוויצער חכם, פאַררעד נישט די ציין און באַשטעל שוין צוויי פלעשלעך ביר, ס׳איז איצט דיין ריי.

זה קרה במהירות רבה, ואנשי הגסטפו והנהלת בית הסוהר ברחו בבהלה ובאימה באישון לילה. כשעלה השחר, נוכחנו, כי נשארנו בלי שמירה. אולם בעיר עוד היו גרמנים, והקרב והיריות החזקות טרם פסקו. עכשיו, ללא שמירה, עוד פחדנו לעזוב את המקום, ולכן החלטנו למצוא מחבוא בבונקר בית הסוהר. נשארנו שם שלושה ימים ללא אוכל וללא מים. לא ידענו, כי הצבא האדום שולט בעיר זה יומיים.

ביום שעזבנו את בית הכלא, נפטר אחד מאתנו — הכובען יחיאל שצ׳ופק. רק עם בואנו לחופש הרגשנו בטרגדיה הגדולה, בחורבן ובאבדון, שפקדו את עמנו. כל אחד מאתנו חש בבדידות הנוראה ובשואה, שעברה על העם היהודי.

על קברות אחים

גביית עדות מאת שלמה ברוסטמן

נרשם ע"י ע. וויניק

אחרי השחרור ממשטר העריצות, החליטו כמה מ·הודי חלם לגור ביחד, ולכן השתכנו באחד מבתי היהודים. הבית עמד ברחוב הדואר ומספרו 39. בית זה היה מיד למרכז יהודי הסביבה, שחזרו מגלותם. מבין היהודים, שהסתתרו אצל ה"ארים", שבו כמה בנות יהודיות: שתי האחיות באדן (לפנים היו בעלי מיכבסה), הנערה בוצ'ה — בתו של גולדשטיין, בת של אברהם ברלנד, בת אחת של לדרמן ועוד נשים אחדות. לפגישה הראשונה באו 18 יהודים חלמאים וראש העיר מר גוט צילם אותם.

היהודי הראשון שחזר מרוסיה, היה מר ביבל. הוא חי כעת בישראל. על אף התנאים הקשים והבדידות נמשכו החיים. את עזרת הנשים שבבית המדרש קבעו למקום לינה עבור היהודים הלא חלמאים.

הממשלה הפולנית החדשה פתחה בתהליכי משפטים נגד הפולנים, ששיתפו פעולה אקטיבית עם הגרמנים. אני תבעתי, בשם היהודים, לבית המשפט פולנים אחדים, שהשתלטו על נכסי דלא ניידי יהודיים וציבוריים. וכך הוחזרו לנו: "מושב הזקנים", ה"תלמוד תורה", בית החיים, בית המרחץ וכדומה.

ראש המועצה האזורית (פולני) הכיר בקבוצת היהודים כגמינה (יחידת מינהל בפולין). חברי הוועד היהודי היו:

ש. ברוסטמן, מאניס ציטרין, פונצ'ק, אלגנט, ישראל קופר, גדליה בקלצ'וך, עו"ד הירש דארפר ויוסף רולניק. אירגנו פעולות סעד, פתחנו בתי מדרשים, דאגנו שלחיילים יהודים לא יחסר אוכל ובמיוחד בימי חג וכד'. מאוחר יותר קיבלנו מהוועד היהודי המרכזי תמיכה בסך 10,000 זלוטים לחודש.

בשנת 1945, כשעורער המצב בפולין ופולנים היו מתנפלים




ביקור במקום שפעם עמד בית־הכנסת הגדול, שהנאצים שרפוה... עומדים (מימין לשמאל): פייוויל פריד, דוד גולדרייך, יעקב בעקער ועו"ד גדליה באקאלטשיק.

ברחובות העיר על יהודים, וקרה גם שירו ביהודים בעיר, עלתה המחשבה לברוח מפולין. אני עברתי לגרמניה, שהיתי שם זמן מה ובעזרת "הבריחה" (העלייה המחתרתית) הגעתי לישראל.

★

פעמיים הציתו הגרמנים את בית הכנסת בחלם. בפעם הראשונה כיבו מכבי האש את הדליקה. בפעם השנייה התפרצה אשה מחצרו של ברוך צאלס וצעקה, שבית הכנסת בוער. היא רצה להציל את ספרי התורה, אולם הגרמנים תפשוה וזרקו אותה חיים לתוך בית הכנסת.

אחר כך נאלצו היהודים לסקל את תל השרפה של בית הכנסת וליישר את המגרש, כדי שלא יישאר זכר כלשהו לבנין קדוש ועתיק יומין זה. בעובדם בפירוק האבנים, מצאו היהודים את עצמות האשה שנשרפה חיים.



הבמה ופנים בית הכנסת הגדול שנשרף כליל ע"י הנאצים

יעקב צבי שרגל, פתח־תקווה

כשחלם נפלה

בסופו של נובמבר שנת 1939.

שמש אדומה כנחושת המחממת כאם חורגת — כמו שאמרו האמהות בחלם — מביטה על העיר וקרניה בוכות.

בכיכר השוק, בטבורה של העיר, עומדת עדה של יהודים מפוחדים ומבוהלים, ומסביבם כנופיות רוצחים גרמנים, ס.א. וי־ס.ס. היהודים מזמרים זמירות. כך דורשים זאבי היטלר. השמים מתקדרים. האדמומית נעלמת. שלג יורד וחודר לתוך הצווארונים המורמים ולחורים של הנעליים. קור רטוב לוחץ על הנשימה עד כדי עלפון. מן העיניים והזקנים נוזלים טיפות של שלג נמס ודומעות.

הצבא בכובעי פלדה וחמושים היטב. הפגיונות מוצמדים לרובים ומקלעים מסביב, מקיפים את כיכר השוק ומטילים אימה ומרה שחורה.

ממול, מתוך רחובות שונים, מושיטים את ראשיהם העטו־פים בשמיכות ובעטיפות אמהות האומללים, כלות ובנות בצי־פיות אימה. פקודות נשמעות. אופנועים ומכוניות מתחילות לצפור ולהרעיש, ורעשם מתערבב בצריחות הבאות מכל צד.

מתוך בתי יהודים בוקעים את החלל יללות ובכי ילדים. מרביצים מכות, מרדיפים, יורים ונופלים. אבות, בנים ואחים מתים. ומפגן המוות ממשיך עד ליער המוביל להרובישוב ושם מתחדשות היריות.

אין חלם יותר.
אין יהודים בחלם.
אין חלם? מהי חלם?

*

כבר מזמן חלם איננה עיר אגדתית של תמימים וחכמים, הנלחמים בכלי־קודש וב״פני העיר״ בסיפורים בבדיחות. חלם, העיר שעל ההר המוקפת יערות, היא מלאת חיים יהודיים תוסס־ם, ביטוי חי למאבק על הקיום; נוער, מפלגות, בתי־ספר, קורסים, הרצאות, ספריות ותיאטרון. חלם פירושה: חסידי בלז, קוזמיר, טריסק, טומשוב, קוצק, הוסיאטין, רדזין ועוד ועוד, מפעלי תורה וחסידות, אישים מופלאים וזוהרים.

חלם היא גם פועלי־ציון שמאל, אשר אחוז חבריהם בעיריה האנטישמית הוא הגדול ביותר בכמות ובאיכות, בפעולות ומעשים.

חלם היא התבוללות שלומיאלית המתחרה בבתי־ספר של ״תרבות״ וגני־ילדים; היא עיר, בה היידיש היא עסיסית וגם לוחמת ויוצרת, בונה בנין לבית־ספר עממי ויש לה שיעורי־ערב, בית ילדים ומקהלה.

חלם פירושה: קיבוץ, החלוץ וציונות כללית עם מועדוני ספורט: הכוכב, הפועל, מכבי ואחרים; ספריה מודרנית ע״ש בורוכוב עם אלפי ספרים ביידיש ובפולנית, לנוער הלומד והעובד; ספריה גדולה ע״ש י. ל. פרץ אשר בה ספרים ביידיש, בעברית ובפולנית.

חלם של הרבה התלהבות לאידיאלים, של מעמד הבורג־נים — ועולם תחתון חשוך ועזוב, אנלפבתי.

חלם של טוב־טעם וריבוי גוונים; מוכנה להוציא יהודי הגון מתוך קהל החסידים בשטיבל, באשר בנו חדל לחבוש כובע חסידי לראשו — ובניהם של אותם החסידים, בני בקר, גולדרייך, קופר, שרגל ואחרים מארגנים את הפועלים היהודים והפולנים.

חלם, בה השתפכו מפלגות וקבוצות נוער ונעשו לזרם של ממש, והכניסו לסיים את הציר הראשון של פועלי־ציון, את ד״ר יצחק שיפר.

מרהיבת־עין היא רמתם של האמנים והשחקנים הפייטנים, המנהיגים והעסקנים המסורים לתנועותיהם ולמפלגותיהם, ובלבבותיהם מפעמת רוח האידיאליזם.

נמנה כאן אי־אלה שאנו זוכרים:

א. גולדברג — עורך ה״היינט״; לרר — מזכיר ה״ייוו״א״ בוילנה; שניאור ווסרמן — משורר, חי בארגנטינה; ישראל לווינשטיין — משורר, מתרגם ועורך ה״שריפטן״ בווארשה; הזמרת דורה דובקובסקי, השחקנית של ״התיאטרון הצעיר״ (יונג־טעאטער) בוארשה; פייבל ופנחס זיגלבוים; אחיהם הזכור לנצח, ארטור, מנהיג פועלים, דמות מרכזית ב״בונד״, חבר הסיים הפולני בגולה בלונדון, המאבד עצמו לדעת כמחאה נגד שתיקת העולם נוכח השמדת יהודי פולין; משפחת הנדל, האב — צייר והבנות — כנריות. הופעותיה של אידה הנדל עוברות בהצלחה גדולה בבירות העולם ובמיוחד בתל־אביב; הצייר המפורסם שיימי מונדשיין, אשר הממשלה הפולנית התגאתה באות ההצטיינות הבינלאומית שקיבל; האחים שמעון ויוסף מילנר, סופרים בעברית וביידיש ועסקני תרבות ועוד ועוד, אשר רק הצער והכאב גורמים להקהות את חושינו ואין ביכולתך למנות אותם כיאה להם.

הגבורים אשר הקריבו את עצמם למען דעותיהם, למען האידיאלים של צדק ושויון ונכלאו בכל בתי הכלא של פולין; רשת האיגודים המקצועיים שעמדו על משמר זכויותיהם של הפועלים היהודים והפולנים; הלוחמים לשווי זכויות היהודים, בעיריה ובמחוז; מפיצי רעיון שיבת ציון וכל אותם הכוחות הצעירים שהוסיפו את חלקם לתרבות היהודית בכל השטחים — זוהי חלם.

בחלם מופיעים בו בזמן שני שבועונים ביידיש: "פאָלקס־בלאַט" של פועלי־ציון שמאל, ו"כעלעמער־שטימע" של הציו־נים הכללים, שהופיע עד לחורבן ממש.

חוג דרמטי שהתארגן בחלם תחת הנהלתו של השחקן המחונן פייבל דרקסלר והופיע גם בערים הסמוכות, וחבריו הצטיינו באהבת־אין־קץ לאמנות הבמה.

מועדון בעלי־המלאכה, קופת גמילת חסדים, לינת הצדק וביקור חולים, הכנסת־כלה ועוד מוסדות כאלה המייצגים את הציבור כולו על כל שכבותיו ושדרותיו.

והעיר מתגאה בבית הכנסת העתיק בן מאות השנים שנבנה על חורבות כנסיה.

והנה בית־העלמין הישן של חלם.

שורה שלימה של גדולי ישראל מצאו את מנוחתם בבית־העלמין הזה. בו טמון זה מאות בשנים בעל המופת רבי אליהו בעל־השם, שהיו לו אלפים רבים של מעריצים.

...והיה בשעת צרה שתיפול על בית יעקב בקהילה הקדו־שה חלם, הם יעלו על קברו של הצדיק הקדוש, יבכו ויתפללו, ידליקו נרות על האבנים הקדושות שלמראשותו והגזירה תתבטל בעזרת השם.

הבה נעיף מבט אל חזיתו של כיכר השוק שהיתה.

כיכר השוק שהיתה — מהי?

זוהי חרפת פולין הפשיסטית. זוהי המדיניות החשוכה וה־עקובה מדם של יוזף בק, שפתחה את השערים וסוללה את הדרכים של פולין העצמאית לפרא השחור שהרס חייהם של מיליונים ובשורה הראשונה — את היהודים חסרי־המגן.

אני בעצמי לא ראיתי את כיכר השוק (יתכן כי ניתן לו שם חדש) אבל בחודש יולי 1939 כתב אלי חברי שמואל שרגל, אחד העסקנים החברתיים והפוליטיים בחלם, לאמור:

...שמעת בוודאי על האורבניזציה (שיפור העיירות ונישול היהודים מחיי המסחר), כעל כל צרה לא האמנו שתגיע שעתה, וכן היה עם גזירה זו. הגיע חג השבועות וגשם שוטף ירד. משונה הדבר: חג השבועות, אביב, וגשם שוטף. כולם יושבים בבתים כמו בסתיו. ובדיוק בחג, בזמן שטפון הגשם, מצאה ממשלתינו לנכון להעביר את האורבניזציה על שלושה בתי יהודים עניים, בסביבה הענייה ביותר. כנופיות בריונים הגיעו ברעש ובחרון, והשליכו את מטלטלי העניים מתוך דירותיהן של עשרים וארבע משפחות לתוך הגשם השוטף. אנחנו, חברי פועלי־ציון, הגבנו מיד. פרצנו את חדרי "תלמוד־תורה" ולשם הכנסנו את כל 24 המשפחות על מטלטליהן.

עכשיו רוגזים עלינו היראים והשלמים על ביטול תורה של תינוקות דבית רבן.

וסוף פסוק:

ברחוב היהודי העתיק ביותר בלב הצפיפות היהודית, עומ־דים בריונים ובידיהם כילפות ופטישים והורסים בתי יהודים בחג השבועות.

...אבל זה עוד לא הכל.

הזוכר אתה את כיכר השוק? את בנין העיריה הבנוי בסגנון של ימי הביניים? בנין גדול, ארוך ומעוגל כביצה עם גג כמצחיה וכובע. בערך 80 חנויות וכוכים של יהודים, שדלתו־תיהם מכוסות פחים. בימות החול קורעים את מלבושיך מעליך וקוראים: "אדון... נעליים בזול, מכנסיים, כותונת, כפתורים... שמרים, תפוחים, גזוז, הכל בזול".

בשבתות ובחגים, כשכל החנויות סגורות, נראה הכיכר כגבור עם בטן ענקית, אזורה באבנט ברזל. הזוכר אתה פינה זו של פרנסת יהודי חלם? לא נשאר זכר ממנה.

האורבניזציה של הפולקובניקים האנטישמיים הרסה את הבנין על שמונים חנויותיהן וכוכיו והשאירה שטח פנוי באמצע העיר.

מעל כל העיר נישא אבק מתאבק כלאחר שריפה. כל יהודי העיר מתהלכים כאבלים, נכלמים מצער ומכאב, מתביי־שים להביט איש בעיני רעהו.

מה יעשו כל המשפחות האלו? לאן יפנו? מי יעזור להן?

סידרנו איכשהו את עשרים וארבע המשפחות עד שהציבור יתפנה לעזור להן. אבל מה נעשה עם שמונים המשפחות, אשר האורבניזציה קיפחה את פרנסתן?

המכתב הזה מדבר בעד עצמו, ואין מה להוסיף עליו.

יוני, יולי, אוגוסט, ספטמבר, אוקטובר, נובמבר...

ביום חמישי, השלושים בנובמבר 1939, פקד השלטון הנאצי, שכל הגברים, מגיל חמש־עשרה עד ששים שנה, יתייצבו למחרת בשמונה וחצי בבוקר בכיכר השוק לשעבר, הנמצאת ברחוב הראשי של העיר.

הרב הזקן של קראשניצ'ין ציווה להדליק נרות שחורים:

זהו הסוף יהודים, זהו הסוף!

והסוף ידוע. אוי ואבוי לנו.



י. פיינשטוק

הסיכום הנורא

בספטמבר 1939 היו בחלם למעלה מ־18,000 יהודים, כ־60% מכלל האוכלוסיה. בחלם הופיעו שני עיתונים. בעיר היתה גימנסיה יהודית, בית ספר "תרבות", בתי מדרש ובתי תפילה, כגון: הקזמירי, הטריסקי, הלובליני, הרדזיני ואחרים. הם תפסו רחוב שלם.

ב־9 באוקטובר 1939 נכנסו הגרמנים לחלם. רדיפות היהו־דים החלו כבר בימים הראשונים. חיי היהודים היו אז הפקר. אנשי העולם התחתון המקומי ניצלו מצב זה. מלבד זאת הסתובבו אנשי הגסטפו במכוניות בחוצות העיר וביקרו בבתי היהודים העשירים והאמידים. הרבה יהודים הוכו. נשים נצטוו להתפשט ולהתעמל ערומות, והגרמנים היו בוחרים להם מחפצי הבית כל מה שמצא חן בעיניהם ומסתלקים. שבועות על גבי שבועות נמשך מצב זה, וכבר נראה לנו רגיל ומקובל.

החורף הקר והסבל הזדחלו לאיטם. במועצת העיר ישבו מהנדסים וערכו תוכנית לסגירת היהודים בגיטו. אבל היודנ־ראט ובראשם פרנקל שיחדו את מפקד הגסטפו האגר, והתוכנית נדחתה לזמן מאוחר יותר.

היהודים החלו לנוע בעיר ביתר חופשיות. המכות נפסקו, וכמו כן חדלו מתפוס יהודים לעבודה. הם נשמו קצת לרווחה, ואיכשהו השתכרו למחייתם.

לפתע — מהלומת פטיש בראש. באוגוסט 1940 הודיע היודנראט, כי על היהודים להיזהר, משום שמשהו עומד להת־רחש. היהודים הכינו מחבואים שונים, לא ישנו בבתיהם.

באחד הלילות התפזרו 4,000 אנשי ס.ס. בין האוכלוסיה היהודית. עברו מבית לבית ולקחו אתם 483 גברים (כי חלק מהם הסתתרו). במשך יומיים התערב היודנראט באופן פעיל, השתדל לתווך, ניצל את כל הפרוטקציות והצליח לשחרר 411 אנשים. 72 אנשים הוגלו למחנה בלז'ץ.

היודנראט אירגן ועדת־סעד כדי לעזור ליהודים, שגורשו למחנה. כל שבוע נסעו אחדים באופן לגלי לבלז'ץ והביאו להם דברי מזון וגם חפצים יקרים ומתנות עבור המפקחים הסדיסטים שבמחנה.

ביום הכיפורים חזרו 71 מהמגורשים הביתה. אחד מהם נפטר. עבר הקיץ. מהחזיתות שבמזרח התחילו להגיע לחלם קבוצות גרמנים פצועים וקפואים. הכובשים האכזריים החלו להתעצבן, ואנחנו הרגשנו בדבר מיד. אנשי הגסטפו התרו ביודנראט, שעל היהודים להתעסק בעבודה ולא בפוליטיקה ובאסטרטגיה. הם החלו שוב להכות ביהודים ברחובות העיר, לתפוס אותם לעבודה ולאיים עליהם בגיטו.

בדצמבר 1941 הוצאו במשך יומיים היהודים מהרחובות היפים וזרקו אותם לסימטאות צרות ומרופשות, ואסרו עליהם לעבור ברחוב הראשי. המצב הורע שוב בצורה ניכרת. פשטו גם שמועות עקשניות, כי באחד בינואר 1942 ייסגר הגיטו.

פרנקל והיודנראט אתו "הפכו עולמות", חילקו מתנות ומנעו את סגירת הגיטו. אולם הגרמנים העבירו את היהודים לסימטאות אחדות. לרשות 3—4 משפחות ניתנה דירה ומיטבח אחד.

לפתע נתקבלה ידיעה, כי יהודי לובלין יגורשו. ידיעה זו היתה בשבילנו מכה אכזרית. הבננו, שבקרוב יגיע התור שלנו. היודנראט נקט תחבורה מתוחכמת: המצאה ממש — גייס למחלקת המים של העיר 6,000 פועלים.

באפריל 1942 עמדו 5—6 אלפים יהודים, גברים ונשים, עד המותניים במים וייבשו את הביצות ואת שדות המרעה שליד חלם. בזיעת אפיים עבדו יהודי חלם, אולם לשווא. הישועה לא באה.



פּרץ בורשטין, באַלטימאָר, אַמעריקע

יאָרן פון פּיין און גבורה

געבוירן אין אַוודאַלעץ — אַ שטעטל הינטער כעלם. פיר יידישע משפּחות האָבן דאָרטן געווינט: אונדזער משפּחה און מיין טאַטנס ברודער אפרים מיט ווייב און קינדער, מיין מאַמעס ברודער ישראל נירנבערג מיט זיין משפּחה און מיין קוזין שמחה בורשטין מיט אַ פרוי מיט צוויי יינגעלעך. חיונה האָט מען געצויגן פון האַנדל — פון דאָרף אין שטאָט אַריין און צוריק.

ביז פינף, זעקס יאָר האָב איך געלערנט אין חדר, נאָכדעם — אין תלמוד תורה, אין כעלם. געוווינט ביי אַ מומע רחל, דער מאַמעס אַ שוועסטער. געגעסן "טעג". מער, ווי דער הונגער האָט מיר, אין ווינטער, דערקוטשעט די קעלט. קיין גאַנצע שיך האָב איך קיינמאָל נישט געטראָגן. דאָס גלייכן — בגדים: אַלטע, איבערגעניטשעוועטע און צעריסענע.

די פריילעכסטע צייט אין יאָר איז ביי מיר געווען ל״ג־בעומר מיט די צווייגן־ביקסלעך און שבועות מיטן אקדמות־ניגון און ס׳גיין צום טייך, אין וואַלד.

מיינע עלטערע ברידער, אברהם און מאָטל, האָבן געהאַנדלט מיט האָלץ. זיי האָבן אויך אויסגעאַרבעט קלעפּקעס. ער האָט אויך געאַרבעט ביי קאַנאַליזאַציע, זיך ספּעציאַליזירט אויף בעטאָן־אויסאַרבעטונגען. שפּעטער האָט אים דאָס דאָזיקע פאַך גוט געדינט אין די ביטערע מלחמה־יאָרן. די קאַנאַליזאַציע־אַרבעט האָט אים געראַטעוועט און מיט אים — אַ גרויסע טייל פון אונדזער פאַרצווייגטער משפּחה.

אין יאָר 1930, אַ טאָג פאַר שבועות, איז מיין טאַטע נפטר געוואָרן. מען האָט אים געפונען ליגן הינטער דער שטאָט ביי אַ ריטשקע וואַסער. אַ סברה, אַז ס׳איז אים שלעכט געוואָרן, אפשר אַ האַרץ־אַטאַק, געוואָלט זיך דערשלעפּן צו אַ וואַסער און דאָרטן ליגן געבליבן.

קובר געווען האָט מען אים אין קאַמין, אַ שטעטעלע צווישן אַוודאַלעץ און כעלם. צוליבן קדיש זאָגן נאָכן טאַטן האָט מען זיך אויף אַ געוויסער צייט איבערגעצויגן קיין קאַמין. אַ משפּחה פון פיר ברידער, אַ שוועסטער (איטע) און די מאַמע. אַ זומער מיט אַ ווינטער זענען מיר געווען אין קאַמין נאָכדעם צוריק זיך איבערגעצויגן קיין אַוודאַלעץ. דאָנערשטיק האָט מען געבאַקן ברויט, חלה און קיכלעך אויף. אַ גאַנצער וואָך. די מאַמע האָט אַזוי אונטערגעהייצט דעם אויוון, אַז ער האָט געהאַלטן היץ אַ גאַנצן פרייטיק און שבת. שבת אין דער פרי האָט מען געטרונקען הייסע קאַווע און צוגעביסן אַ קיכל. אויך פאַר אַ קרוב אָדער אַ ייד, אַ דאָרפגייער, וואָס האָט באַדאַרפט איבערנעכטיקן, איז תמיד געווען אַ געלעגער. די פאָדלאָגע פון "סאַלאָן", אַ ביסל פריש היי אָדער שטרוי, אַ קאָלדרע און ס׳איז שוין געווען ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

דער מסחר מיט קלעפּקעס און די בעטאָן־אַרבעט איז נישט שלעכט אַוועק. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אונדזער שטוב איז געוואָרן אַ גאַסט־הויז. די מאַמע האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט: ס׳איז אַ גרויסע מצווה הכנסת אורחים — האָט זי געטענהט. איך האָב נאָך באַוויזן צו גיין אין שקאָלע אויך. אַ גאַנץ יאָר בין איך געווען אַ שילער אין דער פּאָווישעכנער שקאָלע. נאָך מיטאָג, נאָך די לעקציעס־מאַכן, האָב איך געהאָלפן דעם ברודער אברהם ביי דער בעטאָן־אַרבעט. שכר־לימוד, פריער אין חדר, שפּעטער אין שקאָלע, האָב איך אַליין פאַרדינט מיט פּאַשען בהמות.

דאָס זענען געווען, קאָן מען זאָגן, מיינע בעסטע יאָרן. נאָך אַ גאַנצער וואָך אַרבעט האָט מען זיך שבת געזעצט צו אַ סערווירטן טיש מיט חלה, מיט פיש, מיט טשאָלנט. נאָכן עסן — זמירות. אברהם דער עלטסטער ברודער האָט געפירט טיש. אין די שבתים אין די נאָכמיטאָגס, איז מען געגאַנגען אין דערבייאיקן וועלדל אָדער אויף געסט צו קרובים, פריינט.

מיטן ערשטן שטערן אויפן הימל האָט די מאַמע געזאָגט "גאָט פון אברהם". ביי דריי שטערנס, מוצאי שבת — האָט די שוועסטער איטע אָנגעצונדן צוויי ליכט.

איך פלעג "אויף דער פולער וואָך" שפּאַנען פערד און וועגעלע און אַוועקפירן קיין כעלם די אויסגעאַרבעטע בעטאָנען. צוריקברענגען פון שטאָט צעמענט, אַמאָל אויך — פאָרמען. צוויי וואָגנס און צוויי פערד האָבן מיר געהאַט. צעמענט פלעג איך אויך פירן פון רייוויץ. די יאַזדעס האָבן אַמאָל געדויערט אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

די כעלמער שאָסייען, ווי באַוווסט, זענען באַרגיקע. באַרג אַרויף האָב איך נישט איין מאָל געמוזט אַראָפּ פון וואָגן און אונטערשטופּן. די דראָזשקאַרעס פון שטאָט, וואָס האָבן דאָס געזען, זענען אָפט געוואָרן מיינע אונטערשטופּער. דאָס גלייכן אין אַ בלאָטע אָדער שלאַקסרעגן, אַריין מיט אַ ראָד, נישט אַהין און נישט אַהער — האָבן מיר די דראָזשקאַרעס אַרויסגעהאָלפן.

כאָטש דער שבת איז פאַר מיר געווען אַ הייליקער טאָג, פלעגט אויך טרעפן, אַז ס׳איז מיר אויסגעקומען שבת צו זיין אינמיטן וועג. האָט עס געטראָפן אין שטאָט, און קיין כעלם זענען אָפט אַראָפּגעקומען בעלי־דרשער, אַ "מגיד" — האָב איך נישט איינמאָל געלאָזט שטיין דאָס פערד און וועגעלע

און אַוועק אין דער "גרויסער שול", וווּ דער מגיד פלעגט רעדן, און זיך צוגעהערט צו אַ יידיש וואָרט. די מאַמע האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס כ'בין אַהיימגעקומען "אַזוי שפּעט" און איך האָב תמיד אויסגעפונען עפּעס אַ תירוץ.

די בעטאָן־אַרבעט האָט געגעבן שיין פּרנסה און מיינע קוזינען פון לעסנאָוויץ, אברהם און קלמן האָבן אויך געוואָלט דערביי אַרבעטן — האָט מען געמאַכט אַ שותפות. איך, דער יינגסטער ברודער — האָב געפירט די פאָרמען קיין לעסנאָוויץ. געהאָלפן זיי באַקענען די אַרבעט און שוין פאַרבליבן דאָרט עטלעכע וואָכן.

אַמיינסטן קונים, אָפּנעמערס פון דער בעטאָן־אַרבעט זענען געווען אין כעלם. אין כעלם האָט מען אויך איינגעקויפט מאַטעריאַלן און מכשירים צו די פאָרמען. דאָס געשעפט האָט זיך פאַרגרעסערט און מען האָט צוגעבויט אַ גרויסע שאָפּע, אַ מאַגאַזין פון צעמענט־בלאָקן. דאַכוווקעס, אייזערנע טירן מחמת מורא פאַר אַ שריפה. אָבער די "זיבן גוטע יאָר" האָבן זיך גיך געענדיקט. פינצטערע וואָלקנס האָבן פאַרשטעלט דעם פּוילישן הימל. האַרבסט נײַנצן ניין און דרייסיק. אין דער לופטן האָט זיך שוין געטראָגן אַ ריח פון פּולווער. דאָס פאָרן פון דאָרף אין שטאָט אַריין און אויף צוריק איז געוואָרן אַ סכנה. צווישן פּאָפּאָלאָוויטשער און יאַנאָווער וואַלד האָבן זיך געדרייט פאַרדעכטיקט פאַרשוינען, באַנדעס איבערפאַלער, שלעגער. מען איז שוין נישט געגאַנגען מיטן שאָסיי, אלא, מיט אונטערוועגן, פעלדער און פעלד־סטעזשקעס. און אָט — אַ טיילווייזע מאָביליזאַציע פון פערד און וואָגנס. אַ סך זעלנער זעט מען אין די גאַסן. גרופּקעלעך מענטשן זאַמלען זיך. מען סודעט זיך, מען רעדט און מען דעררעדט נישט. אַלע האָבן געשפּירט דאָס דערנענטערן זיך פון דער מלחמה און קיינער האָט דאָס וואָרט פאַרן מויל נישט געבראַכט.

פרייטיק אין דער פרי, דעם צווייטן סעפּטעמבער, איז כעלם באָמבאַרדירט געוואָרן. פאַרוווּנדעטע און טויטע. מען כאַפּט אין די גאַסן, בעיקר יידן. מען שלעפּט אַלע צו דער באַן־גאַס, וואָס איז די ערשטע באָמבאַרדירט געוואָרן. מען דאַרף ראַטעווען די פאַרוווּנדעטע, לעשן די שריפות. אַ בהלה. מען פאַרלאָזט כעלם. מען אַנטלויפט אין די דערבייאיקע דערפער, צו באַקאַנטע פּויערים־שכנים. הינטער דער שטאָט, אויף די פעלדער באַהאַלט מען זיך. אַ גאַנצן פרייטיק און שבת איז מען געלאָפן, נישט וויסנדיק אַליין וווּהין. בעיקר האָט מען געזען יונגע מענטשן: איינציקע און גרופּעסווייז.

די עלטערע, ווי געוויינלעך, זענען געזעסן אין די שטובן. זיך פאַרמאַכט און געוואַרט. געמיינט, אַ טאָג, צוויי און ס'וועט זיך ענדיקן. געווען איז פּונקט פאַרקערט. אויך אַנדערע שטעט זענען, באָמבאַרדירט געוואָרן. די מלחמה איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט. מיט יעדן טאָג איז די לאַגע ערגער געוואָרן. דער פּחד האָט, ווי אַ רייף אַרומגענומען די צוזאַמענגעלאָפענע יידן. איינער האָט געקוקט דעם אַנדערן אין די אויגן און קיין טרייסט איז נישט געווען.

— אויך פון לובלין, פון וואַרשע, זענען געקומען יידן. קודם — די כעלמער, וואָס זענען געווען אין דער פרעמד. נאָך דעם — אויך נייע, בעזשענצעס. אַלץ איז געלאָפן אויף מזרח צו דער רוסישער גרענעץ. אַ סך האָבן געצויגן צו דער רומענישער גרענעץ. דאָרטן, האָט מען געזאָגט, איז נאָך דערווייל שטיל.

ראש השנה, יום־כיפור האָט מען אָנגעהויבן דערפילן די מפּלה פון פּוילישן מיליטער. גאַנצע אַרמייען און רעשטלעך פון צעקלאַפּטע פּאָלקן, מיט און אָן טראַפּעען, האָבן זיך אין גרויס איילעניש געלאָזט צו דער רומענישער גרענעץ. צו די צוויי וואָכן האָבן זיך אין כעלם באַוויזן די רוסן.

אַ דאָפּלט געפיל האָט אַלעמען אַרומגענומען. מען האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז גוט צי שלעכט פאַר יידן. ליב געהאַט האָט מען זיי נישט. אָבער בעסער פון די היטלעריסטן וועלן זיי זיכער זיין. דערווייל פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען, אַז דער נייער "משיח", ס'רוסישע מיליטער, גרייט זיך פאַרלאָזן די אָפּגענומענע שטעט, די "באַפרייטע" מזרח־און מערב־געביטן. דערווייל האָט מען אויסגעליידיקט די געוועלבער, די געשעפטן פון מאַניפאַקטור, זייגערס, אפילו מעבל־שטיק, שוין אָפּגערעדט פון עסנוואַרג און פלעשער בראַנפן. לאַסט־אויטאָס מיט "וויעשטשעס" האָבן אין איילעניש זיך אָפּגעטראָגן צו דער גרענעץ, צום בוג.

די סאָוויעטן פאַרלאָזן כעלם. דער בוג איז די גרענעץ. אַ סך האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער רוסישער גרענעץ.

אויפן וועג, דורך די דערפער, האָבן זיך שוין די פּויערים גענומען טשעפּען צו יידן. מיין פעטער אברהם־לייב מיט דער מומע רחל מיט צוויי קינדער — זענען אַוועק אין וואַלד. ביינאַכט איז מען אַהיימגעקומען אויף איבערשלאָפן. אַזוי האָבן געטאָן אַ סך יידן, אָבער דער עיקר — יונגע מענטשן.

דער הויפּט שאָסיי איז געווען פול מיט מיליטער — דערווייל נאָך פּויליש מיליטער — אָפּגעריסענע פון זייערע פּאָלקן, און ציווילע מענטשן.

די סכנה פון איבערפאַלן ווערן, רויב און מאָרד, איז געווען זייער אַ גרויסע. די הפקרות האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און אויף וועמעס קאָפּ גייט עס אויס — צום ייד.

פון קראַסנאָסטאַוו איז געקומען צולויפן מיין עלטסטער ברודער מיט זיין משפּחה, אַ ווייב מיט פיר קינדער. מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט אין וועג אַריין: דוד, אברהם, מאָטל, אַרטשי, דער יינגסטער ברודער, און צוויי קוזינען: געצל און בנימין. אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט פון די שטוב־בעבעכעס, ס'קליינוואַרג און די ווייבער. די מענער זענען אוועק צופוס. אַזוי האָט מען זיך דערשלעפּט ביזן בוג. אַ טאָג מיט אַ נאַכט אין רעגן, ווינטן, איבער בלאָטיקע וועגן. נישט דערשלאָפן, נישט דערעסן — איז מען פון "בוג" אַריבער אויף "יענער זייט". מיר זענען אין לובאָמיל (ליבעוונע). ערשט אויף יענער זייט איז די לאַגע נישט קיין סך בעסער. נישטאָ קיין אָרט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אינדרויסן איז קאַלט, און די ענגשאַפט איז גרויס. פון אַלע שטעט און שטעטלעך איז מען געלאָפן אויף דער רוסישער זייט. די שטעטלעך האָבן אַזויפיל נישט געקענט אויפנעמען.

מען האָט אויך מורא געהאַט, אַז די גרענעץ וועט פאַרמאַכט ווערן און מען וועט נישט קענען צוריקפאָרן — האָט מען אויסגעדרייט דעם וואָגן און אויפן דריטן טאָג זענען מיר אַלע צוריק אין דער היים.

אין דער "היים" האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע צרות. די היטלעריסטן זענען שוין געווען די באַלעבאַטים פון שטאָט.

ס'איז גראָד אויסגעפאַלן שבת. מיר זענען אַוועק אין שול אַריין דאַווענען. באַלד נאָך שחרית האָבן זיך אין שול באַוויזן זעקס, צי אַכט פאָלקס־דייטשן און עטלעכע קריסטן. אַלע מיט האַקן־קרייצן אויף די אָרעמס און מיט ביקסן. מיט געשרייען אָנגעהויבן יאָגן און שלאָגן, אַלע מתפללים אַרויסגעטריבן אויפן הויף. אַראָפּגעריסן פון אַלע די טליתים, באַפוילן אַרויסנעמען פון אינעווייניק די סידורים און די תשמישי־קדושה, אָנגעוואָרפן אַלץ אין אַ קופּע. איינער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם אַ שלעפּ אַרויס געטאָן אינמיטן הויף, געהייסן מאַכן אַ פייער און פאַר אונדזערע אויגן האָט אַלץ גענומען ברענען: שבת אין דער פרי, נאָך שחרית איז די שול אָפּגעגאַנגען אין פייער און אין רויך.

דעם זעלבן שבת איז די באַנדע פאַרפאָרן צו עטלעכע רייכע, באַלעבאַטישע שטובן: אַלץ, וואָס איז געווען, די טייערע חפצים, בגדים און עסנוואַרג, געהייסן לייגן אויף וועגענער, וואָס זיי האָבן צו דעם צוועק צוגעגרייט און אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט. דאָרטן האָט מען זיך צעטיילט מיטן רויב.

אין גאַס האָט מען געשלאָגן יעדן ייד, וואָס מען האָט געטראָפן. איז איינער געווען שענער אָנגעטאָן, האָט מען אים געשלאָגן, ווייל ער איז אַ רייכער, אַ "טשעמבערליין": איז איינער אָנגעטאָן אין אָרעמע קליידער — איז ער אַ קאָמוניסט.

דעם גאַנצן חדש נאָוועמבער איז מען טאָג־טעגלעך באַפאַלן יידן, אויסגעטאָן זיי נאַקעט, מענער און פרויען, אויסגעליידיקט די קעשענעס, געלט, גאָלד, זייגערלעך, אַלץ צוגענומען, באַפוילן אויף שנעל זיך אָנטאָן און אונטער קלעפּ געהייסן לויפן.

*

וועגן "מאַרש" פון פרייטיק אויף שבת, פיר און צוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד, האָבן אַוודאי אייניקע שוין געשריבן. מען קען אָבער דעם טויטן־מאַרש נישט פאַרבייגיין און נישט דערמאָנען, וואָס פאַר אַ שינוי יענער בלוטיקער וועג האָט גורם געווען אין אַזוי גערופענעם "נאָרמאַלן" לעבן פון די געבליבענע יידן אין כעלם, באַזונדערס אין אונדזער משפחה. דער פאָטער אברהם־לייב איז אין יענעם מאַרש געפאַלן. אויך זיין פרוי רחל מיט צוויי קינדער זענען מיטן ערשטן טראַנספּאָרט אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט און נישט צוריקגעקומען. דער ברודער אברהם איז געווען צווישן די געיאָגטע און אים איז געלונגען אַרויסצוכאַפּן זיך פון די טויטן־רייען און אויסבאַהאַלטן זיך אין דאָרף סיראַפּין. נאָכן טרויעריקן סך־הכל, עטלעכע טעג נאָכן מאַרש, האָט די מאַמע פאָרגעשלאָגן: "קינדערלאַך, ראַטעוועט זיך ווי אַזוי איר קענט".

אַזוי איז געווען. די מאַמע און ביידע שוועסטער מיינע זענען געבליבן אין דער היים. אברהם, מאָטל און אַרטשי זענען מיט היינטערוועגן, יעדער איינער באַזונדער, אין אַן אַנדער דאָרף אַוועק. איך האָב זיך אָנגעטאָן אין דאָרפישע מלבושים, אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק. אַ נישט־ראַזירטער בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסט, קשיזשעווסקי, אַ פאַרמער אין קאָשיץ.

יעדער איינער פון אונדז האָט זיך אַזוי געוואַלגערט, אויסבאַהאַלטן אין לעכער, נאָרעס, סטאָדאָלעס און אין שטאַלן עטלעכע טעג, אַמאָל מיטן וויסן פון פויער, אַמאָל — אָן זיין וויסן און איינגעזען, אַז ס'איז אוממעגלעך און צוועקלאָז אַזוי צו לעבן. מען איז צוריק אַהיימגעקומען. אין שטוב האָבן מיר געטראָפן אונדזער פעטער ישראל מיט זיינע זעקס קינדער. מען באַראַט זיך ווידער וואָס צו טאָן, ווייל אויך די היים איז קיין היים נישט, און דאָס לעבן איז איינגעשטעלט.

ווידער גרענעץ. מען לויפט, מען שמוגלט, מען רייסט זיך צו דער גרענעץ, אָבער דאָס שמוגלען איז געוואָרן אוממעגלעך. מען כאַפּט. מען שיקט צוריק און ביי די היטלעריסטן איז נישטאָ קיין אָפּבעטן זיך. דער פּסק איז אויפן אָרט — טויט־קלעפּ, אָדער טויט.

האָט מען זיך דערוויייל געפּרוּווט ראַטעווען, ווי פריער. אַוועק אין די דערפער, יעדע נאַכט אויף אַן אַנדער פלאַץ. איינמאָל האָט געטראָפן, איך מיט אברהמען האָבן געגנעכטיקט הינטער דער שטאָט ביי אַ יידישער פרוי. געשלאָפן אין אָנטאָן, אויפן האַרטן דיל און מיט גרויס שרעק געקוקט אין פענצטער אַריין. און פּלוצים — מען קלאַפּט אין דער טיר. איין קלאַפּ, נאָך איינער. איטלעכס מאָל שטאַרקער. ס'איז נישט געווען קיין ברירה. מען האָט געעפנט די טיר און עס זענען אַריין דריי פּאָליציסטן מיט ווילדע געשרייען און אויסגעשטרעקטע ביקסן. באָרוועסע האָבן זיי אונדז אַרויסגעטריבן. אין דרויסן האָבן זיי אונדז געהייסן אויסטאָן און דערנאָך האָבן מיר גענומען לויפן. אַ פינצטערע נאַכט, אַ פראָסטיקע. מיר זענען נאַקעט און באָרוועס און מען לויפט אין איין אָטעם. שאָסן און קוילן איבער אונדז, הינטער אונדז, אָבער נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן, נישטאָ קיין צייט צי פילן צי זענען מיר פאַרוווּנדעט. אַזוי־אָ זענען מיר אָפּגעלאָפן עטלעכע קילאָמעטער אין דער ווייטער, טיפער נאַכט אַריין.

אונדזער מזל איז געווען, וואָס זיי זענען אונדז נישט נאָכגעלאָפן. אַ פּנים מורא געהאַט מיינענדיק, אַז אויסער דער שטאָט זענען פאַראַן נאָך יידן, אפשר אויך מיט געווער. מערקווירדיק, דער אינסטינקט האָט אונדז, קאָנטיק, געפירט נישט ווייט פון אָרט, ווו דער ברודער מאָטל האָט גענעכטיקט ביי אַ באַקאַנטן קריסט. מיר קלאַפּן אָן אין טיר. ער עפנט און לאָזט אונדז אַריין.

לאַנג אויפהאַלטן זיך ביי אים האָט מען אויך נישט געקענט. ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַביסל שמאַטעס. יעדער האָט גע־

כאַפּט אויף זיך, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אויך אַביסל עסן אויפן וועג און אין דער פרי זענען מיר אַרויס, ווי מען זאָגט, מיט דער נשמה אין דער האַנט.

עטלעכע וואָכן האָבן מיר זיך אַזוי געפּייניקט. אַריבערגיין דעם בוג איז שוין געווען אוממעגלעך, האָט מען בלית־ברירה רעזיגנירט פון דער וולוטשענגע. מען איז געבליבן אין שטוב. וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע יידן, וועט זיין מיט אונדז — האָט געזאָגט די מאַמע. דערווייל האָט זיך דאָס מ׳שטיינסגעזאָגטע לעבן איינגעשטעלט. עס האָט זיך אין כעלם געשאַפן אַ יידן־ראַט. מען האָט באַפוילן אַלע יידן, קינדער פון צוועלף יאָר אָן, דאַרפן טראָגן געלע לאַטעס מיט אַ בלאָען מגן־דוד.

עס איז מיר שטאַרק פאַרגאַנגען צום האַרץ דאָס מאַכן און טראָגן די געלע לאַטע. אָבער די מאַמע האָט געטרייסט: ״קינדער, מיר וועלן נאָך טראָגן אַזעלכע לענטעס מיט מגן־דוד׳ס אין פרייד און אין נחת״.

ווי אַזוי אַ דערשלאָגענע יידישע מאַמע האָט דעמאָלט געקענט זאָגן אַזעלכע ווערטער, איז פאַר מיר ביז היינט צו טאָג אַ רעטעניש. אויך יידישע פּאָליציי האָט זיך באַוויזן. דער יודן־ראַט (ביי אונדז האָט מען געזאָגט: יידישער קאָמי־טעט) האָט באַדאַרפט צושטעלן יידישע אַרבעטער אויף יעדער פאָדערונג פון דער דייטשישער מאַכט. עס זענען אַרויס־געגעבן געוואָרן אַרבעטס־שיינען. יעדער האָט זיך געוואָלט באַזאָרגן מיט אַזאַ אַרבעטס־שיין. אַ סך האָבן זיך אַרויס־געהאָלפן מיט געלט, מיט טייערע חפצים. אויך דאָ האָט מען געזען, ווי שלעכט ס׳איז דעם אָרעמאַן. ער איז תמיד געווען דער ערשטער קרבן. דייטשן, פּאָליאַקן, אוקראַאינער, וואָס זענען אין כעלם און אומגעגנט געווען לרוב, האָבן נישט אויפגעהערט ראַבירן יידיש פאַרמעגן. שלאָגן און אויספּרעסן קאָנטריבוציע. אויך די געסטאַפּאָ, האָט נישט אויפגעהערט דראָען מיט טויט פאַר נישט צושטעלן די געפאָדערטע סומעס געלט, טייערע חפצים, מלבושים, וואָס זענען נאָך צו יענער צייט געווען אין יידישע הייזער. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז עטלעכע געסטאַפּאָווצעס זענען פאַרפאָרן צו אַ פאַרמעגלעכן ייד אין שטוב אַריין, אַרויסגענומען אַלץ, וואָס איז זיי נאָר געפעלן און מיט אַ ציניש שמייכעלע געפרעגט, צי מען שענקט זיי דאָס...

די יידן האָבן ״געשענקט״ און אַוועקגעגעבן פון זיך דאָס לעצטע, אַבי זיך אויסקויפן פון זייערע בלוטיקע הענט. שטיל, אין האַרץ, האָט יעדער געטאָן תפילה פאַרן חסד פון געשענקט לעבן.

סוף זומער ניינצן פערציק בין איך געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט צו אַ פאָלקס־דייטש אויף אַ פאַרם. מאָטל האָט געאַר־בעט, ווי אַ קערער, רייניקער ביי דער זשאַנדאַרמעריע. אברהמען, אַ גוטער בעטאָן־אַרבעטער, איז געלונגען זיך פאַר־בינדן מיטן עלטסטן בוי־אינזשינער, פייכעל, וואָס האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין בעטאָן־אויסאַרבעטונגען.

מיט דער צייט האָט אברהם אויסגעפּועלט ביי פייכלען, מען זאָל צונעמען נאָך מענטשן צו דער אַרבעט. מען האָט מיך אַרויסגענומען פון פאַרם און כ׳בין געוואָרן אברהמס געהילף. צו אונדז האָט מען אויך צוגעשריבן אַנדערע יידן, צווישן זיי דעם פעטער ישראל.

אין טאַרנאָוו, נישט ווייט פון כעלם, האָט מען אויך אויפ־געשטעלט אַן אַרבעטס־לאַגער פון צוויי אָפּטיילונגען. אין איין אָפּטיילונג זענען געווען אַרום דריי הונדערט יידן. אין דער צווייטער — בערך צוויי הונדערט. יידן פון וולאָדאַווע, סאַווין, רייוויץ און פון די אַרומיקע דערפער. ביידע לאַגערן האָבן באַדאַרפט באַדינען די ״וואַסערווירטשאַפט״. מען האָט געאַרבעט ביים רייניקן און ברייטער מאַכן דעם טייך. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און מסוכנדיקע צוליבן שטיין כמעט באַרוועס אין וואַסער. דאָס עסן — מאָגער און ווייניק. דערצו האָבן די היטער, יונגע פאָלקס־דייטשן, אוקראַאינער, נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ.

אויך אין די שטעטלעך גריכאָוו, ווילקי, בעלזשעץ, זאַמאָשטש האָט מען אויפגעשטעלט לאַגערן. מען האָט געגעבן באַשעפ־טיקונג און דאָס האָט די ערשטע צייט פאַרבלענדט די אויגן פון די געשלאָגענע או דערשלאָגענע יידן. מען האָט געמיינט, אַז מיט דעם וועט מען אָפּקומען און אַזוי ״איבערלעבן דעם דייטש״. מיין מאַמע פלעגט תמיד טרייסטן און זאָגן: ״צרות נעכטיקן איבער ווערן זיי קלענער״.

דער ערגסטער לאַגער איז געווען אין בעלזשעץ. מען האָט דאָרט טאָג־טעגלעך געפּייניקט יידן, נישט געגעבן קיין עסן, נישט געווען די מינימאַלסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען. אַ סך קרבנות האָט דאָס שטעטל געגעבן. די ליידן פון יענע יידן זענען געווען אין לשער. דער לאַגער בעלזשעץ האָט אָנגע־וואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען.

אין אונדזער לאַגער זענען געווען אַ סך פון קראַסנאָסטאַוו, ווו מיין עלטסטער ברודער דוד, אַ בעל־משפחה, האָט געווינט. דאָרטן פלעגן די דייטשן אָפּטאָן שפּיצלעך. אַראָפּכאַפּן ס׳היטל פון אַ ייד און עס אַ וואָרף טאָן. דער ייד איז געלאָפן כאַפּן דאָס היטל — האָט מען אין אים געשאָסן. אברהם האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַ סך דרייסטקייט, ריזיקירט און זיך געוואָנדן צום בוי־אינזשינער פייכעל, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ דער־לויבעניש אַראָפּצובריינגען אַהער דודן, ווייל ער איז אַ גוטער פאַכמאַן. פייכעל האָט אַזוי גיך נישט געגעבן קיין ענטפער. דוד איז דערווייל קראַנק געוואָרן. האָט מען זיך געצהט מיט יידן־ראַט. איינער פון יידן־ראַט, אַ געוויסער נירנבערג, האָט אין בעלזשעצער לאַגער געהאַט צוויי זין. נאָך שווערע מי און מאַטערניש מיט די כסדרדיקע אינטערווענצן — עס איז אויך געווען אַ גרויס איינשטעלעניש — האָט מען געפּועלט אויסטוישן אַ מענטש פאַר אַ מענטש.

אויף מיר איז געפאַלן דער גורל אויסגעטוישט צו ווערן. איך דאַרף גיין קיין קראַסנאָסטאַוו. פון דאָרט וועט דער יידן־ראַט מיך נעמען קיין בעלזשעץ און מיך אויסטוישן אויף דודן, וואָס האָט אין לאַגער באַדאַרפט איבערלאָזן זיין פרוי מיט די פיר קינדער. איך האָב געוווסט, אַז כ׳שטעל דערמיט

איין מיין לעבן. איך האָב אָבער געהאָפט אַזוי אַרום ראַטעווען דאָס לעבן פון אַן עלטערן ברודער.

דער אָפּמאַך איז אַ געהיימער און איך דאַרף אַדורכגיין אַ סך געפאַרן. איך האָב באַדאַרפט גיין צופוס פון אַוודאַלעץ קיין קראַסנאָסטאַוו — העכער פופציק קילאָמעטער. איך בין אַרויס אין וועג. פאַרקאַטשעט די אַרבל פון העמד אַזוי, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען די געלע לאַטע. אַ ייד מיט אַ געלער לאַטע האָט נישט געטאָרט פאַרלאָזן דעם תחום. אַזעלכע "שפּאַצירן" האָבן זיך תמיד געענדיקט מיט קלעפּ אָדער מיט טויט.

דער טויש איז לסוף נישט געמאַכט געוואָרן. דודס שווער, אַ פרומער ייד, אַ ירא־שמים, האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט טוישן אַ מענטש פאַר אַ מענטש. לויט דער תורה איז פאַרבאָטן פון אייגענעם ווילן צו באַשטימען דעם גורל פון אַ מענטש, בפרט אין אַזאַ צייט.

איך בין צוריקגעגאַנגען מיט גאָרנישט. אויך דער צוריקגאַנג איז געווען מיט גרויס איינשטעלעניש. אברהם איז דערווייל געשיקט געוואָרן אויף עטלעכע טעג פון בוי־אינזשינער קיין קראַסנאָסטאַוו בשייכות מיט דער בעטאָן־אַרבעט. ער האָט געזען דוד'ס לאַגע, ער איז געווען שטאַרק צעשלאָגן. ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז און ריזיקע אַרויסראַטעווען פון דאָרטן דודן. ער האָט זיך געזען מיטן שווער און באַטראַכטנדיק זיין מצב, האָט ער געצוווּנגען דעם שווער, וואָס האָט געהאַט אַ וואָרט אין יידן־ראַט, ער זאָל זיך וואָס גיכער ווענדן צום יידן־ראַט, סטאַרען זיך אַרויסשיקן אים פון לאַגער אין שפּיטאָל אַריין קיין לובלין.

מען האָט אים טאַקע געשיקט אין שפּיטאָל אַריין, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט זיך אין שפּיטאָל געמאַטערט עטלעכע וואָכן און אויסגעהויכט די נשמה.

✶

ווינטער נייַנצן איין און פערציק. די לאַגע ווערט ערגער. אברהם האָט ווידער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און אַזוי געמאַכט, אַז פייכעל זאָל מסכים זיין אונדז אַלע צונעמען צו דער אַרבעט.

די דייטשיש־רוסישע מלחמה איז געווען אין פולן ברען. דער שאָסיי כעלם—הרוביעשאָוו איז געוואָרן אַ הויפּט־שאָסיי, מיט וועלכן ס'זענען אָנגעקומען — מיט לאַסט־אויטאָס און צופוס — הונדערטער, טויזנטער רוסישע געפאַנגענע. די דייטשן זענען זיך באַגאַנגען מיט זיי אַזוי, ווי מיט די יידן — געשלאָגן, געפּייניקט, אויסגעהונגערט. זיי פלעגן אָנלייגן אַ וואָגן קלעצער, ברעטער און איינשפּאַנען צוואַנציק, דרייסיק פלעניקעס. זיי האָבן געשלעפּט און געפאַלן אין וועג. געלאָזט ליגן די געפאַלענע, פאַרוווּנדעטע און אונטער קלעפּ ווייטער געשלעפּט.

עס איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס האָבן ערד, לאַנדווירשאַפט, דאַרפן אַלץ איבערגעבן דער ווערמכט. מיר האָבן געהאַט אַכצן מאָרג פעלד. פאַר דער מלחמה האָט אַן אוקראַינער מיטן נאָמען דיאַק באַאַרבעט די פעלדער. ער איז געווען און געבליבן אַן ערלעכער מענטש. איז מען אַוועק צו אים און אים איבערגעגעבן די גאַנצע ווירטשאַפט.

צו יענער צייט האָט מען געקענט טרעפן אַ סך רוסישע פּלעניקעס בלאָנקען אויף די פעלדער. זיי פלעגן זיך אין די נעכט אַריינגנבהנען אין געטאָ און קלאַפּן אין די פענצטער, בעטן עסן. נישט ווייניק איז אויך געלונגען אַנטלויפן אין די וועלדער. אוקראַינער האָבן דערניוכעט אַז רוסישע געפאַנגענע דרייען זיך אין דער געגנט און בעטן עסן, אַ טרונק. זיי האָבן געוואָלט דערגיין ווער פון די יידן העלפט זיי, האָבן זיך אוקראַינער פאַרשטעלט פאַר פּלעניקעס, מיט עטלעכע רוסישע ווערטער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו דעם צוועק, האָבן זיי זיך באַוויזן אין צעריסענע קליידער ביי די יידישע פענצטער, טירן. שווער געווען אונטערשיידן ווער ס'איז אַ ריכטיקער געפאַנגענער און ווער נישט. אַזוי אַרום זענען אַ סך יידן געפאַלן אַ קרבן. מען האָט גענומען דאָס שטיקל ברויט אָדער טרונק וואַסער און גלייך אויף אַ ברוטאַלן אופן באַפאַלן די יידן. זיי אַרויסגעיאָגט פון די שטובן, געשלאָגן, אַרויפגעטריבן אויף לאַסטאויטאָס און זיי אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט און אויסגעשאָסן.

זיי האָבן דערמיט אויך ליקווידירט די רוסישע גייער איבער די שטובן.

שווערע פרעסט האָבן זיך געשטעלט דעם ווינטער. הויךאָנגעשיטער שניי אויף די וועגן. דער סאָלטיס שיקט יידן רייניקן דעם שניי. מען איז נישט ווי געהעריק אָנגעטאָן. דאָס עסן איז מאָגער און ווייניק. פאַרקילט מען זיך גרינג. קראַנקהייטן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די שטובן. זיי לייגן אַוועק אַ סך עלטערע מענטשן און קינדער. קיין דאָקטוירים, קיין מעדיקאַמענטן זענען נישטאָ. קראַנקע נעמט מען אַרויס פון די שטובן און מען — ליקווידירט...

מיר זענען געווען נייַנצן נפשות אין צוויי שטובן. (שוועסטער, ברידער, שוואָגערס און קינדער, קוזינען מיט זייערע משפּחות). פאַר דער מלחמה האָט אונדזער משפּחה מיט די קרובים געציילט העכער פופציק מענטשן. האָט געטראָפן, אַז אַכט פון דער משפּחה זענען מיט אַמאָל קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אַלע ליגן אין גרויסער היץ. איך בין געווען דער "גיבור", אַוועק צום סאָלטוס און געבעטן הילף. ער האָט געשיקט דעם פּאָוויאַטאָווע דאָקטאָר, וואָס האָט געוווינט אין אין דאָראָהוסק און איז געקומען מיטן סאָלטיס, האָט יעדערן באַטראַכט, געהייסן לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן און עסן בלויז מילכיקס. ווו נעמט מען ?

איך האָב זיי ביידע אַרויסבאַגלייט פון שטוב, געפרעגט דעם סאָלטיס, ווי אַזוי ס'זעט אויס די לאַגע מיט איינשאַפן זיך אַביסל מילך. דערווייל האָב איך געהערט ווי דער דאָקטאָר זאָגט צום סאָלטוס, אַז מען דאַרף אַרומלייגן די שטוב מיט שטרוי און פאַרברענען.

אברהם, בטבע אַ שטאַרקער מענטש, איז גראָד געווען דער שוועך־געטראָפענער פון פלעקן־טיפוס. עטלעכע טעג האָט ער געראַרעדט פון היץ. איך בין געווען זייער איבערגעשראָקן, ווייל ער איז אָנגעגאַנגען ביים בוי־אינזשינער פאַר אַ גוטן

אַרבעטער. פאַר אונדז איז ער געווען אויך דער גרויסער אויפטוער און געוואַגטער מענטש.

פופצן, זעכצן טעג האָט אָנגעהאַלטן דער טיפוס. אָפּגע־שוואַכטע, הונגעריקע — מיט וואָס דאָס האַרץ צו דערכאַפּן איז נישט געווען — האָט מען ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך שטעלן אויף די פיס.

די בעטאָן־אַרבעט האָט זיך געענדיקט. אויסערן געטאָ טאָר זיך קיין ייִד נישט געפינען. דער ייִדן־ראַט אין כעלמער געטאָ ווערט שטרענגער. מען צעשיקט ייִדן אין פאַרשיידענע לאַגערן. דאָס איז נישט קיין גוטער סימן. וואָס טוט מען?

אברהם האָט זיך ווידער געוואָנדן צום אינזשינער. דער אינזשינער האָט שוין פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט און ער האָט ווידער געטאָן אַ גרויסע טובה. ער האָט צוגעטיילט אַ נייע אַרבעט: ברוקירן דעם ציגלוועג, וואָס פירט פון כעלם קיין הרוביעשאָוו. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ ברוקירטער שאָסיי פון רויטע ציגעלעך און מען האָט אים אויף אייניקע ערטער באַדאַרפט ריכטן, אויסלאַדעווען. דאָס איז דער שאָסיי פון טויטן־מאַרש, וואָס איז אויך רויט פון בלוט. אויף דעם שאָסיי האָבן מיר פיר ברידער: אברהם, מאָטל, אַרטשי און איך, געהאַט פון פיר ביז פינף חדשים אַרבעט. די אַרבעט איז כמעט אַ האַלב־אומלעגאַלע, ווייל אויסערן געטאָ האָט זיך קיין ייִד נישט געטאָרט ווייזן. די פאַרבייגייענדיקע דייטשע מערדער און זייערע פּוילישע און אוקראַאינישע מיטהעלפער האָבן גלייך געשאָסן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר זייערע אויגן.

אויך פון די אַרומיקע לאַגערן האָט מען אָנגעהויבן איבער־פירן און אַרויסשיקן ייִדן קיין טרעבלינקע און סאָביבאָר. האָט מען נאָך אַ טאָג אַרבעט מורא געהאַט צו שלאָפן אין שטוב. פון דעסטוועגן איז די אַרבעט געווען פאַר אונדז אַ גרויסע דערלייכטערונג.

דער גוטער קריסט, דער אינזשיניער, האָט אויך געשאַפן אַרבעט פאַר דער מאַמען, דער שוועסטער איטע און נעכע די שוועגערין מיט די קינדער. ער־האָט זיי געשיקט אין אַ גרויסן פאָלוואַרק. אייגנטלעך זענען זיי אַהין געשיקט געוואָרן אויף אויסבאַהאַלטן זיך מיטן אויסרייד צוצוהעלפן דעם פויער אין זיין באַלעבאַטישקייט.

מיר האָבן געאַרבעט אויפן שאָסיי נאָענט פון דער דירעקציע.

עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט פאָרקומען אַ גרויסע אַקציע. די קלאַנגען האָבן זיך באַשטעטיקט. דריי טעג פאַר שבועות האָט זיך די אַקציע אָנגעהויבן און געדויערט ביז איבער יום־טוב. דער קריסט, ווו די מאַמע מיט דער שוועסטער, שוועגערין און די קינדער זענען געווען, האָט זיך דערשראָקן און זיי אַלע אַהיימגעשיקט. מען האָט זיי אויפן וועג אַלע געכאַפּט און פאַרשיקט מיט די אומגליקלעכע קיין סאָביבאָר. די מאַמע האָט מיט אַ נס זיך אויסגעדרייט. ס'איז איר געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן. צוריק געקומען אַ לעבעדיקע נאָך דער אַקציע, וואָס האָט כעלם געקאָסט אַ סך קרבנות.

בשעת דער אַקציע זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם ביי אַ באַקאַנטן פויער. אַז עס איז שטילער געוואָרן איז מען אַרויס אויפן שאָסיי אַרבעטן. די מאַמע איז געווען מיט אונדז.

פון מאָל צו מאָל איז געוואָרן ווייניקער ייִדן אין כעלם. אויך די געבליבענע האָבן, ווי מען זאָגט, געהאַלטן דאָס לעבן אין די הענט. אַ הונט אויף דער גאַס האָט זיך געפילט פרייער, ווי אַ ייִד — סיי ביינאַכט, סיי בייטאָג.

צוויי וויאָרסט פון אונדז אין קאַמין האָט געוווינט אַ ייִד מיטן נאָמען סרולקע. פון פאַך — אַ גלעזער. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט פיר קינדער, אַ שווער און שוויגער אין איינעם אַ טאָג זענען פאַרפאָרן עטלעכע אוקראַאינער, אַרויסגעיאָגט אַלעמען פון שטוב. די קינדער באַזונדער און די עלטערע באַזונדער. אַלע גויאישע שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן אויפן גרויסן "וווּנדער", און פאַר די אויגן פון אַלע האָבן זיי צומ־ערשט געשאָסן די קינדער, נאָכדעם — סרולקעס ווייב און די צוויי אַלטע לייט. די גויים האָט מען געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב אויפן הויף און אַלעמען אַריינגעוואָרפן. זיי האָבן עס גערן געטאָן. סרולקע מיט דער עלטסטער טאָכטער זענען גראָד נישט געווען אין שטוב און אַזוי אַרום ניצול געוואָרן. דער מענטשלעכער כאַראַקטער איז דעמאָלט אַזוי פאַרהאַר־טעוועט געוואָרן. אַז מען האָט נישט געהאַט קיין סך צייט צו טרויערן און באַוויינען די אומגעבראַכטע.

סרולקע מיט דער טאָכטער זענען שוין צוריק אַהיים נישט געגאַנגען. עטלעכע טעג האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן. נאָכדעם זענען זיי צוריקגעקומען, אָבער שוין נישט קיין קאַמין נאָר קיין כעלם, אין געטאָ. די געטאָ־פּאָליציי, צווישן זיי אויך ייִדן, האָבן גלייך געכאַפּט די טאָכטער (עס איז פאַרווערט געווען אומלעגאַל קומען אין געטאָ) און איבערגעגעבן זי אין די הענט פון די דייטשן. סרולקע איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדערן לאַגער און פון דאָרט, בעת אַן אַקציע — קיין סאָביבאָר.

איינמאָל, גייענדיק צו דער אַרבעט אויפן הרוביעשאָווער שאָסיי האָבן מיך באַמערקט צוויי דייטשן. זיי רופן מיך צו און פרעגן, צי איך בין "אַ יודע". איך ווייז זיי די געלע לאַטע אויפן אָרעם. איינער פון זיי כאַפּט זיך צום רעוואָלווער. דער צווייטער האַלט אים אָפּ. מיר ווערט פינצטער אין די אויגן. די פיס אונטער מיר ברעכן זיך און כ'זע ווי דער טויט קוקט אויף מיר פון דער לופע אַרויס. דער מיטן רעוואָלווער אין האַנט קוקט אויף מיר און שמייכלט. איך ווייס נישט, וואָס דער שמייכל זאָל באַדייטן. די דייטשן האָבן תמיד גרויס הנאה פון שפּילן זיך מיטן לעבן פון אַ מענטש און אַ ייִד בפרט.

פּלוצים גיט דער צווייטער אַ זאָג צום ערשטן:

"לאָז אים גיין דעם דרעקקיקן יודע".

די אַרבעט אויפן שאָסיי האָט זיך געענדיקט. די לאַגע איז געוואָרן קריטיש. אברהם האָט זיך ווידער געוואָנדן צום אינזשיניער פייכעל און מיר ווערן ווידער געהאָלפן. ער

געפינט פאר אונדז די זעלבע ארבעט, אבער אויף אן אנדער שאסיי, עטלעכע וויארסט פון כעלם. און מיט אונדז — די מאמע. פאר די יידן אין כעלם זענען דאן געווען ביטערע טעג, כסדר זענען פארגעקומען אקציעס. אויף די געבליבענע וויניקע, פאראָרעמטע, דערשלאגענע יידן האט מען ארויפ־געלייגט קאנטריבוציע. ארויסגעפרעסט פון זיי ס'ביסל בעסערע אנטאן און שטוב־חפצים. ווער ס'האט נאך געהאט באהאלטן א שטיקל צירונג, א ווערט־זאך צו ראטעווען זיך דאס לעבן — האט געמוזט אפגעבן עס דעם יודן־ראט, וואס האט געמוזט צושטעלן דער געסטאפא.

די נייעס פלעגן מיר זיך דערוויסן פון אייניקע אנטלויפנ־דיקע יידן און פון די קריסטן פון דער געגנט, וואס האבן זיך געדרייט פראנק און פריי.

ווען כ'טראכט היינט, ווי איך האב גענומען כוח דאס אלץ אויסצוהאלטן מיין איך, אז דאס נעמט זיך פון געפיל פון ביטחון און האפענונג, וואס ס'האט אין מיר איינגעפלאנצט דאס חדר און די תלמוד־תורה. כאטש נישט קיין פרומער, טליעט אבער אין מיר א רעליגיעז געפיל און מיין מאמעס ביטחון.

ניינצן צוויי און פערציק. עס דערנעענטערן זיך די ימים־נוראים. עס איז געווארן א ביסעלע שטילער. אברהם האט געבעטן דעם אינזשיניער, ער זאל אונדז באפרייען פון דער ארבעט אויף עטלעכע טעג. מיר זענען אריין אין געטא, זיך אויפגעהאלטן ביי די ביטמאנס אויף קאשטשושקע־גאס. א גרויסער בוידעם איז דארט געווען. מיר האבן אויפן בוידעם צוזאמענגעשטעלט א מנין און א גאנצן ראש־השנה און יום־כיפור געדאוונט, געפאסט. כעלם האט דעמאלט אויסגעזען מוראדיק, פארלאזט, אויסגעליידיקט. צו איינציקע און צוויי פון א משפחה. אויף די ווייניק־געבליבענע האבן געלעבט אין גרויס שרעק.

אין אזעלכע צייטן איז דער דראנג צום לעבן אזוי שטארק, אז דער מענטש איז גרייט אויף אלץ אבי איבערצולעבן. חוץ דעם האט מען שוין געפילט, אז דער דייטש ווערט די מלחמה פארשפילן. ס'איז נאר א פראגע פון צייט. האט מען אלץ געטאן און זיך געראנגלט מיט דער צייט און מיט די מוראדיקע גזירות. איך האב געוווּסט, אז יעדער טאג, וואס גייט אוועק דערנעענטערט אונדז צום דייטשס מפלה.

פון נסיון האבן מיר געוווּסט, אז די "שטילע" טעג וועלן לאנג נישט אנהאלטן. די מערדער האבן געשפילט מיט די געפייניקטע יידן א מין פסיכאלאגיש שפיל, געשאפן ביי די מענטשן די אילוזיע, אז ס'גייט צום בעסערן, אז מער קיין אקציעס וועלן שוין נישט זיין. מיטן איינשלעפן דעם באוווּסט־זיין, ווערט מען ווידער קענען אנטאן נייע צרות. נאך עפּעס: צו יענער צייט האבן שוין אייניקע יידן געזוכט און געפונען דעם וועג צו די וועלדער. דאס אויפהאלטן די אזוי גערופענע שטילקייט האט א סך אפגעהאלטן פון לויפן אין וואלד אריין.

אקטאבער ניינצן צוויי און פערציק האט זיך, נאך א חודש אנדערהאלבן "רו", אנגעהויבן די אקציע. מען האט אלעמען פון די ארבעטספלעצער נישט געלאזט אהיימגיין. אויפן שאסיי, ווו מיר האבן געארבעט, איז אזייגער צוויי בייטאג געקומען א שליח פון סטאראסטע און געזאגט: ברידער בורשטיינס, געזעגנט זיך מיט דער וועלט. איר מוזט שוין פארלאזן די ארבעט".

עס איז אונדז פינצטער געווארן פאר די אויגן. אברהם האט, ווי זיין שטייגער, אנגעהויבן בעטן, אפבעטן זיך אויף עטלעכע טעג "ביז מען וועט ארויסענדיקן די ארבעט", אבער דער שליח ביי ס'זייניקע, כאטש אביסעלע ווייכער:

"שוין דריי טעג, ווי די אקציע קומט פאר. דער אינזשיניער קען אייך לענגער דא נישט האלטן".

מיר האבן פארלאזט די ארבעט אבער אין געטא נישט געגאנגען. מיר האבן זיך פארנאכט צו אנגעהויבן אריינ־גנבענען אין די דערפער, יעדער איינער באזונדער. די וועגן זענען געווען פול מיט סכנות. די פויערים האבן אצינד שוין מורא געהאט אריינלאזן צו זיך א ייד. קוים האט מען געפאקט א באהאלטן ייד, האט מען פארברענט די שטוב מיט די מענטשן מיטן גאנצן פארמעגן. ס'איז אבער נישט געווען קיין אנדער ברירה. צוריקגיין אין געטא האט באדייט — אומקום.

דריי טעג האט געדויערט דאס שלעפן זיך איבער דערפער, אונטערוועגן און סטעזשקעס, וואלגערן זיך אין פעלד, אין א הונט־בודע, אין א סטאדאלע אן דעם וויסן פון פויער. ס'איז געווען ווינטער, קעלטן, שנייען. ערשט נאך דער אקציע, זענען מיר צוריקגעקומען אין כעלם. א טויטע שטילקייט אין די גאסן. ליידיקע שטיבער. עס פוסטעווען יידישע הייזער. פון אפענע טירן און פענצטער קוקט ארויס — טויט.

איך גיי פארביי די "נייע־צאל". די גרויסע קיזלשטיינער זענען באשפריצט מיט בלוט־פלעקן. דאס זעלבע אויף דער שעדלעצקי־גאס. אויף דער קאטאווסקי גאס טרעפט אונדז א יידישע פרוי. זי קוקט אויף מיר און אויף דער מאמען, ווי געקומענע פון יענער וועלט. יענע האט פון גרויס איבער־ראשונג נישט געקענט ארויסרעדן קיין ווארט. אויך מיר זענען געשטאנען שטום. דאס איינציקע ווארט, וואס האט איבערגעריסן דאס לאנגע שווייגן איז געווען: "אוי!".

ענדלעך האבן מיר זיך עטוואס בארואיקט און אנגעהויבן נאכפרעגן אויף קרובים, באקאנטע, שכנים. דער סך־הכל איז געווען א ביטערער, א טרויעריקער.

פון די ביטמאנס, א משפחה פון צען נפשות, זענען געבליבן צוויי. די געבליבענע יידן זענען געווען זייער צעטראגן. מען האט שוין געוווּסט וועגן טרעבלינקע און סאביבאר. כמעט אלע, וואס האבן פריער נישט געטראכט וועגן אנטלויפן, האבן אנגעהויבן רעדן וועגן עוקר זיין. דאס איינציקע ארט איז געווען דער וואלד.

מיר זענען געווען פיר ברידער און די מאמע. אויף דער קאלעיאווע גאס, נעבן הייליקן ארט איז געווען אן ארבעטס־לאגער. נאר פאכמענער האבן דארט געארבעט. אברהם איז ווידער אוועק צום גוט־באקאנטן אינזשינער פייכעל און ער

האָט ביי אים געפּועלט, מען זאָל אונדז צונעמען צו דער אַרבעט ביי דער וואַסערלייטונג.

ער האָט געגעבן אברהמען אַ בריוו צום לאַגער־קאָמענדאַנט שאַכמייסטער. אַלע זענען מיר געגאַנגען מיטן בריוו. ער לייענט אים לאַנג און קוקט לאַנג אויף אונדז, דער קאָמענדאַנט און — הייסט אונדז בלייבן.

אויפן צווייטן טאָג שיקט דער קאָמענדאַנט אברהמען און מאָטלען און אַ קריסט מיט אַ פערד און וואָגן צו ברענגען בעטאָן־פאָרמעס פון דער היים. געקומען מיט פערד און וואָגן קיין אַוודאַלעץ, דערזעט זיי אַ שכן, אַן אוקראַינער און כאַפּט זיי גלייך אָן ביי די הענט און לאָזט ווייטער נישט גיין. ער צעשרייט זיך, ווי אַ ווילדע חיה: „אַצינד, בראַציע, וועט איר פון דאַנען קיין לעבעדיקע נישט אַרויס".

אברהם פאַרלירט זיך נישט. און דער משא ומתן איז אַ קורצער: עטלעכע הונדערט זלאָטעס און אַ פלעשל וואָדקאַ. ער האָט אים אויך געוויזן דעם אַרבעטס־שיין פאַר אים און מאָטלען.

✶

צוויי באַראַקן זענען געווען אין לאַגער, וואָס מען האָט גערופן „בויהויף". אין איין באַראַק אַ שניידער־וואַרשטאַט, אין צווייטן — אַ שוסטער־וואַרשטאַט. קיינער פון די באַשעפטיקטע אין בויהויף איז נישט אַהיימגעגאַנגען שלאָפן. דאָ איז דאָך געווען זיכערער ווי אין געטאָ. אָן ליכט, כמעט אָן עסן, אָן בעטלעך, אָן אַ ביסל שטרוי אויף אַ געלעגער נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג און דאָך — איז דער לאַגער געווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיטן געטאָ.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהן פלעגט דער קאָמענדאַנט מיט נאָך איינעם, אַן אויפזעער, זיך באַווייזן אין באַראַק. אין דער האַנט — אַ לאַמטער און מיט די פיס האָבן זיי אַ טאַפּ געטאָן, צי אַלע שלאָפן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

אין דער פרי שטעלן זיך אַלע צום ציילן. יעדער באַקומט אַ שטיקל ברויט מיט אַ טעפל שוואַרצע קאַווע. צו מיטאָג — אַ וואַסער־זופּ מיט „פליישׁ" — לעבעדיקע ווערים.

סעלעקציעס זענען כסדר פאָרגעקומען אין געטאָ, ווו מען פלעגט אַלע מאָל צוברענגען יידן פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער: פון טשעכיע, פון אונגאַרן, פון פראַנקרייך. אויך פון לובלין, וואַרשע און אַנדערע שטעטלעך. די יונגערע, שטאַרקערע, אַרבעטספעיקע מענער האָט מען געשיקט אין אונדזער לאַגער אַריין. אַ סך פון די געקומענע זענען געווען שטאַרק צעקלאַפּט, מיט באַנדאַזשירטע פנימער און הענט.

מען האָט די ניי־געבראַכטע אַריינגעטריבן אין ליידיקע קאַמערן, וואָס מען האָט גערופן „די טויטן־קאַמערן". געווייען, פאַרשטיקטע שלוכצן און קרעכצן האָט מען דאָרטן געהערט. אויסגעהונגערטע, האַלב־לעבעדיקע האָט מען זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויספירן פון דאָרט. יעדן טאָג אָפּגעשיקט אַן אַנדער גרופּע אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. קיינער איז פון דאָרטן נישט צוריקגעקומען.

אין בויהויף זענען געבליבן אַרום טויזנט יידן. מענער, יונגע מיידלעך, עטלעכע פרויען. מיר האָבן געאַרבעט ביי שמירן די דעכער פון די באַראַקן און שטאַלן מיט סמאָלע. איך האָב געוואַרעמט די סמאָלע. כסדר אונטערגעלייגט העלצער אויפן פייער.

פון מאָל צו מאָל זענען צוגעקומען יידן, ס'רוב מיידלעך, געבעטן זיי לאָזן אָפּבראָטן אַ קאַרטאָפל. אַ געבראָטענע קאַרטאָפל איז אָפט געווען „שפּייז" אויף אַ גאַנצן טאָג. צווישן די מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָפטער צוקומען בראָטן אַ קאַרטאָפל, איז געווען איינע מיטן נאָמען לאה. זי איז נאָך דעם געוואָרן מיינס אַ שוועגערין.

ווינטער. שנייען, פרעסט. די אַרבעט, וואָס מען האָט פריער געמאַכט אין דרויסן, האָט מען געמוזט מאַכן אינעווייניק. דער קאָמענדאַנט האָט צו דעם צוועק אונדז צוגעטיילט אַ שאָפּע פאַר אַ בעטאָן־וואַרשטאַט. מיר האָבן פון דער שאָפּע געמאַכט אַ פאַרמאַכטן גאַראַזש מיט אַ פּריטשע צום שלאָפן. צום גליק זענען מיר געווען די סאַמע ניצלעכסטע אַרבעטער אין גאַנצן לאַגער. אברהם, וואָס האָט תמיד, נישט אָן ריזיקע, געפּועלט ביים קאָמענדאַנט, וואָס ער האָט אים געבעטן, האָט אויך דאָסמאָל איינגעשטעלט: ער האָט געבעטן צונעמען לאהן צו דער אַרבעט. עס איז געשען עפּעס, וואָס האָט נאָך דרינגענדיקער געמאַכט איר צונעמען וואָס פריער צו דער אַרבעט.

מען האָט פון לאַגער געגרייט אַ נייעם טראַנספּאָרט אַרויסצושיקן. לאה איז געווען צווישן זיי. געסטאַפּאָווצעס מיט הינט היטן די אומגליקלעכע, וואָס מען גרייט צום טראַנספּאָרט. לאה פּרוּווט עפּעס זאָגן איינעם פון די געסטאַפּאָווצעס. אַ צווייטער באַמערקט דאָס און רייצט תיכף אָן זיין הונט אויף איר. דער הונט באַפאַלט איר, צעבייסט די פיס, די הענט. זי שרייט געוואַלד. אברהם לויפט צו צום קאָמענדאַנט און ווייזט אָן, וואָס דער הונט טוט מיט לאהן און — ווידער אַ נס: מען נעמט איר אַוועק פון ווילדן הונט, אַ צעביסענע, אַ פאַרוווּנדיקטע, און זי איז שוין אויסער דער ריי פון די פאַרמשפּטע צום אַרויסשיקן.

צוויי טעג און צוויי נעכט איז די מאַמע געווען אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם אין דער צייט פון דער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין געטאָ דעם זעלבן טאָג, וואָס אין אונדזער לאַגער. נאָך דער אַקציע האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און אַוועק צו אַ באַקאַנטן גוי, דעמאַך, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל נאָענט פון וואַלד, פיר, פינף ווייאָרסט פון כעלם. די מאַמע האָט געוווּסט, אַז מיר אַלע זענען אין בויהויף. האָט זי מיט איינעם אַ יונגן קריסט, באַפוילן, אַז זי האָט זיך מיט נסים צוריק דערשלאָגן אַ היים, קיין אַוודאַלעץ און זי מוז, וואָס פריער פאַרלאָזן דאָס אָרט.

ווידער — אברהם. ער האָט אויפגעקלערט דעם קאָמענדאַנט, אַז מען דאַרף נאָך פאָרמעס און ער איז גרייט פאָרן אַ היים און ברענגען די פאָרמעס. דער קאָמענדאַנט איז באַשטאַנען אויף דעם פּלאַן. מען האָט געשיקט אברהמען מיט אַ קריסט, ער זאָל אים העלפן אויפלאָדן די פאָרמעס אויף אַ

וואָגן, אויף וועלכן ביידע זענען אַרויסגעפאָרן פון לאַגער בויהויף.

מען האָט געברענגט די מאַמען און אויך — די פאָרמעס אין לאַגער אַריין. ווי אַזוי אברהם האָט דאָס געמאַכט איז שווער און אומגלויבלעך אויך היינט צו פאַרשטיין. ער האָט אויך אַזוי מאַרקירט, אברהם, אַז אין לאַגער אַריין זאָל מען קומען ווען ס׳איז שוין טונקל אין דרויסן, כדי מען זאָל די מאַמען קענען אַריינשוואַרצן אין לאַגער אַריין.

*

אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ איז געווען אין לאַגער. דער שאָפער, אַ טשעך, נישט קיין שלעכטער מענטש. אָפט האָט מען באַדאַרפט אויפלאָדן און אָפּלאָדן זאַכן. מען האָט צו דער שווערער אַרבעט גערופן די בעטאַנשטשיקעס — אונדז.

מיר האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט און אָפט אַרויסגעפאָרן פון לאַגער. איין מאָל זענען מיר אַריין קיין רייוויץ ברענגען קוילן, ברעטער. אין מאַגאַזין, ווו מ׳איז געשטאַנען אין דער ריי נאָכן ביסל קאַווע, ווערמדיקער זופּ, האָט געאַרבעט אַ מיידל פון שעלישטש, חייקע פעסטבערג. דאָס מיידל איז געוואָרן מיין ברודער מאָטלס ווייב.

זעקס זענען מיר געווען אין בעטאָן־וואַרשטאַט: מיר, פיר ברידער, די מאַמע און לאה. קראַנקע, אַלטע און אומפעיקע מענטשן צו דער אַרבעט האָט מען איבערגעפירט אין דער שקאָלע סטאַשיצאַ, אויסערן לאַגער, אויך אויסערן געטאָ. פון יענער "שקאָלע" איז מען לעבעדיק נישט אַרויס. דערוויסט האָב איך זיך דאָס פון די לאַגער־מענטשן, וואָס מען האָט אַלע מאָל גערופן אַהין אויף גראָבן גריבער און באַהאַלטן די הרוגים.

ווידער האָט אין לאַגער אַריינגעכאַפּט אַ טיפוס. איך, די מאַמע און לאה זענען קראַנק געוואָרן. מיר האָבן נישט געקענט שטיין אויף די פיס. אָבער אויפהערן אַרבעטן האָט געהייסן — זעלבסטמאָרד. קיין זעלבסטמאָרדן זענען אין די לאַגערן נישט געווען. דעם "לוקסוס" האָט מען זיך נאָר פאַרגינען אויף דער פריי, אין די גוטע צייטן. דאָס הינטישע לעבן איז צו טייער אויף זעלבסטמאָרד. האָט מען געאַרבעט קראַנקערהייט, נישט דער פחד פאַר דער קראַנקהייט האָט דערקוטשעט, נאָר דער פחד אַרויסגעפירט צו ווערן אין שקאָלע סטאַשיצאַ.

עס איז טאַקע געשען, עטלעכע פאָליציאַנטן זענען פּלוצים געקומען אין וואַרשטאַט אַריין, אַרויסגענומען די מאַמען און לאהן. מיר האָבן געפרוווט זיך אַקעגנשטעלן פריער מיט גוטן, נאָך דעם מיט בייזן און עס האָט נישט געהאָלפן. איינער אַ פאָליציימאַן, שלמה האָכמאַן, האָט מיך געשלאָגן מיט אַ קייט איבער דער פלייצע. פון שוואַכקייט און גרויסער היץ בין איך אומגעפאַלן. האָט ער אויך מיך געוואָלט נעמען. מען האָט די מאַמען און לאהן אָפּגעפירט אין שקאָלע שטאַשיצא.

אברהם האָט נישט גערוט, געזוכט אַ פאָרטל, ווי אַזוי זיי ביידע אַרויסצונעמען פון טויטן־הויז און אַ טאָג נאָכן אַרויספירן זיי פון לאַגער האָט ער געפּועלט ביים קאָמענדאַנט, ער זאָל אים דערלויבן צוטראָגן דער מאַמען עפּעס עסן.

אַ סך מי, גבורה און איינשטעלעניש האָט אברהמען געקאָסט אָט די פריוואַטע "אַקציע" זיינע פון "טראָגן דער מאַמען עפּעס עסן". דאָס איז נאָר געווען אַן אויסרייד. נישט קיין עסן האָט ער זיי געברענגט: ער האָט זיי געברענגט צום עסן — אין לאַגער.

לאה האָט זיך געשטאַרקט און אויפן צווייטן טאָג אַרויס צו דער אַרבעט. די מאַמע איז געפאַלן פון די פיס. מען האָט געמוזט עפּעס טאָן. מען האָט זי באַהאַלטן צווישן די ברעטער אין סקלאַד. אין דער פרי, ביים אַפּעל: מען הייבט אָן ציילן די מענטשן און די מאַמע איז נישטאָ (זיי האָבן אַפּנים פאַרגעסן, אַז מען האָט זי מיט צוויי טעג פריער אַרויסגעפירט אין שקאָלע סטאַשיצא). איך מיר האָבן געהויבן מיט די אַקסלען. מיר ווייסן נישט, ווו זי איז אַהינגעקומען.

דער מאַמען האָט מען לעבעדיקערהייט אַריינגעלייגט אין אַ נישט טיפן גרוב צווישן סקלאַד און גאַראַזש און אַרומגעלייגט מיט ברעטער. פון אויבן אָנגעשיט אַ ביסל ערד, זאַמד. עס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז מען זאָל דאָרטן קענען איבערליגן עטלעכע שעה און נישט־אויפהערן אָטעמען. מען האָט געזוכט, גענישטערט און נישט געפונען די מאַמען. די שרעק, וואָס מיר אַלע אין דרויסן און די מאַמע אינעווייניק האָבן איבערגעלעבט — איז נישט איבערצוגעבן אין ווערטער. ערשט ווען די פאָליציי און זייערע מיטהעלפער, די זוכער, זענען אַוועק, האָבן מיר אַרויסגענומען די מאַמען אַ האַלב־טויטע פון דער באַהעלטעניש. זי האָט קוים געאָטעמט. נאָך עטלעכע שעה וואָלט זי דאָרטן נישט אויסגעהאַלטן. מ׳האָט איר דערמונטערט מיט אַ ביסעלע זיסער טיי. נאָכן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און קומען צו זיך — האָט מען זי אַרויפגענומען צו אונדז אויף דער פריטשע. זי אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל, איבערגעדעקט מיט אַלטע בגדים, שמאַטעס. עטלעכע טעג איז זי אַזוי געלעגן אין שרעק און שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

זי איז אין אַ טאָג צוויי אַרום אַראָפּ פון דער פריטשע. זיך געסטאַרעט מיט אַלע כוחות צו שטיין אויף די פיס און טאַקע אָנגעהויבן זיך דרייען נעבן אונדז, ס׳זאָל הייסן, אַז זי אַרבעט.

צום גליק האָט מען געטוישט דעם קאָמענדאַנט שאַכמייסטער אויף אַ צווייטן, אַ געמיטלעכער מענטש. אברהם האָט באַלד געפונען אַ וועג צו אים. ער האָט ליב געהאַט צו נעמען אין יד אַריין.

מיר זענען דערווייל אַרויס פון דער קרענק און די אַרבעט איז ווייטער געגאַנגען. מען האָט אונדז אויך אָפט געשיקט אַרבעטן אויסערן לאַגער און — אויסער דער שטאָט. איך האָב איין מאָל אויפן וועג געטראָפן אַ פויער פון אַוודאַלעץ און ער האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי מען האָט געכאַפּט מיין קוזינע הינדע און זי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

סוף ווינטער. די לופט ווערט אַביסל לינדער, אָבער צו די צרות זעט מען דערווייל נישט קיין סוף. ווידער טוישט מען דעם קאָמענדאַנט אויף אַ פאָלקס־דויטש — גרימאַייזן. ער

וווינט איבער אונדזער בעטאָן־וואַרשטאַט. יעדן אין דער פרי האָט ער אַראָפּדערלאַנגט זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוול אַברהמען. אברהם האָט זיי גערייניקט און געפּוצט.

נייע גזירות. מען רעדוצירט מענטשן. נישטאָ פאַר אַלע קיין אַרבעט. די אָפּגעזאָגטע פירט מען אַריבער אין אַנדערע לאַגערן. אַ טייל — קיין סאָביבאָר. אויך אין די אַנדערע לאַגערן האָט אויף די יידן געוואַרט דער זעלבער גורל. חייקע פון ברויט־מאַגאַזין איז צווישן די, וואָס מען פירט אַרויס. מאָטל באַשליסט — ראַטעווען חייקען.

אַ גרויסער באַראַק מיט קלעצער און ברעטער איז געווען נישט ווייט פון אונדזער וואַרשטאַט. מאָטל מאַרקירט דאָרט אויס אַ באַהעלטעניש. אין טאָג פון דער אַקציע איז חייקע שוין געווען אין דעם באַהעלטעניש. זי האָט מיט זיך געהאַט אַ ביסל שפּייז און אַ פלעשל וואַסער. מאָטל טראָגט זיך אום מיט אַ ברעטל, אַ קלעצל, כדי זיין דרייען זיך צווישן וואַרשטאַט און סקלאַד זאָל נישט זיין פאַרדעכטיקט. אַוודאי איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט אַ גריסער סכנה. אָבער דער שאַנס זי אָפּצוראַטעווען איז אפשר געווען גרעסער.

צוויי חדשים איז חייקע געלעגן אין אַ מצב פון נישט אויפזעצן זיך. נישט קענען טון די מענטשלעכע באַדערפעניש. היינט איז שווער משיג זיין ווי אַזוי מ׳קען דאָס אויסהאַלטן.

ערב פסח. לופטיקע, זוניקע טעג. אונדז איז פינצטער. די טעג ווערן גרעסער. מיר ווערן ווייניקער אין לאַגער. מען שיקט מיך מיט נאָך עטלעכע יידן צום באַנהויף רייניקן די ראַמפּע. מיר טרעפן דאָרטן אַ לאַנגע ריי וואַגאָנען. דורך די פאַרקראַטעטע פענצטערלעך קוקן אַרויס יידן. זיי פרעגן אונדז, צי איז נאָך ווייט צו דער ״קאָלאָניע״ סאָביבאָר. מען האָט זיי געזאָגט, אַז זיי פאָרן אַרבעטן אויף אַ ״יידישער קאָלאָניע סאָביבאָר״...

די לאַגע ווערט ערגער. עס פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען, אַז מען ליקווידירט דעם לאַגער. מיר זענען סך־הכל עטלעכע הונדערט יידן. ביינאַכט קען מען שוין נישט שלאָפן. מ׳טראַכט וועגן אַנטלויפן, וואָס פריער עוקר זיין. כל זמן עס איז נאָך מעגלעך. די וואַך אין לאַגער איז נישט קיין גאָר שטרענגע. מיר קענען גוט די געגנט, די וועלדער. איך האָב געוווּסט, אַז אין נאָענטן פּאָפּאָלאָוויטשער וואַלד געפינען זיך יידן. אויך דער פעטער שמחה מיט זיינע צוויי יינגלעך, פון צען אין צוועלף זאָלן זיך דאָרט געפינען. זיי זענען באַלד אין אָנהייב אַוועק אין וואַלד אַריין. אין לאַגער זעט מען שוין ווייניקער פּאָליצייַ. איין אויפזעער, אַ קריסט, דרייט זיך ביים טויער. די צאָל יידן אין לאַגער איז פון צוויי הונדערט אַראָפּ אויף עטלעכע דרייסיק. אַ לאַגער פון דרייסיק מאַן, ווייסן מיר, מוז ליקווידירט ווערן. מיר באַשליסן — אַנטלויפן.

אינמיטן העלן טאָג האָט זיך גראָד געמאַכט אַ שעת־הכושר: דער טויער איז כמעט נישט באַוואַכט געווען. מיר האָבן זיך געלאָזט, ווער מיטן טויער, ווער איבער די דראָטן. אַלע זענען אַרויס פון לאַגער מיטן כיוון צום וואַלד. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי אַ מאָטאָר. די שוואַכע פיס זענען נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. די אויגן האָבן גאָרנישט געזען פאַר זיך נאָר דעם וואַלד. אָבער דער וועג ציט זיך לאַנג. הינטער דער פּלייצע און פון פאָרנט יאָגט מיך נאָך עמעצער. ווער איז דער עמעצער? נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. אומ־געטראַכטערהייט ווייסטו, אַז דער אומגעזעענער עמעצער איז — דער מלאך המוות. דריי, פיר קילאָמעטער בין איך אַזוי געלאָפן אינמיטן העלן טאָג, ביז איך האָב זיך ענדלעך געזען אין וואַלד. נאַס פון שווייס און אַנגסט און צעטומלט פון דעם, וואָס איז מיט מיר געשען און געשעט נאָך — קוק איך זיך אַרום. מיט מיר איז דאָ די מאַמע און מיין יינגסטער ברודער אַרטשי. ווו איז אברהם, לאה, מאָטל, חייקע?

אַז מאָטל האָט זיך פאַרהאַלטן אין לאַגער צוליב חייקען, האָב איך געוווּסט. אפשר זענען זיי שוין אַרויס און מ׳האָט זיי געכאַפּט? מיר זעצן זיך צו אָפּרוען אונטער אַ געדיכטן קשאַק. ביז אין אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אַזוי געזעסן, געלעגן. פון עסן און טרינקען איז קיין רייד נישט געווען. פאַרטאָג האָבן מיר זיך ווייטער געלאָזט גיין מיטן שאָסיי פאַזע דעם וואַלד. מיר זענען מיט דעם וואַלד־וועג אָנגעקומען קיין אַוודאַלעץ. דאָרט האָט געוווינט אונדזערס אַ געוועזענער שכן, אַ קריסט. איך קלאַפּ אָן אין פענצטער. ער האָט מיך דערקענט. ער האָט אַרויסגעבראַנגט עפּעס עסן, אַ טרונק. איך האָב זיך געפרעגט אויף אברהמען, לאהן, מאָטלען. אפשר ווייסט ער פון עמעצן. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר האַלטן זיך דערווייל אויף אין פּאָפּאָלאָוויטשער וואַלד. קוים קומט ווער פון זיי, זאָל ער זיי צוזויסן געבן. דער פעטער שמחה האָט געהאַט אַ באַקאַנטן פּויער, סידורין. בין איך אַליין אַוועק צו אים, נישט ווייט פון וואַלד. ער האָט מיר געזאָגט, אַז שמחה מיט די צוויי זין זענען אויך דאָ אין פּאָפּאָלאָווי־טשער וואַלד.

אַ שעה, צוויי שפּעטער, פאַרנאַכט צו, איז נאָך אונדז אַרויס פון לאַגער אַברהם, מאָטל און לאה. לאה איז זייער שוואַך געווען. נאָך דער טיפוס־קראַנקייט האָט זי נישט געקענט קומען צו זיך. זי איז געפאַלן אינמיטן וועג. ס׳איז געווען נאַכט. זיי זענען געגאַנגען מיט אַ לאַנקע. מען האָט זי געלאָזט ליגן. מאָטל מיט אברהמען זענען צוריק אַריין אין לאַגער אַרויסראַטעווען חייקען, וואָס איז געלעגן אין דעם באַהעלטעניש, אין לעבעדיקן קבר. אַוודאי איז דאָס לאָזן ליגן לאהן אויפן פעלד אַ קראַנקע, שוואַכע בשעת עס האָט געראַיעט מיט דייטשן, אוקראַינער און סתם דם־שונאים — געווען אַ געפערלעכער שריט. עס איז אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געווען. אויך דאָס צוריקגיין אין לאַגער און אַרויסנעמען פון דאָרט חייקען איז געווען געפערלעך, אָבער ווער האָט דעמאָלט צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן סכנות, אַז דאָס עצם לעבן איז איין גרויסע סכנה.

אויפן וועג צוריק פון לאַגער מיט חייקען, פאַרבייגענדיק די דירעקציע, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשישע וואַך. און עס הערט זיך אַ געשריי:

״האַלט! שטיין בלייבן!״

און זיי זענען געלאָפן. זיי זענען שוין געווען פיר. אויך לאה, וואָס האָט אין צווישנצייט „געררוט״. לויפנדיק אויף דער לאָנקע איז לאה ווידער געפאַלן. אברהם איז צוריקגעגאַנגען. געכאַפּט לאהן אויף זיך און — געלאָפן מיט איר. אויסער דער געוואַלדיקער מסירות־נפש, האָט מען אויך געדאַרפט האָבן אַ סך פיזישע כוח דאָס אַלץ דורכצומאַכן. די וואַך האָט געהאַלטן אין איין נאָכשיסן, אָבער צום גליק — נישט נאָכגעלאָפן. זיי זענען אַריין אין וואַלד. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, איז אברהם אַוועק ביינאַכט קיין אַוודאַלעץ צום באַקאַנטן פויער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען אַוודאי ביי אים געווען. דער פויער האָט ווירקלעך איבערגעגעבן וועגן אונדז.

אויף דער דריטער נאַכט האָבן מיר זיך אַלע אָפּגעפונען. מיר זענען אין פּאָפּאָלאָוויטשער וואַלד. מען ליגט אונטער געדיכטע ביימער, קוסטן. די נאַרונג — אַ מייערל, אַ ריבל, אַ קאַרטאָפל, וואָס מען האָט ביינאַכט געפונען אויף די פעלדער נישט ווייט פון וואַלד. איטלעכס מאָל, ביינאַכט, האָט מען זיך צוגעכאַפּט צום פויער, סידאַרין, געוואָר־ווערן עפּעס וועגן פעטער שמחה מיט די צוויי זין. זיי זענען שוין אַלטע וואַלד־תושבים און צוזאַמען וועט זיין אַ סך גרינגער. איין מאָל אָנקלאַפּנדיק אין פענצטער ביי סידאַרינען, איז ער אַרויס צו אונדז און געזאָגט, אַז שמחה מיט די זין זענען געווען ביי אים און ער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן אונדז.

ווידער זענען אַוועק עטלעכע טעג און נעכט — הונגער, קעלט, פחד און זוכעניש. זיי האָבן אויך אוודאי אונדז געזוכט, אָבער אין וואַלד, אין יענע פאַרהעלטענישן, איז נישט אַזוי פשוט ס׳אָפּגעפונען זיך. איך בין אַוועק צו איינעם, אַ געוועזענעם שכן אונדזערן, אַ פויער מיטן נאָמען קשיזשעפּיסק. ער האָט זיך צו מיר פריינטלעך באַצויגן. איך האָב ביי אים געקויפט ברויט, קעז, מילך. מיר האָבן זיך אין צווישנצייט איינגעשאַפט כלים: אַ טעפּל, אַ בלעכענע פּושקע, פלעשער. הילצערנע לעפל האָבן מיר אַליין געמאַכט פון דער ביימער־קאָרע.ביים צווייטן מאָל זיין ביי אים האָב איך אים געגעבן אָנצוגעהערן וועגן געווער. ער האָט צוגעזאָגט העלפן איינ־שאַפן געווער. געלט האָבן מיר געהאַט. אין לאַגער איז געלט נישט געווען קיין פּראָבלעם. עס האָט אָבער אין לאַגער נישט געהאַט קיין ווערט. אין וואַלד, זייענדיק שוין אין פאַרבינדונג מיט די באַקאַנטע פויערים, האָט מען פאַר געלט געקענט קויפן עסן און געווער, וואָס איז אַצינד געווען אונדזער הויפּט־זאָרג.

איינמאָל ליגנדיק אין וואַלד הערן מיר טריט. די טריט זענען געווען אַזוי נאָענט, אַז מען האָט שוין נישט קיין צייט געהאַט אָפּצוטראָגן זיך. און איידער וואָס־ווען הערן מיר:

„דזשען דאָברי״.

דאָס קול איז אונדז באַקאַנט: דער גאַיאָווער. „האָט נישט קיין מורא — באַרואיקט ער אונדז — ער וועט אונדז קיין שלעכטס נישט טאָן״. ער דערציילט אונדז, אַז שמחה מיט די זין און נאָך יידן זענען דאָ אין וואַלד. ער ווייסט נישט גענוי, ווו זיי געפינען זיך. ער וואָרנט אונדז אויך, אַז מיר זאָלן נישט לאַנג אויפהאַלטן זיך אויף איין פּלאַץ און — נישט אַלע צוזאַמען.

מען האָט זיך דערווייל צוגעוווינט צום וואַלד־לעבן. בייטאָג איז מען געלעגן באַהאַלטן. געשלאָפן אַביסל. ביינאַכט איז מען אַוועק איינשאַפן זיך עסן. געוואַשן די לייזיקע העמדער, דאָס אָנטאָן אין ווען מען איז געשלאָפן. ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער עלטערער זון שמחה׳ס, שניאור. ער האָט זיך מיט אונדז דערפרייט. אָפּגעגעבן אַ גרוס פון טאַטן און זיין ברודערל יענקעלע. ער האָט אונדז אויך איבערגעגעבן טרויע־ריקע גרוסן פון פויערים־שכנים, וואָס האָבן אָנגעטאָן אַ סך צרות יידן, באַרויבט און באַראַבעוועט און אַ סך איבער־געגעבן אין די הענט פון די דייטשן. מיר האָבן געוואָלט זיין צוזאַמען מיט זיי, אָבער שניאור איז געווען ביי דער מיינונג, וואָס איז אויך די מיינונג פון פעטער שמחה, זיין טאַטע אַז ס׳איז בעסער צו זיין אין באַזונדערע גרופּן און ווייטער איינע פון די אַנדערע. אויך האָבן זיי אונדז געעצהט — וואָס פריער זיך איינשאַפן געווער.

דאָך האָט עס נישט לאַנג געדויערט און זיי זענען געקומען צו אונדז און מיט זיי — נאָך עטלעכע יידן: שלמה סעגאַל, פּאַנטשיק אַ כעלמער — היינט אין ישראל, וואַרמאַן, קערטש, אַ סעלצער ייד — אפרים קופער, בערטע און צוויי פרויען — פעשע און ריוועשע.

אַלע האָבן שלעכט אויסגעזען, אין צעריסענע קליידער, שמאַטעס אויף די פיס. דערפאַר האָבן זיי אָבער געהאַט אַ סך נסיון אין וואַלד־לעבן און געקענט זיך באַגיין מיט געווער. מיר זענען געווען בעסער אָנגעטאָן. געהאַט געלט. דער פּלאַן איז געווען — פאַראייניקן זיך אין פּאַרטיזאַנער אַטריאַד. מיט געווער אין האַנט וועט זיין גרינגער פאַר אַלעמען. איינשאַפן זיך עסן, איז יעדער געגאַנגען צו „זיין פויער״. צוליב קאָנ־ספּיראַטיווע טעמים האָבן די פויערים, די באַקאַנטע קריסטן געקענט נאָר „זייערע יידן״. מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, ווי אַזוי „זייערע״ און „אונדזערע״ פויערים וועלן רעאַגירן אין פאַל פון אַ סכנה מצד די דייטשן, אוקראַינער אָדער אַנדערע מוסרים...

איך און אברהם זענען אַוועק צו „אונדזער״ קשיזשעפּיסק פאַרהאַנדלען וועגן געווער. שלמה מיט פּאַנטשען זענען גע־גאַנגען צו „זייער״ קריסט — יאַשקאַ. מיר האָבן ס׳ערשטע איינגעהאַנדלט אַ רעוואָלווער. שלמה האָט געבראַכט אַ ביקס. אויך פּאַנטשען איז געלונגען צו קויפן אַ ביקס ביי אַ באַקאַנטן פויער.

דאָס געווער, אפילו ווען מען האָט עס נאָך נישט אויס־געפּרוּווט, האָט צוגעגעבן אַ סך זיכערקייט און מוט — סיי ביים איינשאַפן זיך עסן, סיי אין פאַל ווען מ׳וועט זיך דאַרפן פאַרטיידיקן.

מיר זענען געווען מער ווי אַ מנין יידן. מיין נטיה צו פרומקייט האָט זיך גראָד אין די טעג געשטאַרקט און איך האָב געדאַגהט, אַז מיר זאָלן יעדן טאָג מאַכן אַ מנין. דאָס איז געווען אין די ימים־נוראים, ניינצן פיר און פערציק.

עס זענען אַראָפּ שטאַרקע רעגנס. שווער געווען מיט די זומפּן און בלאָטעס. אויך די קעלט האָט דערקוטשעט. האָט מען זיך געשטעלט מאַכן סכראַנעס. איין סכראַן פאַר שלמה, פאַנטשאַק, בערטשע, אפרים, פּעשע און ריווטשע; דער צווייטער פאַר — אַרטשי, מאָטל, אברהם, לאה, חייקע, די מאַמע און איך.

אויך שמחה האָט זיך אויסגעלאַדעוועט אַ באַהעלטעניש פאַר זיך מיט די צוויי זין. מען האָט נישט געקענט שטיין אין די סכראַנעס נאָר זיצן און ליגן. איז מען זיצנדיק געשלאָפן און ליגנדיק געזעסן — דער עיקר אַז ס'זענען געווען אַ סך צווייגלעך און בלעטער, עטלעכע קאָלדרעס האָט מען זיך איינגעשאַפט ביי די פּויערים און געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצוליגן. ביי יעדן סכראַן איז געשטאַנען אַ וואַך פון צוויי מענטשן. אַלע עטלעכע שעה האָט זיך געביטן די וואַך. איין מאָל בעתן רייניקן מיין רעוואָלווער האָט ער פּלוצים אויסגעשאָסן. אַלע האָבן זיך דערשראָקן. זיך געכאַפּט צום געווער. מען האָט זיך אָבער תיכף באַרואיקט.

די ווייכע ערד אין וואַלד איז נאָך די רעגנס נאָך ווייכער געוואָרן און מען איז צוגעטראָטן גראָבן אַ ברונעם. עטלעכע טעג האָט געדויערט און מיר האָבן שוין געהאַט "אייגן" וואַסער אויף אָרומוואַשן זיך, וואַשן כלים, וועש און — אַ פרישן טרונק.

דער ברונעם, נישט ווייט פון די באַהעלטעניש, איז געווען גוט פאַרמאַסקירט מיט צווייגן און בלעטער. ערגער איז געווען ווינטער. אַ שווערער ווינטער האָט זיך געשטעלט מיט שנייען. בייטאָג און ביינאַכט — שניי. די טריט צו די באַהעלטעניש, צום ברונעם — מסרן... די שפּורן פון די פוסטריט אין וואַלד זענען דער גרעסטער שונא פון מענטש.

אברהם איז געפאַלן אויף אַ פּאַרטל. ער האָט גענומען אַ גרויסע צווייג און געפירט איבערן שניי — הין און צוריק אין זיגזאַגן. דאָס האָט פאַרווישט די טריט. די סימנים פון די צווייגן זענען ענלעך געווען צו טריט פון וואַלד־חיות... אין יענע ווינטער־חדשים זענען אָפט פאַרגעקומען אַבלאַוועס. די דייטשן האָבן געוווסט, אַז אין די וועלדער געפינען זיך אַ סך פּאַרטיזאַנער־גרופּן, אויך משפחה־לאַגערן און פּלעננִיקער — רוסן, אוקראַינער.

איין מאָל, שטייענדיק אויף דער וואַך, הער איך פון נאָענט רעדן דייטש. איך דערקען אויך אין די שווערע טריט, אַז דאָס זענען זעלנער. אַ וועלכע דרייסיק, פערציק מעטער פון אונדזער סכראַן שטייען זיי שוין. איך לייג זיך גלייך אַנידער אויפן שניי, פאַררוק זיך אונטער אַ קשאַק און שטעל אָן דעם רעוואָלווער. צום גליק האָבן זיי מיך נישט באַמערקט און פאַרנומען זיך אין אַן אַנדער ריכטונג.

דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען. ס'אַנטאַן איז געוואָרן אָפּגעטראָגן. און ס'איז קאַלט. מ'דאַרף אומבאַדינגט איינשאַפן אַביסל אַנטאַן פאַר די פרויען, פאַר דער מאַמען. מיר לאָזן זיך עטלעכע מאַן מיט געווער אין די הענט אין נאָענטסטן דאָרף אַריין. אָדער מיר וועלן בעטן, אָדער מיר וועלן נעמען מיט כוח.

די פּויערים האָבן צו יענער צייט זיך אָנגעהויבן בעסער צו באַנעמען מיט פּאַרטיזאַנער, סיי פאַר מורא, ווייל אַלע האָבן שוין געהאַט געווער. און סיי דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אַט ענדיקט זיך די מלחמה און די וואַלד־מענטשן האָבן אַ גוטן זכרון... עס זענען ווירקלעך געווען אַ סך פאַלן פון נקמה־אַקטן מצד פּאַרטיזאַנער־גרופּן און איינצלנע מענטשן. מען האָט נישט איין פּויער "ליקווידירט", אונטערגעצונדן זיין שייער אָדער צעשלאָגן און גענומען פון זיין פאַלוואַרק אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט.

צוליב די טיפע שנייען, האָט מען מער נישט געקענט צופוס גיין אין די דערפער. האָט מען "דעקאָזשעט" אַ שליטן און אַ פּאַר פערד און מען איז אַוועק אין אַ דאָרף, ווו ס'איז דאָ וואָס צו נעמען. פיר מאַן זענען מיר: איך, אברהם, אַרטשי און שלמה. מיר דערנענטערן זיך צו אַ באַלויכטן פענצטערל. צומערשט האָבן מיר געמיינט, אַז עס איז היימלעך אינעווייניק און דער פּויער וועט אונדז מכבד זיין מיט אַ מאָלצייט. אין דער רגע קומען אַרויס עטלעכע מענער און עס הערט זיך אַ געשריי: "האַלט!"

איך בין געווען דער אָנטרייבער. טראַכט איך נישט לאַנג און דריי אויס דעם שליטן. איך יאָג די פערד. זיי לויפן, ווי טייוולאָנים, סאָפּען, פאַרסקען מיט די מאַרדעס און ציען. יענע עפּענען אויף אונדז אַ פייער. אברהם, אַרטשי, שלמה שיסן צוריק און איך טרייב די פערד. אַ געדיכט פייער איבער אונדז. פון אַלע זייטן פייפן די קוילן. מאָטל דערפילט אַ נאַסקייט אונטערן אויער, בלוט. איך שפּיר — אַ קויל איז פון מיין לעדערנעם פּאַסיק אָפּגעשפּרונגען. איין פערד ווערט געטראָפן פון עטלעכע שאָסן, פאַלט אַנידער. דער געשפאַן צערייסט זיך. ס'פאַרוווּנדעטע פערד בלייבט ליגן. מיר יאָגן ווייטער, אָבער אויך דאָס צווייטע פערד פאַלט. מיר לאָזן אַלץ איבער און לאָזן זיך צופוס — יעדער איינער טראָגט אויף זיך, וואָס נאָר עס איז מעגלעך אין אַזאַ פאַל. ווידער אַ מזל. די שיסער האָבן אַפּנים מורא געהאַט פאַר אַ קעגנאָנגריף פון פּאַרטיזאַנער און זיי האָבן נישט געוואַגט נאָכצולויפן נאָענט צום וואַלד.

יאָ, מען איז טאַקע געראַטעוועט געוואָרן, אָבער לעבעדיקע מענטשן דאַרפן עסן. מאָטלס ווונד איז געווען אַ לייכטע. צומאָרגנס אויף דער נאַכט זענען מיר ווידער צופוס אַוועק אין זעלבן דאָרף. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם טאָג איז אָנגעקומען אונגאַריש מיליטער.

עס דערנענטערט זיך דער פרילינג. עס ווערט אַביסל לייכטער ס'איינשאַפן זיך עסן. אויך די פּויערים, ווי געזאָגט, זענען בעסער געוואָרן. זיי האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. געגעבן עסן, קאָצן, פּויערישע בגדים און געשמייכלט צו די "געסט" פון וואַלד, ווייל עס איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז די דייטשן שטייען פאַר אַ מפּלה.

מיר דערוויסן זיך, אַז אַ געוויסער עלי סעגאַלאָוויטש, פון

אַ דערפל נעבן אַוודאַלעץ, געפינט זיך נישט ווייט פון אונדז. ער איז אַליין. ליגט ערגיץ באַהאַלטן ביי אַ קריסט. מיר האָבן געקענט די פויערים און געוווּסט, וואָס פאַר אַ צרות זיי האָבן אָנגעטאָן יידן. און אַז אַ ייד איז געבליבן לעבן — דאַרף מען אים ראַטעווען. מיר האָבן גענומען ס'געווער און אַוועק צום קריסט, וואָס ווייסט ביי וועמען עלי האַלט זיך אויף. מיר קומען צו דער שטוב. פיר מאַן זענען מיר. צוויי בלייבן שטיין אין דרויסן, צוויי גייען צו צום פענצטער, קלאַפּן אָן. מיר זאָגן ווער מיר זענען. דער קריסט טענהט, אַז ער ווייסט נישט ווו עלי געפינט זיך. אויסגעהערט, גייען מיר אַוועק, אָבער דער קריסט זעט, אַז מיר גלייבן אים נישט. לאָזן מיר אים איבער אַ באַפעל: „מיר (רעכענען אויס די נעמען) ווילן זיך זען מיט עלין. אין אַ וואָך אַרום קומען מיר ווידער".

געקומען זענען מיר אין צוויי וואָכן אַרום. ער קומט צו אונדז אַרויס און זאָגט אונדז, מיר זאָלן קומען אין אַ באַשטימ־טער שעה אויף אַ באַשטימטן אָרט. די זאַך האָט אונדז אויס־געזען פאַרדעכטיק. אפשר גרייט ער פאַר אונדז אַ פּולאַפּקע. מיר האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן ראַטעווען אַ ייד פון גוישע הענט.

מיר זענען געקומען אין דער באַשטימטער שעה אויפן אָפּגערעדטן אָרט. אַ לאַנקע. עטלעכע ביימער. הויכע קשאַ־קעס. פון הינטער אַ קשאַק קוקט אַרויס צו אונדז עלי. עס איז שווער געווען אים צו דערקענען. אַ בלאַס פּנים. באַ־וואַקסן. דערשראָקענע אויגן. ער האָט אונדז אַלע אָנגערופן ביי די נעמען. מיר האָבן אים דערקענט אין קול. ער איז שוין צוריק צום פויער נישט געגאַנגען, עלי. ער איז געגאַנגען מיט אונדז אין וואַלד אַריין.

דער וואַלד ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן העכער אַ יאָר צייט איז געוואָרן אונדזער היים. אונדזער משפחה־לאַגער האָט געציילט אַרום צען, צוועלף מענער, צוויי פרויען. כאָטש ווייניק געווער, זענען מיר אָבער גרייט געווען צו קעמפן און אָקעגנשטעלן זיך מיט כוח קעגן שונא. עס איז אָבער, גראָד אין יענע לעצטע טעג אָדער וואָכן ערב דער באַפרייאונג, צוגעקומען אַ נייע פּלאָג. עס האָבן גראַסירט אַנטיסעמיטישע־ענדעקישע פּאַרטיזאַנער־גרופן. זיי האָבן אָנגעטאָן אַ סך צרות די יידישע פּאַרטיזאַנער, באַזונדערס אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף איינצלנע, שוואַכע, בלאָנדזשענדיקע יידן, אָדער משפחה־לאַגערן אָן געווער. דאַקעגן, ווי נאָר זיי האָבן דערשפּירט יידן מיט געווער — האָבן זיי אויסגעמיטן אָן אָפּענעם קאַמף. צום גליק זענען אויך געווען פּאַרטיזאַנער פון דער „אַרמיאַ לודאָ־וואַ", וואָס האָבן זיך באַצויגן לאָיאַל צו יידן. אַ סך מאָל אויך געשעטיצט און געהאָלפן איינצלנע יידן און יידישע פּאַרטי־זאַנער־גרופן. עס זענען אויך געווען פאַלן פון קעמפן צוזאַמען מיט יידישע פּאַרטיזאַנער. אגב, אויך אין זייערע איינהייטן זענען געווען יידן־פּאַרטיזאַנער, רוסישע פּלעניקעס, אויס־געשולטע זעלנער, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט צוזאַמען מיט זיי.

סוף ניינצן פיר און פערציק. די מפּלה פון דייטשן איז אַ פאַקט. עס דערמוטיקט אונדז, אָבער די אָפּטרעטנדיקע דייטשן טוען נאָך אָן צרות. זייער ווידערשטאַנד איז אַ פאַרביסענער. זיי הרגענען, שיסן וועמען נאָר זיי טרעפן אויפן וועג און בעיקר — יידן.

אין איינעם אַ הייסן טאָג דערוויסן מיר זיך, אַז דייטשיש מיליטער איז דאָ אין וואַלד. זיי מאַכן נאָך „הייסער" מיט זייער פייער פון די אויטאָמאַטן; יאָגן יידן און באַפאַלן משפחה־לאַגערן. מיר לאָזן זיך מיטן געווער אין די הענט אויפזוכן די „העלדן" קעגן אומבאַשיצטע מענטשן. מיר האָבן זיך פּנים אל פּנים געטראָפן מיט אַ גרופּע פון אָנדערהאַלבן צענדליק צעיושעטע, בלוט־דורשטיקע זעלנער און אויפגע־נומען אַ קאַמף מיט זיי. עטלעכע געמאַכט דעם פּסק אויפן אָרט. עטלעכע זענען אַנטלאָפן.

און אָט דערטראָגן זיך צו אונדז ידיעות, אַז די רוסן באָמבאַרדירן כעלם.

אונדזער כעלם ווערט באָמבאַרדירט פון די רוסן — אַ סימן, אַז די שטאָט וועט אַוודאי אין גיכן באַפרייט ווערן. און נאָך „קלאַנגען", אמתע האַרמאַטן־שאָסן. אַרום טשערנאָוווער וואַלד — פיר, פינף קילאָמעטער פון אונדז — רוסיש מיליטער.

מיר שיקן אַרויס אַ „דעלעגאַציע" פון צוויי פרויען — פעשע און ריוושע. אויפן וועג טרעפן זיי עטלעכע זעלנער אויף אַ טאַנק. דער טאַנק און די מראה פון די זעלנער האָבן קיין ספק נישט געלאָזט, אַז דאָס איז רוסיש מיליטער, די פרויען גייען צו צו זיי, ווי צו היימישע, באַקאַנטע מענטשן, פריינט, אויף וועלכע מען וואַרט און מען האָפט אַזוי לאַנג. פעשע און ריוושע זאָגן זיי, אַז דאָ נישט ווייט, אין וואַלד, געפינען זיך יידישע פּאַרטיזאַנער. מען נעמט זיי אַרויף אויפן טאַנק און מען פירט זיי צו צו אַ קאָמאַנדיר. עס דויערט נישט לאַנג און זיי קומען צוריק צו אונדז מיט פינף רוסישע סאָל־דאַטן. מיר פאַרנעמען זיך מיט אונדזערע בעבעכעס און צוזאַמען מיט זיי גייען מיר אַרויס פון וואַלד.

אַריבערגייענדיק דעם שאָסיי הערן מיר אַ שיסעריי פון אויטאָמאַטיש געווער און פון האַרמאַטן. די סאָוויעטישע סאָל־דאַטן האָבן געענטפערט מיט פייער. מיר האָבן פאַרשנעלערט די טריט און זיך געלאָזט פירן פון אונדזערע באַפרייער.

מיר זענען אין אַ רוסישן אָפיצירן־שטאַב. מען מאַכט אַ קליינע אויספאָרשונג: ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען. מען פרעגט איבער די פויערים וואָס זענען דאָרטן געווען, צי זיי קענען אונדז. זיי באַשטעטיקן, עטלעכע שעה פאַר־האַלטן מיר זיך דאָרט. מען איז אונדז מכבד מיט עסן, טרינקען. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז מיט אַ סך באַוווּנדע1רונג און באַדויער.

מיר זענען פריי. אָבער די פרייהייט איז נאָך אַ באַגרע־נעצטע. פון שטובן, הייף, פון וואַלד און כל מיני באַהעלטע־נישן לויערט נאָך דער שונא. די סכנה איז נאָך נישט אַריבער.

אָבער מיר זענען פריי. מען אָטעמט פרייער אָפּ. מען פאַר־הייבט די אויגן צום ליכט פון טאָג, צו דער האָפענונג, וואָס האָט שוין געטאָגט אין אונדזערע הערצער.

אויף וועגן פון קאמף

יודל (יודקה) קליין, באלטימאר

דורך טייכן טרערן און ימען בלוט

כ'געדענק ווי מיר, יידישע זעלנער, האבן נאך היטלערס ברעכן דעם אפמאך וועגן נישט אגרעסיע מיט פוילן געוואַרט אויף דער רעדע, וואס דער פוילישער אויסערן־מיניסטער בעק האט געדארפט האלטן אין סיים. מיר האבן געמיינט, אז ער וועט זיך שלאגן על־חטא פאר די אלע יארן טאנצן ארום היטלערן, אבער גרויס איז געווען אונדזער אנטוישונג הערנ־דיק זיין ווייטערדיק קלאמערן זיך אין דער פאליטיק לגבי דעם היטלערלאנד און באגייסטערן זיך פון היטלערס מעטאדן. די פוילישע רעגירונג האט ביז דער לעצטער מינוט גענארט די באפעלקערונג, ,נישט דערציילט וועגן היטלערס כוונות און נישט וועגן דער אייגענער שוואכקייט, נאר די שולד פאר אלע צרות ארויפגעווארפן אויף יידן.

ווען היטלער האט אויפגעדעקט זיינע קארטן און פוילן איז געשטאנען אויף דער שוועל פון מלחמה, האט מען אין די לעצטע מינוטן גערופן א מאביליזאציע, נישט אהיימ־געלאזט די אויסגעדינטע זעלנער און איך האב זיך דאן מיט מיין קאוואלעריע־איינהייט געפונען אויף דער דייטשער גרענעץ.

די קורצע צייט פון מיין אנטייל אין די קאמפן איז אבער געווען רייך מיט א סך אינטערעסאנטע עפיזאדן, וואס פאדערן א באזונדערע באשרייבונג. מיר האבן געקעמפט אויף פאר־שידענע אפשניטן. די לעצטע טעג זענען מיר, געיאגטע פון די דייטשן, אנגעקומען צו די טויערן פון ווארשע. די דייטשן האבן שוין געהאט באלאגערט די שטאט און מיר האבן, מיט גרויסע פארלוסטן, דורכגעריסן די באלאגערונג און גלייך זיך אנגעשלאסן אין די קעמפנדיקע, וואס האבן מיט די לעצטע כוחות פארטיידיקט די פוילישע הויפטשטאט.

אויף טריט און שריט האב איך באגעגנט יידישע זעלנער אין זיי האבן זיך באזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער העלדיש־קייט. כ'פלעג נישט איינמאל זיך פארטראכטן, פונוואנען עס נעמט זיך צו פיזיש־שוואכע יידישע יינגלעך אזא גבורה אין פארביטערטע שלאכטן. כ'האב זיך אנגעטראפן אויף א יידישן בחור, וואס האט באדינט א הארמאט. די גאנצע מאנשאפט איז אומגעקומען, האט ער אליין זיך געשטעלט ביים הארמאט, אליין אנגעלאדן די סנאריאדן און אליין געשאסן אין די דייטשע טאנקן און אזוי ארום אפגעשטעלט זייער אטאק.

די דייטשן האבן הינטער ווארשע געהאט א שטארקע איבערוואג. זיי האבן אונדז פארווארפן מיט גראנאטן און אן אויפהער אונדז באשאסן, אונטערגעצונדן הייזער, אפילו דארט, ווו עס איז געווען אנגעצייכנט מיט א צייכן פון רויטן קרייץ, ווי א סימן, אז דארט געפונען זיך פארוואונדעטע. עס זענען געווען פוילישע זעלנער, וואס האבן אנגעהויבן אונטערברומען, אז מ'דארף זיך אונטערגעבן, ווייל ס'איז קלאר די איבערוואג פון די דייטשן סיי אין טעכניק, סיי אין מענטשן. דערצו האט זיי געהאלפן די אוויאציע. די דייטשע מעסערשמידטן זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפ און באמבארדירט און ארום אונדז האבן אויפגעריסן סנאריאדן און באמבעס. די יידישע זעלנער האבן זיך געמאכט נישט הערנדיק דאס אונטערברומען פון די פאליאקן און איינער, א פריילעכער בחור, האט געזאגט צו פאליאקן: "ברידער, לאמיר אפרעדן: וואס עס זאל נישט געשען, וועלן מיר קיינמאל נישט ארופלאזן די נעזער. פון א פריילעכן סאלדאט שפרינגען אפ די קוילן און די באמבעס דרייען זיך איבער אין אן אנדערער זייט".

אין ווארשע איז פאר מיר די מלחמה געווען פארענדיקט. דארט האב איך געטראפן שרה מעלצער־טארן און מיר האבן באשטימט צו גיין צוזאמען אהיים קיין כעלם.

אפגעריסענע און הונגעריקע האבן מיר זיך פארנומען אויף א לאנגן וועג, פול מיט געפארן. שרה איז דערצו געווען קראנק און האט נישט געקענט גיין שנעל. מיר האבן זיך אפט געמוזט אפשטעלן, זוכן אן ארט, ווו אפצורוען זיך. דייטשע פאטרולן האבן אונדז אפגעשטעלט, אויסגעפרעגט ווער מיר זענען, פונוואנען און וווהין מיר גייען. אונדז איז געלונגען איבערצוצייגן זיי, אז מיר זענען שוועסטער און ברודער און אז מיר האבן פארן אויסברוך פון דער מלחמה געזוכט ארבעט אין ווארשע. איצט קערן מיר זיך אום אהיים צו אונדזערע עלטערן.

אויף די וועגן זענען נאך געלעגן די טויטע קערפערס פון געפאלענע סאלדאטן און ציווילע מענטשן. צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען פארבייגעגאנגען, געווארפן אויף זיי א באַ־דויערנדיקן בליק, אפגעזיפצט און ווייטער אוועק מיטן שטראם, יעדער אדער צו זיין היים אדער פון זיין חרוב־געווארענער היים זוכן ערגעץ א דאך איבערן קאפ.

עטלעכע טעג זענען מיר אזוי געגאנגען הונגעריקע, מידע און פארצווייפלטע, מיט טרויעריקע מחשבות וועגן דער ביטע־רער צוקונפט, וואס עס דערווארט אונדז. אויפן וועג האבן מיר שוין נישט איין מאל דערפילט די שנאה נישט בלויז פון די דייטשן. גאנץ אפט האבן אונדז פאליאקן נאכגעשריגן: "אייער סוף איז שוין געקומען".

פארן אנקומען אין שטאט אריין האבן מיר זיך צעשיידט.

דאָס איז געווען אין זעלבן טאָג ווען די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט אין שטאָט. נאָך עטלעכע יאָר זײַן ווייט פון כעלם בין איך איצט געגאַנגען אַ פּאַרטראַכטער. מײַן מידער מוח האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַנעמען וואָס עס איז געשען מיט דער שטאָט, מיט די מענטשן. פּלוצים האָב איך דערהערט ווי מען רופט מיך. דאָס איז געווען אונדזער שכן, אהרן־נחום. ער האָט ממש געשריגן: ״יידל, דו לעבסט?!״

ער האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל גיין פּאַוואָליע, ווייל ער וויל זיך פאַרדינען אַ מצווה און זײַן דער ערשטער אָנצוזאָגן מײַנע עלטערן, אַז איך לעב. איבערן גאַנצן וואָג האָט ער נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן מיך אויפן הויכן קול. מענטשן זענען אַרויס פון זייערע שטובן, אַרומגערינגלט אונדז און באַגלייט. אינצווישן האָט, ווייזט אויס, עמעץ שוין אָנגעזאָגט מײַנע עלטערן, אַז איך בין צוריקגעקומען. באַלד האָב איך טאַקע דערזען מײַן טאַטן לויפן און ווען ער איז צוגעקומען נאָענט האָב איך דערזען, אַז ער העשעט. דאָס האָט מיך צעטרייסלט, ווייל פריער האָב איך קיינמאָל נישט געזען דעם טאַטן וויינען. באַלד נאָך אים איז געלאָפן די מאַמע און געשריגן: ״מײַן קייזער איז צוריקגעקומען...״ און האָט ספּאַזמירט.

די פרייד האָט לאַנג נישט געדויערט. דעם זעלבן טאָג האָבן די דייטשן אַוועקגעלאָזט זיך דורכפירן רעוויזיעס אין יידישע שטובן, מיטן אויסרייד, אַז זיי זוכן באַהאַלטן געווער. אויף מײַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ און מיליטערישע שטיוול האָבן די דייטשן געקוקט מיט פאַרדאַכט.

אַרויסגייענדיק אויף דער לובלינער גאַס האָב איך דערזען אויף די מויערן צעהאנגענע פּלאַקאַטן, אין וועלכע דער קאָמענדאַנט פון שטאָט האָט באַשולדיקט די יידן אין פאַרשפּרייטן ליגנס, אַז די רוסן וועלן צוריק אַריינקומען קיין כעלם. צום סוף האָט ער געוואָרנט די יידן, אַז ס׳גרייט זיך אַ פּאָגראָם...

אויפצומאָרגנס איז געקומען צו מיר אין שטוב מאָטעלע ברענער און מיר האָבן זיך אָנגעשמועסט אַריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ, צו די סאָוויעטן.

דאָס שוואַרצן די גרענעץ דורך אַריבערגיין דעם בוג איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פון דורכגעמאַכטע געפאַרן, וועלכע האָבן געלויערט אויף אונדז פון אַלע זייטן. רייך אין דערשיטערנדיקע איבערלעבענישן זענען אויך געווען מײַנע טעג און נעכט אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ, אָבער די גאַנצע צייט האָט מיך נישט אויפגעהערט צו פּייניקן דאָס געוויסן, פאַרוואָס איך האָב נישט מיטגענומען מײַנע עלטערן. אַ צייט האָב איך געזוכט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי זיי אַרויסצונעמען פונעם היטלעריסטישן קלעם, אָבער איך בין געווען מאַכטלאָז און נישט געקענט טון קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיי דערמעגלעכן זיך אַרויסצוראַטעווען פון די היטלעריסטישע הענט.

מײַן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען גענוג שווער און ביטער. כ׳האָב זיך געוואַלגערט אין די ווייטע מקומות, וווהין אַ סך כעלמער יידן זענען פאַרוואָרפן געוואָרן צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע פליטים און פונקט ווי זיי האָב איך אויך דורכגעמאַכט הונגער און קראַנקהייטן, פון וועלכע אַ סך זענען געשטאָרבן און נישט דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה.

אין 1944 האָב איך זיך מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געשאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד און אַרויסגעשיקט קיין פּוילן. די אַרמיי האָט גענומען אָנטייל אין די שלאַכטן ביזן פאַרנעמען בערלין.

ווען מיר האָבן פאַרביימאַרשירט אָן אַ זייט פון דער באַפרייטע שטאָט כעלעם האָב איך, נישט געקוקט אויף דער געפאַר צו ווערן באַשולדיקט אין דעזערציע, באַשלאָסן אַריינצוכאַפּן זיך אין שטאָט, מיט דער האָפענונג צו באַגעגענען עמעצן פון מײַנע נאָענטסטע. דער ווילן אַ קוק צו טון אויף מײַן היימשטאָט איז געווען שטאַרקער פון יעדער געפאַר.

גייענדיק דורך דער באַן־גאַס האָט מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס. מײַנע אויגן האָבן פיבערדיק געזוכט צווישן די פאַרבייגייער אַ באַקאַנט פּנים, אָבער נישטאָ. אין ערגעץ זעט מען נישט קיין איין ייד. אָט בין איך שוין אַריין אין דער שקאָלנע־גאַס. אַלע געשעפטן זענען פאַרמאַכט, פאַרהאַמערט. כ׳האָב דאָס געפיל ווי אַ וויסטער טרויער וואָלט זיך מיר נאָכגעשאַרט. אָט בין איך אויף דער לובעלסקי־גאַס, ווו עס האָט אַמאָל פּולסירט אַ רייך יידיש לעבן. איצט זעט דאָ אויס די גאַס וויסט. עס שרעקט אין יעדן ווינקל.

אַ שוידער האָט דורכגענומען מײַן גאַנצן גוף ווען כ׳בין אַריין אין דער פּאָטשטאָווא־גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט. די גאַס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן אייַנדרוק. אויף יעדן טראָט האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון ווייטאָג. כ׳בין צוגעקומען צום אָרט, ווו אונדזער הייזקע איז געשטאַנען, אָבער דער פּלאַץ איז געווען ליידיק. כ׳גיי צו נענטער און דריי זיך אַרום און אַרום. כ׳דערקען אַ שטיקל פון אַן אָפּגעבראָכענער וואַנט, אָבער מער איז נישטאָ קיין שפּור פון אַמאָל...

פאַר די אויגן זענען מיר געשטאַנען די געשטאַלטן פון מײַנע טאַטע־מאַמע, גוטע, ערלעכע מענטשן, האָבן קיינמאָל קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס. אַלע זייערע יאָרן שווער געהאָרעוועט אויפן שטיקל ברויט. פאַרוואָס איז אויף זיי אויסגעגאָסן געוואָרן אַזאַ גרויזאַמער צאָרן? וואָס איז מיט זיי אַלע געשען? ווי אַזוי איז עס געשען?

נישטאָ קיינער פון זיי... ווער קען דען וועגן דעם שרייבן? ווער קען איבערגעבן דעם מאָמענט פון שטיין איבער די חורבות פון אַ טייערער היים?

כ׳האָב געפילט אויף זיך די פינצטערע בליקן פון די פּאָליאַקן אין קעגנאיבערדיקן הויז, וואָס האָבן דורך די פענצטער נאָכגעשפּירט דעם פּוילישן זעלנער, וואָס זוכט עפּעס אין די קופּעס מיסט. אפשר האָבן זיי געלאַכט פון מיר אין די פויסטן. זיי האָבן דאָך געוווּסט, אַז ס׳איז שוין דאָרט גאָרנישט געבליבן. אַלץ איז נאָך אַ סך פריער געוואָרן אויסגערויבט אויסגעפּלינדערט און פאַרניכטעט.

צי האָט עמעץ פון זיי פאַרשטאַנען, אַז אונטערן מיליטערישן מונדיר קלאַפּט דאָס האַרץ פון אַ יידישן בחור, וואָס

האָט דאָ אַמאָל געלעבט מיט זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער און געחלומט פון אַ בעסערער וועלט ?...

איצט שטייט ער אויף די חורבות פון זיין חלום און זיין האַרץ, שווער פֿאַרוווּנדעט, גייט אויס פון ווייטאַג, גייט אָפּ אין בלוט. די וווּנד וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פֿאַרהיילן, נישט אויפהערן צו בלוטיקן.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער די היימישע גאַסן און געסלעך. צוגענומען איז געוואָרן די נשמה פון דער שטאָט. עס איז געוואָרן אויסגעלאָשן, ווי אָפּגעשטאָרבן.

אַ מאָדנע פוסטקייט האָט מיך אַרומגענומען. די זעלבע גאַסן און דאָך אַזוי פרעמד. נישטאָ קיין זכר פון דעם אַלעם, וואָס האָט דאָ געקאָכט און געררויִשט. עס איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן דער בייזער חלום פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן אַלע יאָרן געקעמפט אַז פּוילן זאָל זיין אָן יידן. זיי האָבן עס דערגרייכט. זיי האָבן עס געהאָלפן היטלערן פֿאַרווירקלעכן דעם פינצטערן חלום.

נישטאָ מער די יידן, וואָס האָבן דאָ אויפגעבויט אַ ברויזנדיקן צענטער פון האַנדל און מלאכה און האָבן באַדינט דער גאַנצער אַרומיקער פּוילישער באַפעלקערונג מיט אַלע נויטיקע אַרטיקלען. דאָ, אין כעלעם, ביי די יידישע שמידן און קאָוואַלעס, שניידער, קירזשנערס און שוסטערס, סטאָליאַרעס און רימערס האָבן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פֿאַראַכטן זייערע אַקער־מכשירים, זייערע פורן און שליטנס, אויפגענייט זיך אַ מלבוש, אַ פּאָר שטיוול און אַ פּעלץ צום ווינטער. געאַרבעט האָבן זיי, די יידישע בעלי־מלאכות פּאַר גראָשנס, ממש פּאַר ברויט מיט וואַסער.

די מחשבות אין מיין מוח האָבן זיך אַרומגעיאָגט צעשויבערטע. כ׳האָב געטראַכט וועגן די כעלעמער יידישע סוחרים, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט ווייץ, קאָרן, קאַניטשינע און פֿאַרשידענע אַנדערע פּראָדוקטן און זיי האָבן דאָס אַלץ צעשיקט אין די ווייטסטע ערטער. וויפל לעבן האָבן די דאָזיקע יידן אַריינגעברענגט אין דער גאַנצער געגנט. דער מאַרק איז שטענדיק פול געווען מיט זיי. גרופּנווייז פלעגן זיי דאָ שטיין און שמועסן, אַמפּערן זיך, שליסן אָפּמאַכן. געווימלט האָט עס דאָ אויך מיט קרעמער, קליינע סוחרימלעך. זיי האָבן אַלעמאָל שטאַרק גענויטיקט זיך אין הלוואות און געווען פֿאַרבאָדן אין חובות ביז איבערן קאָפּ.

אונטערן איינדרוק פון די אַ דערמאָנונגען איז מיר געוואָרן שווער צו שטיין אויף די פיס. די בילדער פון אַמאָליקן כעלעם האָבן זיך איינגעגעסן אין מיר און אַלץ אַרום, איינעם איצטיקן כעלעם, האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַן אַנדערע רעאַליטעט, אַ מין באַדנלאָזע ווירקלעכקייט און מען דאַרף האָבן דעם כוח פון אַ חיה צו לעבן אין איר.

ס׳האָט ווייטיקלעך געשניטן אין מוח דער געדאַנק, אַז כ׳וועל שוין דאָ נישט טרעפן קיין איין באַקאַנט פּנים. קיין איין ייד, וואָס זאָל אַרויסקומען פון איינעם פון די צענדליקער בתי־מדרשים, קלויזן, חסידים־שטיבלעך, שולן און שילעכלעך. פון די אויגן האָבן זיך מיר געגאָסן טרערן און אין האַלדז האָט געשטיקט אַ יאָמערלעך געוויין. כ׳האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט זיך צעוויינען און שרייען אינמיטן גאַס, אָבער כ׳האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, ווי דאָס וועט ווײַלן די גוים, ווי זיי וועלן זיך עס צעלאַכן פונעם יידישן זעלנער, וואָס וויינט אויפן חורבן פון זיין היים.

די קאַלטע פרעמדקייט, וואָס האָט געיאָגט פון די הייזער, פון די פֿאַרבייגייער האָט אָפּגענומען דעם ווילן, דעם כוח און האָט בלויז פֿאַרשטאַרקט דאָס געפילן פון עלנט און פֿאַרצווייפלונג.

פֿאַרזונקען אין די טרויעריקע מחשבות בין איך ווייטער געגאַנגען איבער די אָפּגעשטאָרבענע געסלעך. די הייזער, די שטיינער, אַלץ האָט געשריגן מיט יענעם געשריי פונעם מוראַדיקסטן אומקום, וואָס מענטשן האָבן געקענט אויסטראַכטן. איינצלנע פֿאַרבייגייער האָבן געקוקט אויף מיר מיט פֿאַרדעכטיק, פרעמד. פון זייערע אויגן, פּנימער האָב איך אַרויסגעלייענט דעם חשד : וואָס זוכט ער דאָ, דער זעלנער ? צי איז ער נישט געקומען אויפמאָנען דאָ אַן עוולה, וואָס נישט איינער פון זיי האָט אויף זיין געוויסן ?

ווי אַלץ האָט עס זיך פֿאַרענדיקט און דאָך האָב איך נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו זוכן, קוקן די מענטשן פֿאַרשעריש אין די אויגן : אפשר וועט זיך פּאָרט באַווייזן אַ ייד, אַ נאָענט, היימיש פּנים, וואָס זאָל מיר דערציילן ווי אַזוי דאָס איז געשען און זאָל איבערחזרן פּאַר מיר די געשיכטע פון די אַלע גרוילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטון אויף דער דאָזיקער ערד.

אַ צעבראָכענער האָב איך זיך דערשלעפּט צום מאַרק. ס׳איז געווען אַ טאָרג, אָבער אָן יענעם לעבן פון אַמאָל. פּויערים האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן קראָמען, אין וועלכע מ׳האָט נאָך אַלץ געהאַנדלט מיט די יידישע זאַכן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צווישן די הענדלער זע איך עטלעכע יידישע פּנימער. מיר איז עס געווען שווער צו באַגרייפן. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם בלינדן בעטלער, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע און זיך צוגעזונגען דאָס זעלבע ליד וועגן אַ מכשפה, וואָס האָט פֿאַרשאָלטן אַ שיינע פּרינצעסין און זיך באַהאַלטן אין אַ פינצטערער הייל...

יענע נאַכט בין איך אַוועק איבערנעכטיקן אין לאָקאַל פון יידישן קאָמיטעט. כ׳האָב דאָרט באַגעגנט סרולטשע קופּער, אָבער ער האָט נישט געהאַט וואָס צו דערציילן מיר. ער איז אַליין אויך געקומען פון רוסלאַנד און האָט זיך אויך אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדער און באַוויינט דעם מוראַדיקן חורבן.

כ׳האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ טיש, אין די מלבושים. ס׳איז שוין געווען שטאָק נאַכט. אַ מינוט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ׳דאַרף בלויז צומאַכן די אויגן און שווייגן מיט אַלע אברים, וועלן אויפהערן די יסורים, אָבער כ׳האָב בשום אופן נישט געקענט צומאַכן אַן אויג. פון דער פינצטערניש, אַזאַ טיפע און געדיכטע, זענען אויפגעקומען פּאַר מיר די געשטאַלטן פון מיינע נאָענטסטע און טייערסטע. אינעם צווייטן הויז פונדאַנען האָבן מיר אַמאָל געוווינט. דאָרט איז געשטאַנען מיין וויגל, דאָרט האָב איך פֿאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן,

אויסגעוואַקסן און געווען פאַרנומען מיט חלומען וועגן אַ שענערער וועלט, וועגן יושר און צדק. פון דער דאָזיקער שטוב בין איך אַרויס אין דער ברייטער וועלט זוכן אַן אָרט פאַר זיך, עקזאַלטירט זיך מיט געזאַנג, מיט פּאָעזיע און תמיד האָבן מיך באַגלייט די געשטאַלטן פון מיינע נאָענטסטע אין כעלעם, דאָס געזאַנג פון די פאָלקס־לידער אין אָרעמע שטובן און אין האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, אויף שפּאַצירן אין וואַלד און חלומות, חלומות...

אומזיסט איז דאָס אַלץ געווען. גאָרנישט איז פון דעם אַלעם געבליבן, בלויז חורבות, אַזויפיל חורבות, אַזש נישט צו באַנעמען, נישט צו באַגרייפן. איינס איז פאַר מיר קלאָר, אַז קיין פרייד וועל איך שוין קיינמאָל נישט האָבן אין לעבן, זי איז אינגאַנצן פאַרשניטן געוואָרן און וועט שוין קיינמאָל נישט האָבן קיין צוטריט צו מיין האַרצן. קיינמאָל וועל איך שוין נישט פּראַווען קיין שמחות, נישט פייערן קיין ימים־טובים.

אין יענער נאַכט האָב איך שוין אויף קלאָר געוווסט, אַז איך וועל מער אין כעלעם נישט קענען זיין, נישט אין קיין שום אָרט אין פּוילן, ווו די ערד איז דורכגעזאַפּט מיט אומשולדיק יידיש בלוט און דאָס געשריי פון פאַרגאָסענעם בלוט הערט נישט אויף צו הילכן אין מיינע אויערן, מאָנט און לאָזט נישט פאַרגעסן.

יעדע שטאָט אין פּוילן, יעדעס שטיקל ערד איז אַ בית־עלמין און אויף קברים טאָר מען נישט וווינען.

איך האָב געוואָלט אַוועק פון דער בלוטיקער פּוילישער ערד. כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראָגן די לופט, די אַטמאָספער און נישט די פּנימער. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלע די פּנימער האָבן זיך צוגעקוקט צו די אַקציעס און טראַנספּאָרטן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלע זייערע הענט זענען איינגעשמירט מיט יידיש בלוט. אפילו ווען זיי אַליין האָבן נישט געמאָרדעט, האָבן זיי געהאָלפן, האָבן זיי געוווסט און געמוטיקט אַנדערע צו די גרויליקע מעשים.

די קאשמארן האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט אויך אין די ווייטערדיקע טעג און נעכט. צומערגסטן זענען די נעכט. עס נעמט מיך נישט קיין שלאָף און אין האַלב־דרימל חלומט זיך מיר, אַז איך בלאָנדזשע איבער וויסטע וועגן און קען נישט געפינען דעם וועג אַהיים. כ׳הער קרעכצן און געוויינען, וואָס קומען פון גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, פון מאַסן־קברים. אָט זע איך אַ לוויה, וואָס ציט זיך איבער אַ גאַס אין וואַרשע. מיין טאַטע און מיינע ברידער, וועלכע זענען געווען אין דער חברה קדישא אין כעלעם, טראָגן דעם ארון. כ׳לויף זיי נאָך און וויל שרייען, פאַרוואָס מען באַגראָבט כעלעמער יידן אין וואַרשע, אָבער די לוויה פאַרשווינדט און כ׳הער בלויז דעם טאַטנס געשריי, אַז כ׳זאָל אַנטלויפן...

די טריט אויף דער כעלעמער ערד האָבן ווי געבריט מיינע פיס. כ׳האָב נאָך אַלץ געוואָלט שפּרייזן, לויפן, זוכן, אָבער אַליין נישט געוווסט וואָס. כ׳ווייס בלויז, אַז דאָ האָב איך געהאַט אַמאָל טייערע עלטערן, אַזויפיל קרובים, חברים, פריינד, אָבער די ערד האָט זיי אַלע איינגעשלונגען.

